STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04547

HAVER KISLIAKOV

Panteleimon Romanov

Permanent preservation of this book was made possible by Charles & Marjorie Housen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאנטעלײמאָן ראָמאַנאָװ

חבר קיסליאַקאָװ

(ראָמאַן)

ייִדיש — ש. זאַקס

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב, װאַרשע
1930

Printed in Poland

P. ROMANOW
Towarzysz Kislakow
Wyd. Sz. Goldfarb
Warszawa, Dzika 31
1 9 3 0

[illegible] WARSZAWA, SIERAKOWSKA [illegible]

פאַנטעלײמאָן ראָמאַנאָװ

חבר קיסליאַקאָװ

(ר א מ א ן)

ייִדיש — ש. זאַקס

פ אַ ר ל אַ ג ש ל מ ה ג אָ ל ד פ אַ ר ב, װ אַ ר ש ע
1 9 3 0

Printed in Poland

P. ROMANOW
Towarzysz Kislakow
Wyd. Sz. Goldfarb
Warszawa, Dzika 31
1930

[illegible] WARSZAWA, [illegible]

יידישן צענטער
ביבליאטעק

*

די אויספאָרשונג וועגן דער סודותפולער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם 1־טען אָקטאָבער אויף דער סאַדאָווער גאַס אין דער וווינונג פונם וויסנשאַפטלעכן אַרבעטער אַרקאַדי ניעזנאַמאָוו, האָט נישט געקאָנט פעסטשטעלן, צי דאָס איז געווען אַ מאָרד אָדער אַ זעלבסטמאָרד.

אַז דאָס איז געווען אַ מאָרד, האָט גערעדט דער אומשטאַנד, וואָס דער אַלטער קאַווקאַזער קינזשאַל, וועלכן מ׳האָט געפונען אין צימער אונטערן גרויסן פּאָטעל פון ניסנהאָלץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ וואָפן־שטיק, וואָס געהערט צום מיטאַרבעטער פון צענטראַלן מוזיי, אַ מענטשן, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער איינוווינער אין יענער וווינונג.

די קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען פונקט אינדערצייט, ווען ער איז געווען אין צימער און ד אָ ס ג ע ש ר י י האָט זיך דערהערט פון יענעם צימער, נאָכדעם, ווי ער איז אַהין אַרייַנגעקומען. דער גאַנצער צוזאַמענהאַנג פון די באַדיגגונגען האָט אָבער דאָך גערעדט קעגן דעם, אַז ער זאָל האָבן אַ וואָסער נישט איז שייכות צום מאָרד. מאַנכע מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז דידאָזיקע דראַמע האָט זיך פאַרבונדן אינמיטן אויגוסט, ד. ה. מיט אָנדערהאַלבן חדשים פאַר דעם, איידער ס׳איז פאָרגעקומען די קאַטאַסטראָפע. מ׳קאָן דאָך אָבער נישט האַלטן פאַר אַן אָנהייב און פאַרבינדונג פון דער דראַמע דעם פאַקט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַ באַגעגניש צווישן די פערזאָנען, וואָס פיגורירן אין

דער דראַמע. און ווען מ׳זאָל אָננעמען, אַז די פּערזאָן, וועלכע מ׳איז חושד אינם מאָרד, איז אין דעם נישט שולדיק, ווערט דע־מאָלט, קאָן זיין, ווערן קלאָרער די ראָל פון די איבעריקע פּער־זאָנען פון דערדאָזיקער דראַמע: אין די בריוו, וועלכע די אויס־פאָרשונג האָט אַנטדעקט, האָט מיט אַ גענוגנדיקער קלאָרקייט זיך אַרויסגעוויזן די ראָל פון אַנדערע פּערזאָנען — פון דראַ־בינען און פּאַמינען — וועלכע האָבן זיך אין אַרקאַדי ניעזנאַ־מאָװס פאַמיליע גערופן דער ערשטער: דער פּעטער מישוך און דער אַנדערער: ליעוואַטשקאָ. חוצדעם שטרייכט אונטער דאָס שייכות פון אַ געוויסן אויסלענדער מילער און גיט אָט דער טראַגעדיע צו די מעגלעכקייט זיך צו מאַכן גאַנץ באַשטימטע אויספירונגען דערוועגן.

ווען מ׳זאָלן דאָס אַלץ נעמען אין אַכט, וועט דאַן ווערן קלאָר, אַז די פאַרבינדונג פון דער דראַמע האָט זיך אָנגעהויבן נישט אין אויגוסט אין מאָסקווע, נאָר אין סמאָלענסק...

ס׳קאָן זיין, אַז אין דער הינזיכט איז נענטער צום אמת געווען די פּרעסע, וועלכע האָט קודם־כל באַמערקט, אַז די אויס־שעפּנדיקע דערקלערונגען פון אָט דעם פאַל דאַרף מען זוכן נישט אינם קרימינעלן פּלאַן, נאָר אין עפּעס גאָר אַן אַנדערן פּלאַן.

די פּרעסע האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די „גרונטשטי־מונג (וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די געפונענע דריי בריוו), אַנטדעקט און ווייזט אָן אויף אַ טיף פאַרבאָרגענע שרעקלעכע קרענק, וועלכע צעפרעסט די „נשמה" פון דער אינטעליגענץ, אפילו פון יענער, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט אונדז און איז פאַר איר אַ בייז וואָרענישי".

די באַדינגונגען פון דער תקופה — איז געווען ווייטער געזאָגט אין דער צייטונג, — פאָדערן, אַז די אינטעליגענץ זאָל ענטגילטיק, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, איבערקוקן אירע פּאָליטישע פּאָזיציעס. אינם היסטאָרישן מאָמענט פון דער סאָציאַליסטישער אָפענסיווע און פאַרשאַרפונג פונם קלאַסן־קאַמף, מוז מען ווערן אָדער אַן אַקטיווער קעמפער אָדער אינגאַנצן אַראָפּגיין פון דער

סצענע אינם סאַמען בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. נישט געקוקט אָבער אויף אַלע באַמיונגען פון דער אויספאָרשונגס-מאַכט, איז די קרימינעלע זייט פונם דאָזיקן טראַגישן פאַל פונדעסטוועגן געבליבן נישט אויפגעקלערט און נישט דערגאַנגען.

I

אין דעם יאָר איז אין אויגיסט געשטאַנען אַ הייס וועטער, אינגאַנצן אַ זומערדיקס. מאָסקווע האָט אויף דער זון פון פרימאָרגן געבלאַנקט און געגלאַנצט דורך דעם רויכעלע פון בלאָלעכן נעפּל, געגלאַנצט מיט די קעפּ פון אירע צערקוועס און די פענצטער פון די הייזער אָן אַ שיעור.

בגאָסן פון אינדערפרי אָן מיט וואַסער, האָבן די צוגעקערטע ברוקירטע גאַסן אין שאָטן געאָטעמט מיט אויגוסט-קילקייט און אויף דער זון-זייט האָבן זיי געגלאַנצט מיט אַ פייכטן גלאַנץ פון שטיינער, וואָס זענען גיך אויסגעטרוקנט געוואָרן פון דער זון, וואָס האָט גענומען טאָפּלט בראָטן.

פון וואָקזאַל האָבן פעריאָדיש, מיט יעדן אָנקומענדיקן דאַטשע-צוג און אויך מיט יעדן צוג פון די ווייטע מקומות, זיך אַרויסגעשאָטן אויפן פּלאַץ ווי שפּילצייג פון אַ קעסטל, פּאַסאַזשירן מיט רייזע-קערב, קעסטלעך און וואַליזעס. ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די פולע אָפּוועזנהייט פון אינטעליגענטע פּנימער, בורזשואַזע קאַפּעליושלעך, פּאַראַסאָלן און האַרטע קאָפּעליושן; צוממייסטן זענען די פּאַסאַזשירן און פּאַסאַזשירקעס געווען אָנגעטון אין רויטע פּאַטשיילעס, קופּקעס און זיי זענען אַלע באַפאַלן די דורכגייענדיקע טראַמווייען און ווי צוגעקלעפּט זיך צו זיי; זיי האָבן זיך געדונגען מיט די אָנפּאַרנדיקע דראָזשקאַזשעס און פּאַמעלעך זיך פּאַנאַנדערגעפּלאָסן אין אַלע ריכטונ-

גען צווישן דעם געפילדער און טומל פון גאַס און גערויש פון דער רעזידענץ־שטאָט.

יעדן, וואָס איז געקומען צו פאָרן נאָך עטלעכע יאָר אָפּוועזנהייט קיין מאָסקווע, האָט שטאַרק איבערראַשט דער דאָזיקער טומל, צו וועלכן ער איז פריער נישט געווען געוווינט: — איבער די גאַסן האָבן זיך מיט אַ כסדרדיקער פייפעריי דורכגעטראָגן גראָבזייטיקע אויטאָבוסן און, נישט פארשוויגן ווערנדיק אויף קיין רגע, האָבן געקלונגען די טראַמווייען אויף די קרייצוועגן, אויף וועלכע ס'האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט מענטשן. צעטרייסלענדיק דעם ברוק האָט מען אויף לאַנגע פורן ערגעץ געפירט לאַנגע אייזערנע שינעס; פון ערגעץ האָט זיך געהערט אַ גריל־צנדיקער קלונג פון אייזערנע בעלקעס, איבער וועלכע מ'האָט געקלאַפּט מיט אַ שווערן האַמער — און די דאָזיקע קלעפּ האָבן טויב זיך אָפּגעשלאָגן אין נאָענטסטן געסל.

און צווישן אָט דעם גערויש, טומל און קלאַפּעריי האָט פון ביידע זייטן גאַס זיך געטראָגן אַ כסדרדיקער אומאויפהערלעכער שטראָם פון מענטשן.

— וואָס איז דאָ געשען מיט זיי, מאַמעלע מיינע — האָט דער אָנגעקומענער פּאַסאַזשיר זיך שטאַרק געחידושט — ס'האָט זיי דורכגעריסן, וואָס?

און האָט אין פאַרצווייפלונג זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן.

אַ פּנים, אַז ס'איז געווען עפּעס אַ יום־טוב, ווייל ס'האָבן זיך אָפּט באַגעגנט פּראָצעסיעס פון יוגנטלעכע, וועלכע האָבן מאַרשירט מיט פענער. די וואָס זענען געגאַנגען פון פאָרנט, האָבן מאַרשירט מיט שטרענגע ערנסטע פּנימער, די, ווידער, וואָס זענען געגאַנגען אין מיטן און פון הינטן, האָבן גערעדט איינער מיטן אַנדערן און זענען איבערגעלאָפן פון איין שורה אין דער אנדערער.

איבער דער גאַס האָט מען אָפּט געזען אויסגעצויגענע רויטע לייוונטער, צוגעבונדן מיט שטריק צו די לאַמטערנעס. און אַלע דורכגייער דורכגייענדיק אונטער זיי, האָבן אויפגעהויבן די

קעפ און געלייענט: „דורך דעם אייזערנעם ווילן פונם אַרבעטער־קלאַס ווילן מיר אויסבויען דעם סאָציאַליזם", אָדער: „לאָמיר אויסרייניקן פון אונדזער אַפּאַראַט די פיינטלעכע און פרעמדע עלעמענטן".

— גייט, שטייט נישט אויף איין אָרט, גענעצט נישט! אין דער היים וועט איר איבערלייענען! — האָבן געשריגן די, וואָס זענען געגאַנגען פון הינטן. אָבער באַלד האָבן זיי זיך אַליין אויך אָפּגעשטעלט, ווייל אינמיטן דער גאַס איז געשטאַנען אַ מאָדנע מאַשין מיט אויסלענדישע שטעמפּלען אויף די זייטן און אַרום איר האָבן זיך געפּאָרעט צוויי מענטשן, אויסגעפּאַטשקעט אין נאַפט מיט ברעזענטענע קורטקעס. די מאַשין האָט געבראָכן דעם אַלטן אַספּאַלט אויף דער גאַס, וועלכע מ'האָט רעמאָנטירט צונויפּזאַמלענדיק אַרום זיך צוקוקערס.

אין איינעם פון די געסלעך איז צווישן די אָנגעוואָרפענע האָלץ־מאַטעריאַלן און אייזערנע בעלקעס, הויך געשטאַנען אַ ריזיק הויז, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען, איינגעצאַנצן, ווי אַ שאַכטל, אַרומגעניייט מיט פּאַנערן. פון דאָרטן האָט זיך געהערט אַ דראָבנע קלאַפּעריי פון דעוויהויך, געשרייען און זידלערייען פון די פּור־מאַנעס, וועלכע האָבן מיט זייערע פורן ציגל און ברעטער פאַר־שטאָפּט דעם דורכגאַנג און דורכפאָר איבערן געסל.

— טו זיך אַ רוק פאָרויס! — האָט איינער געשריגן — וואָס האָסטו זיך אויסגעשפּרייט אינמיטן דער גאַס, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן.

— וווהין זאָל איך זיך רוקן, סיידן איך זאָל פליען אין דער לופטן! — האָט אָפּגעענטפערט דער אַנדערער פורמאַן.

דער דריטער האָט אויך עפּעס געשריגן, נאָר זיין שטים איז פאַרטייבט געוואָרן דורכן גערויש פון די בעלקעס, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון דער הייך און דורך דעם קריצנדיקן קוויטש פון די ברעטער, וועלכע מ'האָט אָפּגעריסן, און וועלכע זענען גע־ווען צוגעשלאָגן מיט לאַנגע טשוועקעס צו די רושטאָוואַניעס.

— אַן אמתער סדום איז דאָך דאָ, דער רוח זאָל עס נע־

מען!—האָט דער ערשטער פורמאַן זיך געבייזערט, א שפּיי טועג־דיק און אָפּטרעטנדיק פון זיין פערד צום טראָטואַר.

אַן אָפּטיילונג פּיאָנערן, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורכן געסל אין בלאָע בלוזעס מיט א פויקער פון פאָרנט, האָט זיך אָפּגע־שטעלט פאַר די פורן, נישט וויסנדיק וואָס צו טון: צי גיין ווייטער, אָדער צו וואַרטן אַביסל.

— וואוהין שטופּט איר זיך! — האָט אויף זיי א געשריי געטון אַ פורמאַן — צי זעט איר דען נישט, אז ס׳איז נישטאָ קיין דורכגאַנג, — פאַנאַנדערגעגאַנגען. זיי וויסן נאָר איין זאַך: גיין!

II

נאָר איין הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמען צענ־טער פון דער בוי־ארבעט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין דורך דעם, וואָס צווישן אים און דער אָנגעשטרענגטקייט פונם דאָזיקן לעבן אַרום אים איז נישט געווען קיין שום האַרמאָניע: די שטילקייט, וואָס האָט אין אים געהערשט, האָט לגמרי נישט אַריינגעפאַסט אין דעם קאָכעדיקן און רוישיקן לעבן אויף דער גאַס.

די הויכע פענצטער אין פאָרעם פון פיילן, מיט קראַטעס, דאָס אָנגעבלאָזן־שווייגנדיק אויסזען – האָט דאָס הויז געמאַכט ענלעך צו א קירך און דער נישט פאַרענדיקטער סכום טורעמלעך און שפּיצן אויפן דאַך האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט דידאָזיקע ענ־לעכקייט.

שווערע דעמבענע טירן מיט געפלאָכטענע הענטלעך האָבן זיך געעפנט מיט גרויס מי און אייבמאָל עפענענדיק זיך, האָבן זיי מיט זייער שווערקייט געצויגן דעם אַריינגייער אינעווייניק אַריין אַזוי, אז אים איז אויסגעקומען זיך אַריינצושפּאַרן נישט צו ווערן חלילה צעקוועטשט אינמיטן...

ביז צען א זייגער אינדערפרי זענען די טירן פונם דאָזיקן

מאָדנעם אנשטאַלט, ווי להיפּוך צום אָרט לעבן און טומל פון דער גאַס געבליבן פאַרמאַכט און שטום.

און ערשט צען א זייגער פלעגט זיך איין שווערע העלפט טיר עפענען. עפּעמען פלעגט זי א הדרת-פּנימדיקער זקן, דער שווייצער אין א ווייסן מונדיר און אויסגעפּוצטע שיך. ער פלעגט אונטערלייגן אונטער דער טיר א שטיק ציגל, כדי זי זאָל זיך נישט פאַרמאַכן, — איבערוקנדיק די ברילן פונעם אייבערשטן טייל נאָז אויפן שטערן, אויסגלייכנדיק דעם רוקן און זיך אומגעקוקט אויפן הימל, וואָס האָט זיך געבלאָט איבער די ביימער און דעכער.

— וואָס זאָגסטו, וואָסער וועטער עס שטייט היינט, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום סטרוזש מיטן בעזעם און אייזערנע שויפל צונויפצוקערן דאָס מיסט.

— יאָ, א וווּיל וועטערל,—האָט יענער געענטפערט, אויך זיך אומקוקנדיק אַרום און אַרום.

— אָן אמתע ברכה, — האָט דער שווייצאַר געזאָגט און איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. איבער די האַרטע טעפּיכער פון פּענקע, אין די שטובן אַריין איבערצוליייענען די פרישע צייטונג צו זיין טישל, וואָס איז געשטאַנען ביי א קאָלומנע.

דער זייער גרויסער אַריינגאַנג מיט הויכע קאָלומנעס מיט געוועלבטע געצייכנטע סופיטן, די שטיגן וואָס זענען אַוועק אינ-דערהויך מיט אָן א שיעור, ווייסע סטאַטועם אין די זייטן — האָבן אויפן באַזוכער געווירקט דערדריקנדיק א דאַנק דער אומע-טיקער שווייגנדיקער מאַיעסטעטישקייט פון אַלעם אַרום.

קאַרגע שטראַלן זון-שיין זענען אַריינגעדרונגען אהער פון ערגעץ אויבן, — אפשים פון פיל קאָלירקע שויבן — און האָבן באַלויכטן די קאָלומנעס און די ווייסע טרעפּ פון די שטיגן, וואָס זענען געגאַנגען אַביסל „באַרג-אַראָפּ״.

יעדער קלאַנג פון א שטים אָדער פון א הוסט האָט טויב אָפּגעהילכט אונטער די געוועלבן, ווי אין קירך און דער מענטש, וואָס האָט דורך זיין שטים אָדער הוסט אַרויסגערופן דעמדאָזיקן גערויש, האָט זיך אַליין פאַר דעם ווי דערשראָקן.

די קילקייט פון די שטיינערנע געוועלבן נאָך דער דושנע־קייט פון דער גאַס און עפּעס א ריח פון א קירך, וואָס האָט זיך וואַרשיינלעך געטראָגן פון די אָלעום־פאַרבן אויף די ווענט און סופיטן, די אומבאַוועגלעכקייט פון די מאַסיווע פילאַרן האָבן ווי געררעדט וועגן דער אייביקער אומבאַוועגלעכקייט, וואָס איז אַזוי פיינטלעך צו דער קאָכעדיקער באַוועגלעכקייט פון דער גאַס.

דאָס איז געווען די געביידע פונם צענטראַלן מוזיי.

נאָך צען א זייגער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די מיטאַרבעטער. זיי האָבן צומייסטן געהאַט עפּעס געמיינזאַמס מיטן סאַמען אַנשטאַלט. אויב אויף דער גאַס האָבן דאָמינירט רוישיקע מענטשן אין קופקעס, אין רויטע פאַטשיילעס, שטיוול, — זענען דאָס געווען בלויז אינטעליגענטע פנימער: מאַנספּערשוינען אין קאַפּעלושן, אין פּאַלטאָס, דאַמען אין באַשיידענע פאַרדעקטע קליי־דער און מיט גראָע פריזורן, וועלכע זיי האָבן פאַריכט פאַרן שפּיגל איידער זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אינדערהייך.

דער שווייצאַר סערגיי איוואַנאָוויטש האָט, אַראָפּנעמענדיק אינדערגיך די ברילן פון זיין ברודיקן פליכעוואַטן קאָפּ, מיט א באַזונדער צופרידנקייט זיך געוואָרפן אַראָפּנעמען די אייבערשטע מלבושים פון די אָנגעקומענע און האָט זיך צו מאַנכע פון זיי געווענדט מיט א העפלעכער פראַזע:

— אַי, א וועטערל האָט דער אייבערשטער אונדז היינט צוגעשיקט.

די מאַנספּערשוינען זענען אַלע געווען אָנגעטון אין מאַרי־נאַרקעס מיט אייבערהעמדער אין שטרייפן, און אומבאַדינגט אין קראַוואַטן מיט ספּינקעס. פון די אינטעליגענטן איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיך דעצידירן עובר צו זיין איבערן אַל־געמיינעם טאָן און קומען אהער אין א העמד מיט אן אָפענעם קראַגן און מיט אַרבל, פאַרשאַרצט ביזן עלנבויגן.

נאָר עטלעכע מענטשן פון גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע זע־נען נישט אַריינגייענדיק אין דער שאַטניע, גלייך אַרויף אויבן, ווייל זיי זענען געקומען אָן פּאַלטאָס און אָן הוט. דאָס זענען

געוועזן קאָמסאָמאָלצעס און ווידוויזשענצעס*) פֿון אַרבעטער־קלאַס. מ׳האָט זיי שווייגנדיק נאָכגעקוקט.

געוויינטלעך פֿלעגן אַלע אַהער קומען אין אַ גוטער שטימונג, ווי גוטע פּריצים אין זייער גוט, און פֿלעגן שטעלן דעם שווייצאַר עטלעכע פֿראַגן. איינער למשל, פֿלעגט פֿרעגן:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אין די צייטונגען, סערגיי איוואַנאָוויטש.

— מען האַלט זיך כסדר אַלץ אין איין בויען — פֿלעגט יענער ענטפֿערן אַביסל איראָניש, אינם טאָן פֿון דער געשטעלטער פֿראַגע.

די מאַנספּערשוינען פֿלעגן העפֿלעך באַגריסנדיק קושן די דאַמען אין די הענטלעך, די באַיאָרנטע און אַלטע — מיט אַ באַזונדער העפֿלעכקייט און דרך־ארץ. ס׳איז געוועזן צו זען, אַז נישט די יוגנט, נאָר די אַלטע דאַמען האָבן דאָ אונטערגעהאַלטן די איינמאָל פּאַר אַלעמאָל איינגעפֿירטע אָרדנונג און אומעטום געגעבן אַ טאָן. און דער טאָן זייערער איז געווען אַ סאַמע העפֿלעכער. דאָ פֿלעגט מען זיך שטענדיק אויסדריקן: „איר האָט באַוויליקט צו זאָגן", זייט אַזוי גוט איבערצוגעבן א. א. וו.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ליב געהאַט זיין אַנשטאַלט און איז אויף אים געווען שטאָלץ. ער איז געווען שטאָלץ אויף דער זויבערקייט פֿונם אַנשטאַלט, די אַנשטענדיקייט, וואָס דאָרט האָט געהערשט און אויף דעם, וואָס אַלע אָנגעשטעלטע זענען אַזעלכע העפֿלעכע, באַנעמיקע, עכט אינטעליגענטע הערן, וואָס פֿאַרשרייבן זיך אויף אָרדענונג: קיינער קומט נישט אין אַ שמוציק וועטער אָן קאַלאָשן, וואַרפֿט נישט די נישט דערייכערטע פּאַפּיראָסן אויף דער פּאָדלאָגע, שפּייט נישט; און יעדער גיט אים סוף חודש „אויף טיי".

אָבער היינט איז אויף די פּנימער פֿון די מיטאַרבעטער נישט געווען זייער געוויינטלעכע רויקייט, זיי האָבן זיך נישט געאיילט אויפֿצוהייבן אין דער הייך און האָבן זיך צונויפֿגע־

---

*) וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט.

זאַמלט גרופּנווייז אונטער די פּילאַרן און ווען עפּעס אומרויק צווישן זיך גערעדט מיט נישט קיין הויכע שטימען.

צווישן אַלע האָט זיך אויסגעטיילט אַ דיקע מאַיעסטעטי־שע פרוי מיט גראָע פאַרפלאָכטענע האָר, מיט אַ לאָרנעטקע, וואָס האָט זיך געבאָמבלט נידריקער פאַרן גאַרטל אויף אַ לאַנג שנורל. זי איז מער פון אַלע געווען אויפגערעגט און האָט זיך געקאָכט, האָט פאַרחידושט פאַנאַנדערגעפירט די הענט מיט די דלאָניעס אַרויף, געקוועטשט מיט די פּלייצעס, דערביי האָבן זיך אירע ברעמען אויפגעהויבן אין דער הייך מיט אַן אויסדרוק פון אַן אומרויקער פראַגע, וואָס קאָן נישט געלעזט ווערן. דאָס איז געווען מאַריע פּאַוולאָוונע באַכמוטאָווע, וועלכע האָט געאַר־בעט אין דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון דער ביבליאָטעק.

נעבן איר איז געשטאַנען אַ הויכער אַלטער מאַן מיט אַן אויסזען פון אַן איידעלן פּריץ, מיט אַ גראָ בערדל, פון אונטן צעטיילט אויף צוויי, אין אַ קאַפּעלוש און אין אַ מאָדישע לייכ־טע פּעלערין, וועלכע ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצונע־מען פון זיך און איר איבערלאָזן אין דער שאַטניע. דאָס איז געווען אַנדריי איגנאַטיטש אַנדריעווסקי, דער פאַרוואַלטער פון דער בילדער און פאַרפאַר־אָפּטיילונג.

צו אים, ווי צו אַן אויטאָריטעטער פערזאָן, א גרויסן מבין אויף בילדער און פאַרפאָרן, פלעגט מען זיך ווענדן נאָך דערקלערונגען.

— כ׳פאַרשטיי נישט, וואָס־זשע קאָן עס זיין? — האָט מאַ־ריע פּאַוולאָוונע געזאָגט.

— די פאַרטזעצונג און פאַרטיפונג פון דעם וואָס עס האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן— האָט אַנדריי איגנאַטיטש געענטפערט.

— ווי־זשע איז איפּאָליט גריגאָרעוויטש קיסליאַקאָוו? אפשר ווייסט ער עפּעס גענויערס. סערגיי איוואַנאָוויטש קיסליאַקאָוו איז נאָך נישט געקומען?

— ניין.

אָבער פּלוצלינג זענען אַלע פאַרשוויגן געוואָרן. אין ברייטן פּאַדערצימער איז אַריינגעקומען אַ מאָדנער מענטש אין שטיוול

און אין אַ מאַרינאַרקע, וואָס פאַרשפּילעוועט זיך אויף ביידע זייטן און איז געווען אָנגעטון אויף אַ בלאָער קאָסאָוואָראָטקע *).
ער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר פינף און דרייסיק און געהאַט אַ מאָגער, ראַזירט פּנים. אויף דער לינקער שלייף האָט ער געהאַט אַ שראַם, אַ פּנים — פון אַ קויל, וואָס האָט צעבראָכן דעם ביין פון דער שלייף און אויסגעהאַקט ביי אים אָן אויג, ווייל איין אויג איז ביי אים געווען אַ גלעזערנס. ער האָט, מחמת דעם, גע־האַט אַ באַזונדער גרויזאַמען אויסדרוק פונם פּנים, ווייל צום געוויינטלעכן בליק פון אַ לעבעדיק אויג, איז צוגעקומען דער אונטערווינקנדיקער שאַרפער בליק פונם גלעזערנעם אויג.
אַ מאָדנע שטילקייט איז אַנטשטאַנען אין פּאָדערצימער, ווען דערדאָזיקער מענטש האָט, נישט איילנדיק זיך, אָפּגעריבן זיינע שטויביקע שטיוול אָן דעם טעפּיכל ביי דער טיר. דערנאָך האָט ער אָפּגעגעבן זיין גראָע קעפּקע סערגיי איוואַנאָוויטשן, באַגריסנ־דיק אים:
— גוט מאָרגן, חבר מאָראָשקין.
— אַ שיינעם גוט מאָרגן אייך, אַנדריי זאַכאַראָוויטש.
ער האָט צוגעטראָגן די קעפּקע צום הענגער און דערביי זיך איבערגעקוקט מיט די מיטאַרבעטער.
דער, וואָס איז געקומען, האָט מיט אַביסל באַוווּנדערונג באַקוקט די שטייענדיקע גרופּן מיטאַרבעטער, האָט זיך עפּעס אומגעשיקט, מיט אַ שאַרפן מאַך מיטן קאָפּ זיך פאַרנייגט און זיך גענומען אויפהייבן אינדערהייך.
מאַריע פּאַוולאָוונע האָט אים אַ קוק געטון דורך דער לאָר־נעטקע אין רוקן און אויף די שטיוול.
— אָגב איז אין זאַל פון דער ביבליאָטעק אויסגעהאָנגען אַ מודעהלע — האָט סערגיי איוועַנאָוויטש געזאָגט, אויסוואַרטנ־דיק ביז דער מענטש מיטן גלעזערנעם אויג איז פאַרשווּנדן געוואָרן פון יענער זייט שטיגן־פּלעצל.
— נו, איז וואָס־זשע דען? — האָט מאַריע פּאַוולאָוונע

*) אַ בלוזע, וואָס פאַרשפּילעט זיך אָן דער זייט.

אומרויק געפרעגט, אנשטעלנדיק די לאָרנעטקע אויף סערגיי אי־וואַנאָוויטשן.

— ס׳איז באַשטימט אויף מאָרגן.

— ס׳האָט זיך אָנגעהויבן — האָט זי געזאָגט, א ווונק טו־ענדיק די לאָרנעטקע און מאַכטלאָז אַראָפּלאָזנדיק די הענט. — וואס־זשע, מיינע הערן, קומט. קיסליאַקאָוו וועט, ווייזט אויס, נישט קומען.

אַלע האָבן אָנגעהויבן זיך אויפצוהייבן אינדערהייך; די דאַמען פריער, די מאַנספערשוינען זענען, העפלעך זיי דורכלאָזנ־דיק, געגאַנגען פון הינטן.

ביים אַרויפגיין אויבן, האָט זיך געעפנט אַ לאַנגע ריי לאַנ־גע זאַלן מיט שטיינערנע פּאָדלאָגעס, מיט געוועלבטע סופיטן, געצייכנט מיט גאָלדענע אָרנאַמענטן. דידאָזיקע זאַלן זענען גע־ווען אָנגעפּולט מיט זייער גרויסע גלעזערנע שענק; אין זיי זענען, הינטער די שויבן געשטאַנען מענטשלעכע פיגורן מיט וואַקסענע פּנימער אין פאַרשידענע מלבושים. אין אַנדערע ערטער פון די זאַלן האָט מען געזען אַמאָליקע רייטוועגן, קעגנשטאַנדן, וואָס די צאַרן האָבן באַנוצט און אויך זאַכן, וואָס ווערן געברויכט אין דער פּויערישערווירטשאַפט. ביי די ווענט זענען געשטאַ־נען גלעזערנע וויטריגעס מיט טאַבאַק־פּושקעלעך, באַשאָטן מיט די קאָסטבאַרסטע איידלשטיינער, אין די ווינקלען—הויכע מאַרמלנע און יאַשמענע וואַזעס. ס׳זענען געווען זאַלן, אינגאַנצן אויס־געשטעלט מיט מעבל פון פּאַוול און אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס עפּאָכע. אין אַנדערע ערטער זענען געשטאַנען שטיי־נערנע באַבעס, עפּעס געגנשטאַנדן פון פאַרשידענע פאָרמען און אויסזען, טייל פאַנאַנדערגענומענע און פשוט אַוועקגעוואָרפענע אין די ווינקלען. באַזונדערס איז דאָ געווען פיל מיט הילצערנע אויסגעשניטענע, זאַלץ־מעסטלעך, וועלכע מ׳קאָן זען אויף דער סצענע אין די בילדער פון די באַיאַרישע סעודות.

דער זאַל, וואָס אין ווינקל, איז געווען פול מיט בילדער פון אַלט רוסישער אַרבעט, וואָס זענען טונקל געוואָרן פון דער צייט. ענלעך צו הייליקע בילדער דער אַנדערער זאַל — פול

מיט איקאָנעס גופא און אַלט פּאַרצייטיקע ביזעס*) געניייט מיט פּערל, און אין דריטן זאַל איז געווען אויף די ווענט זייער פיל פּאַלקעס מיט ביכער פון אַמאָליקע צייטן און פון די ביכער האָט זיך געטראָגן יענער ספּעציפישער ריח פון די אַלטע צייטן, מיט וועלכע עס זענען דורכגעזאַפּט הונדערטיאָריקע ביכער מיט זייער ווייכלעכן שטענדיק ווי פּייכטלעך דיקן פּאַפּיר. אין אָט דעם זאַל איז געהאָנגען די מודעה וואָס סערגיי איוואַנאָוויטש האָט דערמאָנט.

אין דער מודעה איז, אין פלוג, גאָרנישט געשטאַנען קיין באַזונדערס. ס'איז דאָרט פּשוט געזאָגט געוואָרן, אַז פרייטיק ווערט פאָרגעלייגט, אַלע מיטאַרבעטער צו קומען אויף אַ פאַר־זאַמלונג. און די אונטערש־יפט: „דער דירעקטאָר פון מוזיי — אַנדריי פּאָליוכין".

די מיטאַרבעטער האָבן געקוקט אויף דידאָזיקע מודעה מיט אַזאַ אויסדרוק פון פאַרלוירנקייט, מיט וועלכן די נאָר וואָס אָנ־גענומענע רעקרוטן קוקן אויף די מודעות, וואָס זענען אומגע־ריכט אויסגעקלעבט וועגן מאָביליזאַציע, און אַלע האָבן גע־שוויגן, ווייל ביים טישל, פאַר וועלכן ס'ווערן אַריינגעלאָזן באַזוכער איז געזעסן א פ ר ע מ ד ע ר. און נאָר אין די אויגן פון די דאַמען איז געווען אַ באַזונדער'ער אויסדרוק, אַן אויסדרוק פון דעם, וואָס זיי האָבן דאַן איבערגעלעבט. ס'רוב אָבער מאַנספּער־שוינען זענען געשטאַנען מיט עפּעס אַ הכנעהדיקן פּאַסיוון אויס־דרוק אויף די פּנימער, אַזאַ אויסדרוק, וועלכן ס'איז צו זען ביי יונגע נזירים. און דער הויכער, שוואַרצער גאַלאַכאָוו אין אַ מאַ־רינאַ־קע, וואָס איז אויף אים געהאָנגען, ווי אויף אַ הענגער, איז מיט זיין שמאָל שיטער בערדל און שטענדיק אַראָפּגעלאָזענע אויגן, ווירקלעך געווען ענלעך צו אַ נזיר.

ס'האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס דעם ביז איצט נישט באַרירלעכן אינגעלע פון דער אינטעליגענץ, וועלכן ס'האָט מי זיך פאָרגעשטעלט דערדאָזיקער אַנשטאַלט, האָט געדראָט דער

*) בלחישע מאַנטלען.

טרונקען צו ווערן דורך די כוואַליעס פון מאָדערנישקייט. מיט אַ חודש צוריק האָט מען אַהערבאַשטימט אַ נייעם רעקטאָר — דעם חבר פּאַליוכין, און צוזאַמען מיט אים האָט אין אַנשטאַלט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען „די גאַס", ווי מאַריע פּאַוולאָוונע פלעגט זיך אויסדריקן, ד. ה. ס'האָבן זיך באַוויזן קאָמסאָמאָלצעס און די אַזוי גערופענע ווידוויזשענצעס פון די אַרבעטער.

די טעג האָט עמעץ אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז עס ווערן געמאַכט הכנות צו פּאַרלאַבאָריזירן דאָס פּערסאָנאַל, אַז דער דירעקטאָר וועט די טעג צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג און וועט אָפן שטעלן די פראַגע מכוח דעם.

דערדאָזיקער קלאַנג האָט זיך איצט טאַקע באַשטעטיקט דורכן באַווייזן זיך אויף דער וואַנט פונם רעטזעלהאַפטן פּאַפּירל מיטן דירעקטאָרס אונטערשריפט.

— אַ בריוו פאַר איפּאָליט גריגאָריעוויטשן — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס איז אַריינגעקומען מיט אַ בריוו אין דער האַנט, געזאָגט.

אים האָט קיינער גאָרנישט געענטפערט, און ער האָט, אומקוקנדיק זיך אַרום און אַרום אָוועקגעלייגט דעם בריוו אויף איינעם פון די טישן, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן איבערן אַדרעס, וועלכער איז געווען אָנגעשריבן נישט גלייך, נאָר קרום פון איין ווינקל קאָנווערט ביזן אַקעגנאיבעריקן ווינקל.

— נו, וואָס־זשע, מיינע הערן, מ'דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט, — האָט עמעץ געזאָגט — לאָמיר וואַרטן אויף די געשעענישן.

III

איפּאָליט קיסליאַקאָוו, אויף וועלכן מאַריע פּאַוולאָווינע האָט זיך געפּרעגט, אַ געוועזענער אינזשעניר און אַצינד מיטאַרבעטער פֿון צענטראַלן מוזיי, האָט דעם טאָג פֿאַרשפּעטיקט צו קומען אויף זיין אַמט מחמת צוויי סיבות: צוליב מיספֿאַרשטענדנישן און אומאָנגענעמלעכקייטן אין די דירה-אָנגעלעגנהייטן און אויך צוליב דעם, וואָס ער איז אַריינגעגאַנגען צום דאָקטאָר, וועלכער האָט געפֿונען ביי אים אַ דערשיטערטן נערוון-סיסטעם און אַ פֿריצייטיקן סקלעראָז. ער איז געגאַנגען גיך, כּדי צו קומען אין מוזיי כאָטש צו 11 אַ זייגער. ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ דורכ־עזוינירטן פּאַלטאָ, וואָס איז געוואָרן ברוין פֿון דער זון, אַ היטל און אויף די פֿיס אַנשטאָט שטיוול קראַקעס פֿון פֿלאַשן פֿאָרם מיט רימענדלעך, וואָס פֿלעגן זיך אָנטון, ווי כאַלעוועס, אויף די קאַמאַשן.

פֿון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים איבערגיין די גאַס, ווען ס'האָבן אים איבערגעשניטן דעם וועג די דראָזשקאַזשעס און אויטאָמאָבילן, וועלכע זענען אָפֿט געפֿאָרן אין לאַנגע שורות אָן אַן אויפֿהער. דאַן האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל, האַסטיק אַ פֿיר געטון מיט דער פֿאַציילע איבער די האָר, וואָס זענען פֿאַרשוויצט געוואָרן פֿון האַסטיקן גיין, און דורך די פּענסנע האָט ער אומגעדולדיק און צערייצט געקוקט אויף די עקיפּאַזשן, וואָס האָבן אים איבערגעשניטן דעם וועג.

ער האָט געהאַט קליינע פֿעסט צוגעקוועטשטע אויערן און

אַ שאַרף בערדל. זיין בלאַס נערוועיש פּנים, וואָס האָט געהאַט אַ טבע שנעל, ווי דערשראָקן זיך אַרומצוקוקן, האָט עדות געזאָגט, וועגן אַ דוחק אין גלייכגעוויכט, וועגן וואַקלדיקייט און וועגן לייכטקייט איבערצוגיין פון איין צושטאַנד אין אַ לגמרי היפּוכדיקן. ווען קיסליאַקאָוו האָט אומגערן עמעצן אַ שטופּ געטון, האָט ער מיט אַ דערשראָקענער איילעניש זיך אַנטשולדיקט דערפאַר. און ווען אים האָט אַמאָל אַ שטופּ געטון אַ לאַסט-פורמאַן מיט אַ קאַסטן, וואָס ער האָט געטראָגן פון פור אין קראָם אַריין, האָט זיך ביי קיסליאַקאָוון פלוצלינג באַוויזן אַ קאַמף פון יסורים און פון אַ מאַכטלאָזער צערייצטקייט.

פאַר זיך האָט ער באַמערקט אַ הויכע זקנה, אַ בעטלערן, אַ געוועזענע אַריסטאָקראַטקע, וועלכע איז געשטאַנען מיט אַ שטעקעלע, נישט אויפהייבנדיק די אויגן און נישט בעטלענדיק.

ער האָט אַרויסגענומען אַ צוואָנציקער און איר דערלאַנגט עס. די אַלטע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ געצרירטער שטים געזאָגט:

– כ׳דאַנק אייך.

קיסליאַקאָוו האָט דערשפּירט אַ מין קיצלען אין האַלדז און באַלד האָט אים אָנגעהויבן פאַרדריסן, פאַרוואָס ער האָט איר געגעבן אַזאַ קליינע נדבה. ער איז אַוועק ווייטער און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, ווי זי וואָלט געווען איבערראַשט און גליקלעך, ווען ער וואָלט איר געגעבן אַ גאַנצן רובל אָדער אפילו פינף רובל. מ׳דאַרף עס טון אומבאַדינגט. ער האָט זיך אומגעקוקט. די אַלטע האָט אים נאָכגעקוקט. אים איז עפּעס געוואָרן זייער אָנגענעם פונם באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ גוטהאַרציקער. אָבער אויפן ווינקל פון צוויי גאַסן האָט ער דערזען אַן אַנדער אַלטע בעטלערין, אויך פון אַזאַ אויסזען. איר פלעגט ער שטענדיק געבן אַ נדבה און זי האָט שוין געוואַרט, ער זאָל צוגיין צו איר נענטער. ביי אים איז פאַרבליבן נאָר איין רובל און קיין שום קליינגעלט. איר נאָרניט געבן — איז נישט אָנגענעם, געבן ווידער אַ רובל — איז אַ שאָד. און ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער זוכט עפּעס אַ קראָם. איז איבערגע-

גאַנגען אויף דער אַנדערער זייט, נישט דערגייענדיק צו דער
בעטלערין. וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צום מוזיי, האָט
זיך ביי אים אָנגעהויבן אַלץ מער דערוועקן אַ אומבאַשטימט־
אומרויקער צושטאַנד — ס׳קאָן זיין — צוליב דעם, וואָס ער
האָט זיך פאַרשפּעטיקט און האָט געדענקט, אַז ביים טישל, ווו
מ׳גיט אַרויס אַ פּאַסיר־שיין *) זיצט אַ מענטש אין אַ בלאָען פאַר־
טוך, וועלכער אָבסערווירט שטענדיק די, וואָס גייען דורך פאַר
אים, אָדער, ס׳קאָן זיין, פון עפּעס אַנדערש איז ער געווען אומ־
רויק. אַזוי אָדער אַזוי, נאָר יעדע קלייניקייט האָט אים אַרויס־
געבראַכט פון גלייכגעוויכט, — למשל, דאָס, וואָס פאַר אים זע־
נען געגאַנגען צוויי מענטשן, פאַרנעמענדיק דעם טראָטואַר, און
ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט זיי איבעריאָגן, ווייל די דורכ־
גייער אינם קעגנ־שטראָם האָבן אים אין דעם אַלץ געשטערט. —
און דאָס האָט אים גערייצט ביז גאָר. אפילו דאָס, וואָס זיין
פאַלטאָ איז געווען אין רוקן צעריסן און פאַרלאַטעט מיט זיין
פרויס האַנט, האָט אים געצווונגען זיך צוזאַמענצוציען, ווייל אים
האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע וואָס גייען הינטער אים, קוקן
אויף דעמדאָזיקן פאַרלאַטעטן אָרט און טראַכטן: „אָט גייט אַן
אָפּגעפליקטער אינטעליגענט".

אויף איין אָרט איז אים אויסגעקומען זיך צוריקצוקערן פון
געסל און מאַכן אַ גרויסן אומגאַנג. ווייל דאָרט האָט מען פון
דער צערקווע, וועלכע מ׳האָט פאַנאַנדערגענומען, אַראָפּגענומע
די גלאָקן און דער מיליציאַנט האָט קיינעם נישט דורכגעלאָזט.
אויף אַן אַנדער אָרט האָט אַ קאָלומנע קאָמסאָמאָלצעס, וועלכע
האָט מאַרשירט ערגעץ מיט רייזע־פעק פון הינטער די פלייצעס,
אים איבערגעהאַקט דעם וועג און אים איז אויסגעקומען איבער־
צוואַרטן ביז זיי וועלן פאַרבייגיין. ער האָט אומגעדולדיק גע־
קוקט אויף זייערע לוסטיקע אָפּגעברענטע פּנימער און אַליין האָט
ער געטראַכט וועגן דעם, ווי דער מענטש אין בלאָען פאַרטוך

---

*) פּשעפּוסטקעס.

קוקט שוין געווים אויף זיין פוסטן טיש און וווּנדערט זיך, פאַר־וואָס ער איז נאָך נישט געקומען...

ענדלעך האָט ער זיך אַרויסבאַקומען אויף אַ פריי אָרט; זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ רויקערן אויסדרוק.

אַריינגייענדיק אין פאָדער־צימער, האָט ער, נישט דערגייענ־דיק צו סערגיי איוואַנאָוויטשן, אַליין פון זיך אַראָפּגענומען דעם פּאַלטאָ און אים איבערגעקערט מיטן אונטערשלאַק אַרויף, כּדי יענער זאָל נישט באַמערקן דאָס פאַרלאַטערטע אָרט. קיסליאַקאָוו האָט געטראָגן אַ בלאָע מאַרינאַרקע, ווייזט אויס, שוין פון לאַנג אָן אויפגענייטע ביי אַ גוטן שניידער, מיט אַ ווייכן קראַגן, און גראָע הויזן אין קליינע קראַטקעס מיט קנעפּ ביי דער קני־זייט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט ביי קיסליאַקאָווס אַריינקומען אַראָפּגענומען די ברילן, זיי איילִיק אַוועקגעלייגט אויף דער צייַ־טונג און גענומען פון אים דעם פּאַלטאָ מיטן הוט. ווען ס'זענ־נען אַריינגעקומען פּשוטערע מיטאַרבעטער, וואָס פלעגן געבן סוף חודש אַ קליינע זילבערנע מטבעה, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש נאָר איבערגערוקט די ברילן פון אייבערשטן טייל נאָז אויפן שטערן. ווען ס'זענען אָבער אַריינגעקומען מער וויכטיקע, וואָס פלעגן אים געבן צו רובל אָדער צו צוויי רובל, — פלעגט ער פאַר זיי אינגאַנצן אַראָפּנעמען די ברילן. און לויט דער מדרגה פון זיין איילן זיך ביים אַראָפּנעמען די אייבערשטע מלבושים פון די מיטאַרבעטער, האָט מען געקאָנט באַשטימען די מדרגה פון אַכטונג און דרך־ארץ, וואָס ער האָט צו זיי געהאַט.

קיסליאַקאָוו האָט נערוועיש אַ גלעט געטון זיינע צעגעשוי־רענע האָר פאַרן שפּיגל, האָט אויף זיך אַ קוק געטון דורך די פּענסנע, דערנאָך איז ער אַרויפגעלאָפן איבער די שטיגן און צוערשט פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער טיר פון ביבליאָטעק־זאַל, כּדי אַ קוק צו טון, ווו דער מענטש אין בלאָען פאַרטוך איז.

יענער איז געזעסן אויף זיין אָרט. קיסליאַקאָוו איז אַריינ־געגאַנגען אין זאַל, ער האָט אָבער געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, ווי ער וואָלט שוין געהאַט לאַנג געקומען און אַז ער איז כּלומרשט געהאַט ערגעץ אַוועקגעגאַנגען צוליב געשעפטלעכע אָנגעלעגנ־

הייטן און קומט איצט צוריק און נעמט זיך צו דער איבערגע־ריסענער אַרבעט.

די קעפּ פון די מיטאַרבעטער, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, האָבן זיך אויפגעהויבן און אַלע האָבן אויף אים אַ קוק געטון. אין דער זעלבער צייט איז דער מענטש אין פאַרטוך אַרויסגעגאַנגען. קיסליאַקאָוו איז צוגעגאַנגען זיך באַגריסן מיט מאַריע פּאַוולאָוונע און געקושט איר הענטל. זי האָט אים אַ קוש געטון אין קאָפּ.

שטאַמענדיק אַליין פון אַן אָרעמער באַאַמטן־פאַמיליע און זייענדיק בשעתו געשטימט זייער ראַדיקאַל און דעמאָקראַטיש, האָט איפּאָליט קיסליאַקאָוו אַצינד געהאַט הנאה, וואָס ער, אַלס מענטש פון דער בעסערער געזעלשאַפט, האָט גע־קושט די האַנט פון אַ בכבודיקער דאַמע. און זי, ווי אַנערקע־נענדיק אין אים פולשטענדיק אַ מענטשן פון איר געזעלשאַפט, האָט אים געקושט אין קאָפּ. אים האָט אויך שטאַרק הנאה גע־טון פון מאַריע פּאַוולאָוונעס פראַנצויזישע שפּראַך, וועלכע זי האָט אָפט באַנוצט.

מאַריע פּאַוולאָוונע האָט, פאַרהאַלטנדיק זיין האַנט אין אירער און אַ קוק טוענדיק אים אין די אויגן אַריין (זי איז גע־זעסן, ער איז געשטאַנען) געזאָגט:

— איר ווייסט גאָרנישט?

— ניין, וואָס איז דען? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט.

מאַריע פּאַוולאָוונע האָט אים אויף פראַנצויזיש דערציילט, אין וואָס עס האַנדלט זיך, אויסרעדנדיק אויף רוסיש דאָס וואָרט „לאַבאָראַזירן". און האָט אָנגעוויזן אויף די אויסגעהאָנגענע מודעה. קיסליאַקאָוו האָט אויסגעהערט די נייס שווייגנדיק און לפנים רויק, נאָר דאָס האַרץ, וואָס האָט, ווען ער פלעגט זיין ביים דאָקטאָר אים געקלאַפּט קוים צו הערן, האָט פּלוצלינג אָנ־געהויבן אַזוי שטאַרק זיך צו וואַרפן, אַז ער איז געוואָרן בלאַס (שוין נישט פון דער ידיעה, וואָס ער האָט נאָר וואָס באַקומען, נאָר פון שרעק, אַז זיין האַרץ איז אין אַ שוואַכן צושטאַנד.) ער האָט געטראַכט, צי איז זיין גאַנצע אינערלעכע טראַגעדיע

נאָר אַ קלײנער פּרײז פאַר דער רו, אויף װעלכער ער האָט געהאָפט?

און װי שטענדיק בײ יעדער עמפּינדונג פון אומקומען, האָט ער זיך געפילט פרײ פון אויסאיבן זײנע פליכטן — אַמטלעכע און פאַמיליען־פליכטן. צי קאָן דען איצט זײן אַ רייד פון װאָסערע נישט איז אַמטלעכע פליכטן. ס'איז אפילו לעכערלעך װעגן דעם צו ריידן! ער האָט אפילו נישט געהאַט קײן פּחד, נאָר דאָס, װאָס ער האָט געפילט, איז גיכער געװען אַ מין תאווה־דיקע פרייד פון אומקומען צוליב דעם, װאָס מיטאַמאָל איז שוין אַלץ אויפגעקלערט געװאָרן.

קיסליאַקאָװ איז צוגעגאַנגען צו זײן טיש און אַ קוש טוענדיק אויף אים קרום דורך די גלעזלעך פון זײן פּענסנע, האָט ער דערזען אויף אים ליגן אַ בריװ מיטן שיפן אַדרעס. ער האָט באַלד דערקענט דעם כּתב פון זײן נאָענסטן גוטן פרײנט אַרקאַדי נעזנאַמאָװ, מיט װעלכן ער האָט זיך נישט געזען שוין עטלעכע יאָר, װײל אַרקאַדי האָט געאַרבעט אין פּראָװינץ אין אײנעם פון די ביאָלאָגישע אינסטיטוטן.

קיסליאַקאָװ האָט געזוכט מיט די אויגן אויפן טיש דאָס מעסער אויפצעשנײדן קאָנװערטן און זײטלעך פון ביכער. נישט געפינענדיק אָבער דאָסדאָזיקע מעסער, האָט ער אַרויסגענומען זײן אַלטן קאַװקאַזער קינזשאַל און מיט אים אויפגעשניטן דעם קאָנװערט. ער האָט נישט װילנדיק אַ שמײכל געטון איבער אַרקאַדיעס באַקאַנטן כאַראַקטער־שטריך — צו גײן בײ אַלץ קעגן דעם אײנגעשטעלטן סדר, אפילו אין אַזאַ קלײניקײט, װי דער אַדרעס אויפן קאָנװערט.

אַרקאַדי האָט געשריבן:

װאָס מאַכסטו! אַלטער גוטער פרײנט מײנער! צופעליק האָב איך זיך דערװוּסט, אַז דו האָסט זיך אײנגעאָרדנט אין מאָסקװע. זיך אײנגעאָרדנט, פאַרראַכטנדיק זיך גופא, אָדער ענדערנדיק זיך? אָט דאָס איז די פראַגע, װעלכע ס'װילט זיך מיר דיר שטעלן. מיר, אינטעליגענטן, קאָנען דאָך נישט טון עפּעס פּשוט נאָר

טוען בלויז אזעלכעס אין וועלכן מ י ר ג ל י י ב ן. ווייל די ערלעכקייט פון געדאנק און געפיל — איז איינע פון אונדזערע גרויסע טראדיציעס. איז אט וואס — ווער ביסטו און וו אָ ס ביסטו אייגנטלעך אצינד? ביסטו, ווי פריער אן אונדזעריקער, אָדער שוין א פרעמדער? נאָר וועגן דעם האָף איך צו הערן דיך פערזענלעך, ווייל, אלס פראָפעסאָר, אָדער, ווי מען רופט עס איצט, אלס וויסנשאפטלעכן ארבעטער — קלייב איך זיך איבער קיין מאָסקווע און האָב שוין דאָרט אפילו א דירהלע פון צוויי שטובן אויף דער סאדאָווער גאס, וועלכע מיר האָט איינגעאָרדנט איינער פון מיינע גוטע פריינט, וואָס האָט זיך אויך איבערגעצויגן קיין מאָסקווע, זייער א סימפּאטישער און אָנגענעמער מענטש, „דער פעטער מישוק", ווי מיר רופן אים.

לפּנים האָב איך זיך איינגעאָרדנט גוט; חוץ דעם זענען מיר געגעבן געוואָרן ברייטע מעגלעכקייטן זיך צו פארנעמען מיט דער וויסנשאפט, וועלכע איך האָב אזוי ליב. נאָר... אט דאָ טאקע שטערט די ערלעכקייט פון געדאנק און געפיל. דו פילסט, אז דו האָסט נישט קיין רעכט צו ארבעטן רויק, ווען אלץ מיט וואָס איר האָט געלעבט... מיט איין וואָרט! — וועגן דעם בעת אונדזער באגעגעניש. ס'וועט מיך פרייען, אז דעם 1-טן אָקטאָבער וועל איך מיין געבורטס-טאָג (שוין פערציק) פארברענגען צוזאמען מיט דיר.

צום סוף וועל איך דיר זאָגן, אז איך האָב (ווי אומגעריכט דאָס וועט פאר דיר זיין!) א שיינע יונגע פרוי. נו וועסט שוין אליין זען, אפשר איז דאָס נישט קלוג, אז אזא בער ווי איך זאָל צו פערציק יאָר זיך צונויפגיין מיט א יונג-מיידל. נאָר דו וועסט זען, וואָס פאר א מיידל דאָס איז און וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב געהאנדלט נישט פארנונפטיק.

קיסליאקאָוו האָט ביי דעם בריוו זיך דערמאָנט עפּעס אָן זיין נישט יונגער, אייפערזיכטיקער און צו דיקער פרוי, אָן זיין יעלענע וויקטאָראָוונע. ער האָט פּלוצלינג דערשפּירט א קנאה צו

זיין חבר — וואָס אמת טאַקע אַזאַ ווילן און גוטהאַרציקן מענטשן, נאָר נישט קיין עלעגאַנטן און שעמעוודיקן, איז אין דעם היגזיכט בעסער אָפּגעלונגען ווי אים.

ער האָט דערפילט א ברענעדיקן אומגעדולד, צו זען אַרקאַדיס יונג-ווייבל. ביי אים איז „הינטער די אויגן" לויטן רעכט פון א מענטשן, וואָס איז אַזוי נאָענט צו אַרקאַדיען, אַנטשטאַנען צו איר עפּעס א צאַרט האַלב-משפּחה-געפיל. ס'האָט ביי אים א שימער געטון אין קאָפּ א געדאַנק וועגן דעם, אַז זיין לעבן וועלן אין די האַרבסט-אָוונטן שוין נישט זיין אַזוי נודנע און אומעטיק, נאָר דערוואַרעמט פון פריינטשאַפט און א ראָמאַנטישער האַלב-משפּחהדיקער צערטלעכקייט צו א שיינער יונגער פרוי.

ער האָט דערלייענט דעם בריוו. צו אים איז דאַן צוגעגאַנגען אַנדריי איגנאַטעוויטש און א קלאַפּ טוענדיק אים, מעשה גוטער פריינט איבער דער פּלייצע, געזאָגט:

— נו, וואָס טראַכט איר, פּאַטערל, וועגן דער איצטיקער לאַגע? וואָס זאָגט איר דערצו?

— כ'טראַכט שוין לאַנג וועגן דעם — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט.

— יאָ, נאָר דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַבסטראַקט, און אַצינד וועלן מיר ווייזט אויס, אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר די סאַמע רעאַלע פאַקטן.

— ע, איצט איז אַלץ איינס, — האָט קיסילקאָוו געזאָגט און מיט א מאָדנעם אויסדרוק א מאַך געטון מיט דער האַנט. דידאָזיקע אומגעלומפּערטע מהומה, וואָס איז אַנטשטאַנען אין מוזיי איז געוועזן נאָך פאַרדריסלעכער צוליב דעם, וואָס היינט זענען אויסגעפאַלן די אימיעניניעס פון זיין פרוי; זי האָט אים געבעטן ער זאָל איינלאַדן צו דער פייערונג זיינע חברים און אין צוויי מעג נאָכדעם האָט זי געזאָלט אוועקפאָרן אויף א חודש צו אירע קרובים אויף דער וואָלגע, ער האָט גערעכנט צו פאַרברענגען אָן איר רויק אין איינזאַמקייט, זיך קאָנצענטרירן ווי ס'יועט זיך לאָזן, און קאָנטראָלירן זיין „אינערלעכן באַלאַנס". און אַצינד, אָט האָסטו דיר: אָנשטאָט דעם ווייטער אומרויקייט און נערוועישע דערוואַרטונג, —

אַזעלכער וואָס איז לעצטנס געוואָרן דער גרונט-שטריך פון זיין לעבן.

נאָכן ענדיקן זיין אַרבעט איז קיסליאַקאָוו אוועק, צו באַקומען זיין גאזשע. אים איז געקומען 200 רובל און ס׳איז אים נאָך פאָרגעשטאַנען צו באקומען אלס צוגאָב 50 רובל פאר א באזונדער שליחות שוין פון לאנג. דידאָזיקע 50 רובל האָט ער געוואָלט איבערלאָזן פאר זיך און נישט אָפּגעבן דעם ווייב, כדי כאָטש אביסל מער א לעב צו טון פריי, נישט אויסרעכנענדיק יעדער קאָפּיקע און נישט וועגנדיק זיך צום ווייב, נאָך יעדער דריי רובל. זי איז געווען זייער פּינקטלעך אין געלט-פראגן און געפירט א חשבון אויף יעדן רובל.

און דאָ האָט ער טאקע באַדויערט, וואָס ער האָט איר דערציילט (ווילנדיק איר פארשאפן אָנגענעמס), אז אים שטייט פאַר צו באקומען דידאָזיקע 50 רובל, נאָר ער האָט באַשלאָסן, אז דאָס וואָס ער ווייסט וועט ער נישט דערמאָנען, ווייל ער האָט איר וועגן דעם דערציילט שוין זייער לאנג.

ווען ער איז געשטאַנען אין דער רייע ביי דער קאסע, איז ביי אים אנטשטאנען די באקאנטע עקלהאפטע עמפּפינדונג, וועלכע ער האָט באזונדערס, די לעצטע צייט אָפט איבערגעלעבט. ער האָט זיך עפּעס פארשעמט פאר עמעצן; פארשעמט, הלמאי ער שטייט אין דער רייע. ער, א פערזענלעכקייט, א באזונדערע, אויף קיינעם נישט ענלעכע, אינדיווידועלע פערזענלעכקייט — אין דער רייע...

וואָס איז פאר דעם געווען זיך צו שעמען — האָט ער נישט געוווּסט, נאָר דאָסדאָזיקע געפיל איז געווען אויף אזוי ווייט שטארק און נישט דערטרעגלעך, פּונקט, ווי דאָס וואָס ער האָט געפילט בנוגע דעם פארלאטעטן לאָך אויף זיין רוקן.

ס׳קאָן זיין, אז דאָס איז געווען א פועל-יוצא פון דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרן זינט ער האָט פארלאָזן זיין ווירקלעכע באשעפטיקונג, זיין אמתע ארבעט און איז אָנגעקומען אין דאָזיקן מוזיי, האָט ער זיך געפילט ווי עפּעס א דעזערטיר, ביי וועלכן ס׳איז אוועק פון לעבן אַלץ, וואָס איז גרויס און באַדייטנדיק.

און יעדער שטויס, וואָס ער האָט באַקומען. שטייענדיק אין דער רייע, האָט אים דערמאָנט וועגן דעם און וועגן דער אינערלעכער גאָרנישקייט פון זיין איצטיק לעבן.

צום ווייבס אימיעניגעס האָט ער איינגעלאדן אַנדריי איגניאַטעוויטש, גאַלאַכאָוון און גוסיעוון.

— וואָס, פון פאַביטערונג? — האָט גוסיעוו א פרעג געטון, זיך צעלאכנדיק — יעדנפאלס. א דאנק דיר — דאָס איז ווי אויסגעצייכנט צוגעפאַסט. קומען מיט ווייב?

— געוויס, געוויס! — האָט קיסילקאָוו איילנדיק זיך גע־ענטפערט און איז אוועק אהיים.

IV

דאָס זייער גרויסע הויז, אין וועלכן קיסלאַקאָוו האָט געווינט, האָט איבעראַשט מיט זיין מאַיעסטעטישן פאַראַד. אויף זיינע אַלע פינף שטאָקן, אָנהייבנדיק פונם ערשטן, האָבן זיך ווי צוגעקלעפט צו די ווענט שיינע באַלקאָניקעס, מיט אַראַבעסקע אַרומצוימונגען, ענלעך אויף בלומען-קערבלעך. דאָס הויז האָט פון אויסערן איינגאַנצן געגלאַנצט מיט ריינקייט פון אַ צאַרט-ראָזיקער פרישער פאַרב. איבערן טראָטואַר זענען געווען אויסגעשטעלט ספעציעלע קערבלעך אַריינצוּוואַרפן די נישט דערייכערטע פאַפּיראָסן און מונדשטוקן. אין די אָוונטן האָט דאָס הויז איינגאַנצן געברענט מיט פייערן פון זיינע אַלע פינף שטאָקן.

אין זייער גרויסן פאַראַדן-אַריינגאַנג, מיט שפּיגל גלאָז אויף די ווענט האָט יעדן, וואָס איז אַריינגעקומען, איבעראַשט די גרויסע צאָל קינדערשע וועגעלעך, וואָס זענען דאָרט געווען אויסגעשטעלט. אויף דער וואַנט איז, ווי ס'איז איינגעפירט פון לאַנג אָן, געהאָנגען אַ שוואַרצע אויסליניירט ברעט מיט די פאַמיליעס פון די לאָקאַטאָרן און ביים ברעט איז געהאָנגען אַ בויגן-פּאַפּיר, אויף וועלכן פליגן האָבן איבערגעלאָזט זייערע שפּורן, און אויף אים איז געווען אָנגעשריבן:

„בירגער-שפּאָרט אייערע כוחות, באַנוצט די ווינדע".

אויף דער ווינדע גופא איז אויפגעהאָנגען שוין פון לאַנג אָן אַזאַ פאַפּירל מיט דער זעלבער צאָל שפּורן פון פליגן, אויף אים איז געווען אַ לאַקאָנישע אויפשריפט.

„די ווינדע פֿונקציאָנירט נישט".

מ'האָט באַלד אויפֿן צווייטן טאָג נאָכן רעמאָנטירן זי און איר לאָזן אין גאַנג — זי צעבראָכן, ווייל עפּעס לאָקאַטאָרען פֿונם זעלבן הויז. וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים אין אַ גאַנצער קאָמפּאַניע, אין אַ לוסטיקער שט־מונג און בגילופֿין, איז איינגעפֿאַלן אַ קוק צו טון, צי זי קאָן נישט אויפֿהייבן מער משא, ווי ס'איז אָנגעצייכנט אין דער טאַבליצע. צוליב דעם איז אַלע לאָקאַטאָרן איצט אויסגעקומען זיך אויפֿצוהייבן אין זייערע וווינונגען צופֿוס, און אין די אָוונטן, אויב מ'האָט אַוועק־געגנבעט די לעמפּלעך, וואָס באַלייכטן די שטיגן, האָבן זיי געמוזט זיך באַוועגן טאַפּנדיק די ווענט, אָנשטויסנדיק זיך איינער אינעם אַנדערן אין דער פֿינצטערניש און שרעקנדיק זיך איינער פֿאַרן אַנדערן.

דידאָזיקע לעמפּלעך, — טראַץ דעם, וואָס מען פֿלעגט זיי באַהאַלטן אין אַ דראָטענע שיאַטקע און זיי „איינאָרדענען" אויף זייער אַ הויכן אָרט, — פֿלעגט מען סיי־ווי־סיי אַוועק־גנבענען. די הויז פֿאַרוואַלטערשאַפֿט האָט שוין לאַנג זיך מיאוש געווען צו פּאַקן די גנבים און אויף דעם אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, די לאָקאַטאָרן ווידער, האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו קויפֿן נייע לעמפּלעך אָנשטאָט די אַוועקגעגנבעטע.

אויף יעדער טיר איז געהאָנגען זייער אַ פֿיינע טאַבליצע פֿון קאַרטאָן, אויף וועלכער ס'איז געווען אַ לאַנגע ליסטע פֿון די לאָקאַטאָרן און קעגן דער פֿאַמיליע פֿונם לאָקאַטאָר איז גע־שטאַנען אַ ציפֿער, וואָס האָט אָנגעוויזן, וויפֿל מאָל מען דאַרף צו אים קלינגען.

געוויינטלעך פֿלעגן די עלעקטרישע גלאָקן איבערלעבן פֿיר סטאַדיעס. אין אָנהייב האָט ביי דער טיר געגלאַנצט אַ עלעק־טריש גלעקל אין דער פֿאָרם פֿון אַ נייאינקער הילצערנער לאַ־קירטער ראָזעטקע מיט אַ ווייס קנעפּל אין מיטן. דערנאָך איז די ראָזעטקע מיטן קנעפּל פֿאַרשווונדן געוואָרן, ס'זענען פֿאַרבליבן צוויי מעשענע פֿלאַסטינקעס אויף אַ הילצן קרייזל; דערנאָך איז דאָס קרייזל אויך פֿאַרשווונדן געוואָרן, און ס'האָבן זיך נאָכגע־

כאָמבלט די עקן פונם דראָט. מ׳האָט געקלונגען, פאַרייניקנדיק שוין דידאָזיקע עקן. און ווען די עקן דראָטן זענען שוין אויך פאַרשוווּנדן, האָבן שוין אַלע וואָס פלעגן קומען צוגיין, געמוזט אָנקלאַפּן מיט די פויסטן אין טיר קלאַפּן שטאַרק, וויפיל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן. דאָ האָט זיך שוין די צאָל קלעפּ אין טיר אינגאַנצן געפּלאָנטערט און צוליב דעם פלעגן די שכנים זיך שטענדיק קריגן און זידלען.

קיסלאָקאָוו איז צוגעגאַנגען צום פּאַראַד-ארויסגאַנג פון דער גאַס, כדי גיך אַרויפצולויפן איבער די שטיגן אויפן דריטן שטאָק (דער דאָקטאָר האָט אים, אגב פאַראָרדנט, ער זאָל זיך אויפהייבן אויף די שטיגן פּאַמעלעך) און אָפּעסנדיק אינדערגיך מיטאָק, כאַפּן א דרעמל נאָך דער ארבעט.

צוגייענדיק אָבער האַרט צו דער טיר, האָט ער אין כעס א שפּיי געטון: די פּאַראַד-טיר איז געווען פאַרשלאָסן און אויף דער שויב פון דער טיר איז געווען פון דער אינעוועניקסטער זייט צוגעקלעפּט א פּאַפּירל, אויף וועלכן ס׳איז מיט קאַטשערעוואַטע אותיות געווען אָנגעשריבן: „דער פּאַראַד-איינגאַנג איז געשלאָסן, צוליב דעם, וואָס מען וואַשט די שטיגן. גיין פון דער הינטערשטער (שווארצער) זייט".

הגם מ׳האָט די שטיגן געוואַשן נאָר איינמאָל א וואָך — האָט קיסלאָקאָוו געהאַט דעם איינדרוק, אז מען וואַשט זיי יעדן טאָג.

ער איז אוועק דורכן הויף צום הינטערשטן אריינגאַנג.

דער הויף פונם דאָזיקן הויז איז פון אַלע פיר זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט פינפשטאָקיקע הייזער און כדי צו זען פון הויף דעם הימל, איז יעדעס מאָל אויסגעקומען צו פאַרייסן דעם קאָפּ, ווי צום גלאָקן-טורעם.

דאָס ערשטע וואָס האָט זיך אין הויף געוואָרפן אין די אויגן, זענען געווען די שטריק, וואָס זענען געווען פאַרצויגן אין אַלע ריכטונגען, מיט וועש, וואָס מ׳האָט אויף זיי אויפגעהאָנגען צו טריקענען. און אויך זייער א סך קינדער און הינט. די קינדער זענען כמעט אַלע געווען פון פּראָלעטאַרישן שטאַנד פון זעלבן שטאַנד זענען

אויך געווען די קינדערשע וועגעלעך אין פאַראַדן-קאָרידאָר), דאַגעגן די הינט, זענען געווען פון בורזשואַזן אויסזען. לייכטזיניקע פאָקסן, וואָס מאַכן מיט זייערע באַוועגונגען קרייזן איבערן גאַנצן-הויף, ערנסטע בולדאָגן, דייטשע שעפּסן-הינט וואָס לויפן אַרום אומרויִק איבערן הויף, ווי וועלף, דערנאָך איז אַוועק א סדרה פון ברוינע לאַנג-האָריקע, ווייסע אויסגעפּוצטע „שפּיצן", ענלעך צו הייפלעך פוך, אלע אומבאַדינגט מיט בלאָע שטענגעס איבערן האַלדז און שוין צום בייזן סוף, — ווולגאַרע מאָפּסן.

דאָס הויז איז געווען באַווינט אויף העלפט דורך אינטעליגענץ פון פאַרשידענע סאָרטן, אויף העלפט פון פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געהאַט זייער א סך קינדער, די אינטעליגענץ — הינט.

און אין יענע שעהן, ווען מען פלעגט די הינט אַרויספירן אויפן שפּאַציר, פלעגט דאָס הויז פאַרוואַנדלט ווערן אין אן אמתן גיהינום. אַרויסרייסנדיק זיך אויף דער פרייהייט פלעגן די חיות אָנהייבן אַרומלויפן איבערן הויף, ווי משוגענע. דער אומפּאַרטייִשער באַזוכער, וואָס פלעגט אַריינשטעקן זיין נאָז אין טירל פון טויער, פלעגט מיט שרעק עס פאַרמאַכן צוריק, ווייל פהרף-צין פלעגט פאַר אים אויסוואַקסן א הינטישע מחנה און די באַלעבאַטים פלעגן מיט עטלעכע שטימען אויף זיי שרייען און דעם באַזוכער העפלעך פאָרלייגן אַריינגיין „די הינט בייסן נישט".

אויב דער באַזוכער פלעגט נישט אַנטשלאָסן אַריינגיין אין הויף, פלעגן אויף אים זיך וואַרפן נישט נאָר די הינט וואָס האָבן געבילט פאַרן טירל פון טויער, נאָר אויך א מחנה פון פאַרשידענע מינים און ראַסן, פון אלע זייטן אַרום. אייניקע האָבן געדרייט מיט די ווידלען, אנדערע האָבן געשמעקט די פּאָלעס פונם פרעמדנס קליידער, די דריטע פלעגן סתם פאַרוואַרפנדיק אינדערהייך די קעפּ, בילן און וואָיען. און די באַלעבאַטים פלעגן ווייטער איינרעדן און איבערצייגן דעם באַזוכער אז די הינט וועלן אים נישט טשעפּן און אז זיי בילן „אַלס באַגריסונג" און נישט פון שלעכטס חלילה און כדי דאָס צו באַווייזן, פלעגן די באַלעבאָסטעס בעטן דעם באַזוכער, ער זאָל זיי א גלעט טון.

אויף די „שווארצע שטיגן" האָט דער באַזוכער באַלד דער־שפּירט ווי אַ דאַמף אויף דער אייבערשטער פּאָליצע אין באָד. באַדעקט ביז איבערן קאָפּ — אַ רויך פון קוך און אַ טשאַד פון פּאַ‏גען, אין וועלכע מ'האָט געפּרעגלט פאַרשידענע מאכלים. אין ווינקל פון יעדן פּלעצל אויף די שטיגן, אַנטקעגן דער אָפענער טיר פון קוך, זענען געשטאַנען קאַסטנס און עמערס, אָנגעפילט מיט אָפּפאַל פון פאַרשידענע מאכלים, מיט אוגערקע־שאָלעכץ, אייער־שאָלעכץ און קערנדלעך פון אַרבוזן א. א. וו. עטלעכע קאַסטנס און עמער האָבן נישט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך דאָס גאַנצע עשירות פון אַזעלכע זאַכן און כּלערליי אָפּפאַלן האָבן זיך שוין געוואַלגערט אַרום זיי אויף דער פּאָדלאָגע און אפילו אויף די שטיגן.

דאָ האָבן זיך שטענדיק אַרומגעדרייט שמוציקע געשלאָגענע קעץ.

די דירה אין וועלכער קיסלאַקאָוו האָט געוווינט, האָט אין זיך אַריינגענומען צען פאַמיליעס, וועלכע זענען צוזאַמען באַ־שטאַנען פון 27 נפשות.

דער זייער גרויסער קאָרידאָר מיט טירן פון ביידע זייטן, איז געווען אינגאַנצן אַרומגעשטעלט מיט קאַסטנס, קוישן און שענק.

צו די פיל זאַכן וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין קאָרידאָר, איז דאָרט כּסדר געווען פינצטער און די לאָקאַטאָרן, וואָס פלעגן דורכגיין איבערן פינצטערן קאָרידאָר אין קוך אַריין, אָדער אין די אוביקאַציע, פלעגן זיך אָפט אָנשטויסן מיטן שטערן אויף איינעם פון די זאַכן און באַקומען ביילן אויפן קאָפּ, אָדער סיניאַקעס אויף די קני, שעלטנדיק דערביי מיט טויטע קללות די שכנים, וואָס האָבן דאָ אָנגעשטעלט אַזוי פיל איבעריקע זאַכן, הגם די זאַכן פון די, וואָס האָבן באַקומען דעם בייל אָדער דעם סיניאַק האָבן דאָ אויך נישט געפעלט אין קאָרידאָר. די וווינונג האָט אין היפּוך צום פּאַסאַד פונעם הויז, געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מעבל־אָדער לאָמבאַרד־שפּייכלער, ווי מ'וואַרפט אַלץ אַריין נאָך דער ליקווידאַציע, אין קופּעס.

ביי דער פּאַראַדנע טיר איז געהאָנגען אַ טעלעפאָן און די גאַנצע וואַנט ביי אים איז געווען באַשריבן מיט נומערן פון טעלעפאָנען און אָרומגעריסעוועט מיט פּרויען־קעפּלעך. דער הענגער איז געשטאַנען אַ ליידיקער, ווייל מ׳האָט מורא גע־האַט אויפצוהענגען מלבושים, מ׳זאָל זיי נישט אַוועקגנבענען.

אין קליינעם קאָרידאָרל ביי דער קוך איז געווען די אוּ־ביקאַציע, וועלכע איז שטענדיק דורך עמעצן געווען פאַרנומען. אינדערפרי פאַרנומען, בייטאָג פאַרנומען און ביינאַכט אויך פאַר־נומען.

— וועלכן רוח האָט עס אַהער געבראַכט, וואָס ער זיצט דאָרט אַזוי לאַנג! — האָט עמעץ זיך געבייזערט אין פאַרצווייפלונג און אין כּעס אומטערלויפנדיק אַהין און צוריק, פון שטוב צו דער אוביקאַציע און פאַרקערט. דאָס האָט זיך געוויסערמאַסן דער־קלערט דערמיט, וואָס צוזאַמען מיט דער אוביקאַציע איז געווען דאָס באָד־צימער.

די איינוווינער פון דער דירה זענען געווען מענטשן פון אַזאַ פאַרשידנאַרטיקן צוזאַמענשטעל, פון כּלערליי באַשעפטיקונגען און לאַגעס. אַז ס׳איז אויסגעקומען. ווי זיי וואָלטן בעת אַ פאַר־געקומענעם מבול, זיך אַ וואָרף געטון אַהער אין הויז אינדערגיך דאָ פאַרכאַפּט, וואָס זיי האָט זיך נאָר איינגעגעבן. אָבער אין אַלגעמיין זענען דאָ צוויי דריטל געווען אינטעליגענטן און איין דריטל מענטשן פון פּראָלעטאַדיאַט.

פון די פּראָלעטאַריאַט־מענטשן האָבן דאָ געוווינט צוויי שלאָסער מיט זייערע פאַמיליעס און אַ פּאַרטיע מולאַזשעס, נאָך וועלכע ס׳האָט זיך שטענדיק געצויגן אַ ווייסע שטעזשקע פון די שפּורן וואָס זיי פלעגן איבערלאָזן בעת זיי פלעגן דורכשפּרייזן איבערן קאָרידאָר פון דער אוביקאַציע.

ביי דער סאַמער פּאַראַדנער טיר, נישט ווייט פונעם טעלע־פאָן איז געווען דאָס צימער פון דער מיעטשטשאַנקע מיטן פאַ־מיליען־נאָמען פּיעטשאָנקינאַ. דורך דער טיר פון איר צימער, וואָס איז כּמעט שטענדיק געווען אָפן האָט זיך געזען איין בעט מיט אַ קאָלדרע פון פיל קאָליריקע דריי־קאַנטן, מיט אַ סך פוכענע

קישנס אויסגעלייגט ווי א בערגל, א קאָמאָדע מיט א גיפּסענע קאַץ און א פארגרעסערטע פאָטאָגראַפיע פון איר מאַן, אויף וועלכער פליגן האָבן איבערגעלאָזט א שיין ביסל שפּורן. אויף יעדן קלונג פלעגט די מיעטשאַנקע אַרויסרוקן איר קאָפּ פון דער טיר און שטענדיק געוווסט ווער צו וועמען עס קומט צו גאַסט.

נאָך דער דאָזיקער פרויס וווינונג איז געווען קיסלאַקאָווס צימער און נאָך קיסלאַקאָווס איז געווען די וווינונג פון א פּאָר־פאָלק מיטן פאמיליען־נאָמען זוויעניגאָראָדסקי. די זוויעניגאָראָדזקיס זענען געווען זייער אינטעליגענטע מענטשן און האָבן געהאט א שם פון א פּאָר־פאָלק, וואָס לעבט צווישן זיך בשלום און האט זיך ליב איינער דעם אנדערן בלב ונפש. ביידע זענען געווען הויכע, שלאַנקע. ער איז געווען אן אַרכיטעקט — שטענדיק געגאַנגען אין הוט, אריבערוואַרפנדיק איבער דער האַנט דעם פּאַלטאָ, זי — אין א קליין קאַפּעלושל, נידעריק אראָפּגעלאָזט אויף די אויגן און אין א שטראַליקן „בלאָען קאָסטיום. מ׳האט זיי גערופן „נישט געשיידטע“, ווייל זיי פלעגן גיין צוזאמען און האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א אויסערגעוויינטלעכער קאָרעקטקייט און העפלעכקייט. נאָך זייער צימער איז געווען דאָס צימער פון די דיאַקאָנאָווס, די געוועזענע באַלעבאַטים פון דער דאָזיקער גאַנצער דירה. דער מאַן, א הויכער שווייגנדיקער הכנעהדיקער מאַנספּערשוין, פלעגט גיין איינקויפן אין געוועלבל, קאָכן קאַווע אין קיך ביי דער פּליטע. זיין ווייב, א הויכע, דיקע דאַמע, פלעגט אויפשטיין שפּעט און דער טאָג האָט זיך ביי איר אָנגעהויבן מיט א געשריי. געשריגן האָט זי אויף אַלעמען: אויף די וואָס איר האָט זיך אויסגעוויזן, אז זיי זיצן צולאַנג אין דער אוביקאַציע, אויף די, וואָס האָבן א טעות אין דער צאָל קלונגען. זי איז געווען אויפגערעגט, קעגן אַלע דערפאר, וואָס זיי האָבן געוווינט אין „איר“ וווינונג. זי האָט אָן א שיעור זיך געמשפּט מיט דער מיעסטשאַנקע און געקעמפט קעגן איר צוליב א פינצטער קעמערל, וואָס יענע האט פארנומען און איר נישט געוואָלט אָפּטרעטן. די דיאַקאָנאָווס האָבן געהאט א זון פון א יאָר פופצן (די איינציקע שפּראָצונג פון דער אינטעליגענץ אין דער גאנצער דירה) מ׳האט נישט

געווּסט, וואָס מיט אים צו טון, ווייל מ׳האָט אים אין גאַנצן נישט אויפגענומען און אויסגעמיטן; דאָס בחורל איז געווען אַ בולטער פאַרברעכער־טיפּ, קיין שום איבערצייגונגען האָבן אויף אים נישט געווירקט, פאַר קיין שטראָף האָט ער קיין מורא נישט געהאַט און האָט אפילו געדראָט די עלטערן, אַז ער וועט זיי קוילענען.

ווייטער האָט דאָרט געוווינט אַ באַיאָרנטער פּראָפעסאָר מיט זיין ווייב. ער איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ פּליך און שטענדיק געגאַנגען אין הויזן, וואָס זענען אַראָפּגעקראָכן נידע־ריק איבער די שיך. ער איז געווען נישט אָנגענעם צוליב דעם, וואָס אין די מאָרגן־שעהן פלעגט ער אויסטרייסלען זיינע הויזן אין טיר, וועלכע איז געווען פּונקט אַנטקעגן קיסלאַקאָווס צי־מער. דאָס האָט מער פון אַלץ פאַרדראָסן און געקרענקט קיס־לאַקאָווס פרוי, יעלענע וויקטאָראָוונע. די פּראָפעסאָרשע האָט געהאַט צוויי קליינע טעמפּמוּליקע הינטלעך אָן נעזער מיט אַראָפּגעהאָנגענע אויערן. זיי האָבן קיינעם נישט געטשעפּעט, זענען געווען שרעקעדיק און כסדר פּאַסקודזשעט אין דער שטיל אין אַלע ווינקלען.

אויף דער צווייטער זייט קאָרידאָר האָט געוווינט אַ סטאַ־טיסטיקער — אַ הויכער מאַנספּערשוין, וועלכער פלעגט יעדן פרי־מאָרגן אַרויסגיין פון וואַנע מיט אַזעלכע צעפּלאָשעטע האָר, אַז אַלע גרויסע הינט פלעגן אויף אים בילן און די קליינע יאַפּאַ־נער הינטלעך פלעגן זיך, פייל אויסן בויגן, אַ וואָרף טון אין זייער צימער אַריין.

די לעצטע צוויי צימערן, אונטער די נומערן 9 און 10 אין קאָרידאָר האָבן פאַרנומען: עפּעס אַ שיינע דאַמע, וועלכע פלעגט יעדן פרימאָרגן קומען אין באָד־צימער אין אַ לילאָוון קאַשנע און נאָך אַן אַנדער דאַמע, וואָס האָט געלעבט פון פּענסיע (עמע־ריטור). זי האָט מורא געהאַט, אַז מ׳קאָן נאָך ביי איר אַוועק־נעמען די עמעריטור. איר דאָס אַוועקנעמען האָט מען, לויט איר מיינונג, געקאָנט אין צוויי פאַלן: אויב מ׳וועט זי, ביי אַן אונ־טערזוכונג נאָך אַ מאָל געפינען, אַז זי קאָן נאָך אַרבעטן, און

חען מ׳וועט זען, אַז זי האָט בײַ זיך אין צימער אַ גוטע אויסשטאַטונג. דערפֿאַר האָט זי גאַנצע טעג גערייכערט, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם פּאַפּיראָס פֿון מויל, כּדי דאָס האַרץ זאָל איר ווערן שוואַכער. און געהאַלטן איר צימער אין אַ שרעקלעכן אויסזען, אָפּגעבנדיק די בעסטע זאַכן פֿון איר אויסשטאַטונג דעם פּראָפֿעסאָרס פֿרוי. די פּאָדלאָגע אין איר צימער איז געווען באַדעקט מיט גאַנצע שיכטן שמוץ, ווײַל זי האָט מורא געהאַט צו וואַשן און רייניקן די דילן. און אַליין איז זי געגאַנגען שטענדיק נישט פֿאַרקעמט, אין פּאַנטאָפֿל (לאַטשן) אָן זאָקן, אין אַ צעריסן קלייד מיט פֿאַרשאַרטע אַרבל. ווען זי פֿלעגט גיין אָפּנעמען דאָס עמעריטור-געלט, פֿלעגט זי אָנטון אַ באַזונדערן קאָסטיום, וואָס זי האָט געהאַט ספּעציעל צו דעם צוועק: עפּעס אַ קאָפּטע, געניית מיט צען יאָר צוריק, און אַ שוואַרצע פּאַציילע; אין געוויינטלעכע פֿאַלן, ווירער, פֿלעגט זי אָנטון אַ הוט און אַ פֿאַלטאָ, אמת טאַקע, נישט קיין נײַע, נאָר דערפֿאַר אויף זײַדענעם אונטערשלאַק.

און שוין גאָר אָפּגעזונדערט, מיט אַן אַרײַנגאַנג דורכן קליינעם קאָרידאָרל, האָט געוווינט, ווי ס׳זעט אויס, דער באַדיינדיקער סאָוועט-אַרבעטער *) נאַטאַנסאָן. נאָך אים פֿלעגט יעדן פֿרימאָרגן קומען צו פֿאָרן אַן אויטאָמאָביל און לאַנג זשומען אונטער די פֿענצטער. צו נאַטאַנסאָנען האָבן זיך אַלע פֿאַרהאַלטן מיט דרך־ארץ און פֿאַרזיכט.

דעם טאָג פֿלעגן אָנהייבן די הינט. באַלד נאָר ווי אויף די „שוואַרצע״ שטיגן פֿלעגן זיך דערהערן די טריט פֿון די מילך-הענדלערינס פֿלעגט נאַטאַנסאָנס הינט אויפֿהייבן אַ בילערײַ און דראַפּן די טיר מיט זייערע פֿאָדערשטע לאַפּעס.

אויף זייער בילן פֿלעגן זיך אָפּרופֿן די יאַפּאַנישע הינטלעך — צערשט צוליב דעם, וואָס די טיר איז געווען פֿאַרמאַכט, דערנאָך, ווען מ׳האָט זיי אַרויסגעלאָזט, פֿלעגן זיי אויף זייערע קורצינקע פֿיסלעך זיך צעלויפֿן אין קאָרידאָר און אַרומ-

*) דאָ אין זין פֿון טוער.

קוקנדיק זיך אין ביידע זייטן, צעבילן זיך סתּם אין דער וועלט אַריין, פֿאַררייסנדיק אין דער הייך די קעפּ.

אַלס ענטפֿער אויף זייערע געבילן, פֿלעגט מיט אַ ווילדער בייזקייט עמעצער אַ פּראַל טון מיט דער נישט גוט צוגעמאַכטער טיר, דורך וועלכער דאָס בילן האָט זיך דערטראָגן צום אייגנ-טימער פֿון צימער און אים אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. ס׳רוב איז דאָס געווען דער סטאַטיסטיקער, וואָס פֿלעגט זיך פֿירן אויף אַזאַ אופֿן. ער פֿלעגט זיך צעשרייען:

— געמאַכט זיך דאָ, דער רוח זאָל זיי נעמען אַ פּשיאַרניע! נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט קאָן מען דאָ נישט האָבן קיין מנוחה...

אין קוך פֿלעגט אַריינקומען די מיעשטשאַנקע אין אַן אַלט ציצן קליידל, אָן אַ גאַרטל, אין לאַטשן אָן זאָקן און מיט שי-טערע האָר, צונויפֿגעשפּילעט אין אַ בינטל אויפֿן נאַקן.

און אין פּונקטלעכן הסכּם מיט איר אַריינקומען אין קיך אַריין, פֿלעגט זיך עפּעס שטענדיק עפֿענען די טיר פֿון פּראָפֿע-סאָרס צימער און ער פֿלעגט אָנהייבן אויסטרייסלען און אויס-לופֿטערן זיינע הויזן אין קאָרידאָר אַריין.

געוויינטלעך פֿלעגן צווישן אים און יענעם פֿון די לאָקאַ-טאָרן, וואָס פֿלעגט דאַן דורכגיין איבערן קאָרידאָר זיך צעפּלאַ-קערן אויף דעם באַדן סכסוכים מיט אַ קריגעריי, נאָר דער פּראָ-פֿעסאָר פֿלעגט יענעם נישט אַנזען פֿאַר די אויגן, ווייל שטייענ-דיק אין די אונטערוועש, פֿלעגט ער שטענדיק זיך באַהאַלטן פֿון יענער זייט טיר, אינעווייניק אין צימער, אַרויסשטעלנדיק נאָר ד׳רויסן די הענט מיט די הויזן, וואָס ער האָט געטרייסלט.

דערנאָך פֿלעגן זיך אָנהייבן עפֿענען איינע נאָך דער אַנדע-רער די טירן פֿון די צימערן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַ-ווייזן אַלע לאָקאַטאָרן כּסדר.

ס׳פֿלעגט דורכגיין דער הויכער, כמורנער דיאַקאָנאָוו, דער מאַן פֿון דער געוועזענער באַלעבאָסטע פֿון דער דירה, מיט אַ קאַווע-קריגל אין קיך אַריין. פֿון דער טיר, וווּ עס וווינט די עמעריטקע, פֿלעגט מען אויסקערן איבער דער שוועל אַ גאַנצן

באַרג מונדשטוקן, וואָס עס האָט זיך דאָרט אָנגעזאַמלט פֿאַר דער גאַנצער נאַכט.

אין די מאָרגן־שעהן זענען די לאָקאַטאָרן פֿון די וווינונגען געווען באַזונדערס איבערקלייבעריש צו כּלערליי אומבאַקוועמלעכקייטן, צו אַלע באַמערקונגען פֿון די שכנים, פּונקט ווי זיי וואָלטן, שוועבנדיק בעתן שלאָף אין גאָר אַנדערע וועלטן, זיך דערזען, אויפֿכאַפּנדיק זיך אין בעט, אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון פֿאַרשידנאַרטיקע שכנים, וואָס עס האָט זיי זיך שוין לאַנג דערעסן.

אויפֿן סטאַטיסטיקער האָבן כּמעט יעדן פֿרימאָרגן געבילט די הינט, באַלד נאָר ווי זיי האָבן באַמערקט, ווי ער רוקט אַרויס פֿון באָד־צימער זיין צעשויבערטן קאָפּ מיט אַ האַנטוך, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן האַלדז. און ער, ווערנדיק אינגאַנצן רויט, האָט זיך צעשריגן אויף דער מאַדאַם נאַטנזאָן:

— אויב אייערע הינט וועלן אויף מיר בילן, וועל איך אייך איינגעבן אין געריכט.

— זיי בייסן אייך דאָך נישט.

— וואָס ווילט איר, זיי זאָלן זיך נאָך בייסן. איינגעפּירט דער רוח זאָל עס נעמען, אַ פּשיאַרניע אין הויז. דינגט זיך אייך אַ באַזונדער קאָטעדזש און האַלט זיך דאָרט מיט אייערע הינט, צאַצקעט זיך דאָרט מיט זיי.

דערנאָך גליטשט זיך עמעץ פֿלוצלינג אויס, גייענדיק איבערן קאָרידאָר און אומקוקנדיק זיך הינטער זיך אויף דער פּאָדלאָגע, הייבט ער אָן אימרויק באַקוקן זיין קאַמאַש און שרייט צו עמעצן אין שטח אַריין:

— נעמט זיי אַוועק, דידאָזיקע פּאַסקודסטווע, די יאַפּאַנער אייערע, ווען נישט וועל איך זיי אייערע הינט מיט מיינע הענט דערווערגן.

די יאַפּאַנער, — אויב זיי זענען נאָר דאַן געווען אין קאָרידאָר און גענומען אָנטייל אין לעבן, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן איינדערפֿרי, פֿלעגן פֿאַרשטיין, וועמען מען מיינט מיט דידאָזיקע ווערטער און צוקוועטשנדיק די אויערן פֿלעגן זיי זיך אַוואָרף

טון צו דער טיר. דאָרט האָט זיי שוין אויפגענומען, ווי באַליי־דיקטע קינדער, די פּראָפעסאָרשע, וועלכע האָט געעפנט די טיר אויפן געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון קאָרידאָר.

אין קיך פלעגט זיך אָנהייבן דאָס לעבן מיט אַ פולן גאַנג. די מילך, וואָס די מילכהענדלערינס פלעגט ברענגען, פלעגט מען פאַנאַנדערגיסן אין פענדלעך. מ'פלעגט אָנצינדן די פּרימוס-מאַשינקע. און ווען מען פלעגט ברענגען אַ רעכענונג פאַר עלעק־טרי, פלעגט די אַטמאָספערע אין קיך מיטאַמאָל געדיכט ווערן און עס פלעגט זיך דערהערן דאָס קוויטשיקע, אויסערגעוויינטלעך קליינגנדיקע קול פון דער מיעשטשאַנקע.

אין דערדאָזיקער ענגשאַפט, פלאָנטערנדיק זיך אַלעמען אונטער די פיס, פלעגן זיך אַרומדרייען און שטופן קינדער און הונט.

טיילמאָל פלעגט זיך דערהערן אַ קלונג. אויב דאָס קלונ־גען איז געווען אַ לאַנגס און אַ באַפעלערישס, פלעגן עטלעכע פון די לאָקאַטאָרן עפעס ווערן בלאַס, באַזונדערס די עמעריטקע און סאָפיע פּאַוולאָווגאַ. טיילמאָל איז דער קלונג געווען אַ קורצער, נישט קיין אַגטשלאָסענער און דערנאָך, נאָך אים, — צוויי איילעדיקע און נישט דרייסטע. דאָס איז געווען אַ גאַסט פון דערפרי, וואָס בלאָנדזשענדיק איבער די שטיגן אין דער פינצטערקייט, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָריענטירן, וויפל מאָל מען דאַרף קלינגען.

באַלד נאָך אַזאַ קלונג פלעגט זיך אין דער דירה אָנהייבן אַ מחלוקה, ווער עס דאַרף עפענען די טיר:

— איינמאָל אָדער צוויי מאָל, האָט מען געקלונגען?

— אָדער אפשר גאָר גאַנצע דריי מאָל?

סוף־כל־סוף פלעגט עמעץ עפענען, און אויב ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַזוכער האָט געמיינט נישט יענעם, נאָר אַז ער זוכט גאָר אַן אַנדערן, האָט דער לאָקאַטאָר געשריגן:

— איר זענט בלינד געוואָרן, וואָס? איר זעט נישט צו דער דיאַקאָנאָווע מוז מען קלינגען דריי מאָל.

— כ'האָב דאָך געקלונגען דריי מאָל.

— ווייסט אייך דער רוח, וויפיל מאָל איר צעקלינגט זיך...
—און האָט אַ פּראָל געטון מיט דער טיר פאַר דער נאָז פונם באַזוכער — גיי זיי אַ שטענדיקער משרת און עפן יעדן די טיר.

ס'זענען געווען נאָר צוויי זאַכן, וואָס האָבן פאַרייניקט די שכנים. די ערשטע זאַך איז געווען — דאָס בוך צו לייענען. היות די לאָקאַטאָרן זענען נישט געווען אימשטאַנד צו קויפן ביכער (נישט געהאַט דערצו קיין געלט), פלעגן זיי באָרגן ביכער ביי די שכנים, וועלכע האָבן אויך באַקומען די־דאָזיקע ביכער אויסגעבאָרגט ביי זייערע באַקאַנטע. די־דאָזיקע ביכער, ס'רוב פון אויסלענדישע מחברים. (די אייגענע מחברים האָט מען נישט געגלייבט) פלעגן גיך פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרפעטסטע ווייכע שמות.

די אַנדערע זאַך, וואָס האָט פאַרייניקט די שכנים, זענען געווען די כלים און געשיר, וועלכע מען פלעגט איינער ביים אַנדערן באָרגן, ווען ס'פלעגן קומען געסט.

די איבעריקע געביטן פון לעבן זענען שטענדיק געווען קוועלן פון מחלוקתן.

אין הינזיכט פון קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די שכנים איז דאָס געווען נישט קיין דירה, נאָר אַ פולווער־קעלער. עס פלעגט נישט אריבער קיין איין טאָג, אַז אין דעם אָדער יענעם אָרט זאָל דער פולווער נישט אויפרייסן, ווייל אַלע האָבן אים געהאַלטן טרוקן...

סיבות צום אויפרייס פלעגן אַרויסשפּרונגען פון זיך אַליין. אויף יעדן שריט און טריט. ערשטנס, די זעלבע אוביעקציע: פון אינדערפרי אָן פלעגט זיך פאַר מיר אַוועקשטעלן אַ גאַנצע ריי בירגער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעאײלט אין שטאָט אַריין צו זייער טאָג־טעגלעכער ארבעט. עטלעכע האָבן דערביי אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער אומגעדולדיקייט. דער, ווּעמענס ריי ס'איז געווען, האָט נאָך נישט באַוויזן אַריינצוגיין און זיך פאַרשליסן, ווי אין אַ מינוט אַרום האָט שוין אַ גאַנץ צענדליק פויסטן

געקלאַפּט אין טיר און אים דערמאָנט, אַז ער איז נישט ביי זיך אין גאַסט-צימער.

און ווען אַהין האָט זיך אַריינבאַקומען דער, וואָס האָט געשריגן און זיך געבייזערט מער פון אַלע, און האָט זיך פאַר-געסן פון דאָרט אַרויסצוקריגן — האָבן שוין אַנדערע געשריגן אויף אים און זיך געבייזערט.

דאָס באָד-צימער איז דורך די געמיינזאַמע אָנשטרענגונ-גען פון אַלע לאָקאַטאָרן שוין לאַנג געבראַכט געוואָרן אין אַזאַ צושטאַנד, אַז יעדער וואָס האָט געוואָלט זיך אָרומוואַשן, האָט פאָרדעכטיק און פאָרזיכטיק אַהין אַריינגעקוקט, נאָר אַ מאַך טוענדיק באַלד מיט דער האַנט, איז ער אַוועק צו זיך און אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן אָרומוואַשן זיך. און ער וואָלט סיי ווי סיי נישט באַוויזן זיך אויסצוטון, ווי אין טיר וואָלטן באַלד אנגעהויבן קלאַפּן מיט די פויסטן עטלעכע מענטשן און אים אויך דערמאָנט וועגן דעם גאַסט-צימער.

חוץ דעם איז אין באָד-צימער געווען פינצטער און פון סופיט איבער וועלכן ס'האָט זיך געפונען די אוביקאַציע פונם העכערן שטאָק, האָט שטענדיק געקאַפּעט וואַסער און אויף דער פאָדלאָגע איז געשטאַנען אַ קאַלוזשע, וואָס האָט מיט איר טיפקייט צייטנווייז דערגרייכט ביז דער שוועל. צוליב דעם זענען דאָרט שטענדיק געווען אָנגעוואָרפן ציגל, יעדער האָט זיך געשטעלט אויף דידאָזיקע ציגל און באַמיענדיק זיך נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט, האָט ער געטון, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק. אָבער צו גיין צום מאָסטער פון דער וואַסערלייטונג, ער זאָל רעפּאַרירן די וואַנע, האָט קיינער פּרינ-ציפּיעל נישט געוואָלט: צו וואָס זיך מטריח זיין פאַר אַ זאַך, וואָס אַנדערע וועלן דערפון האָבן נוצן? די געוועזענע באַלע-באָסטע פון דער דירה האָט אין אַזעלכע פאַלן טריומפירט און געזאָגט, אַז מיט דידאָזיקע חזירים קאָן אַנדערש נישט זיין. זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ פרעמדע דירה און לעבן ווי מענטשן — קאָנען זיי נישט.

דער צווייטער פונקט פון מחלוקות, איז געווען די קוך,

ווי ס'איז פון סאַמע אינדערפרי געגאַנגען די אַרבעט, ווי אויף אַ פאַבריק, ס'האָבן געוועלט גלייכצייטיק זעקס פרימוס-מאַשינ-קעס. אינם טשאַד און רויך האָט מען געזען נאָר רוקנס און פאַרשאַרצטע עלנבויגנס פון די באַלעבאָסטעס אין קאַפּאָטן און לאַטשן אָן זאָקן. דאָ פלעגן אויסברעכן קריגערייען כמעט יעדע מינוט — צוליב אַ כלי, צוליב אויסגעגאָסן וואַסער, ווען אויף דער אָרענע פלעגט זיך באַווייזן די געוועזענע באַלעבאָסטע איז אין קיך געוואָרן אַן אמתער סדום.

נאָר די הויפּט-סיבה פון די מחלוקותן און קריגערייען איז שטענדיק געווען דער שמוץ אין דער וווינונג, וועלכן קיי-נער האָט נישט געוואָלט אויפרוימען. און אויך דער רעמאָנט, וועלכן מ'האָט נישט געמאַכט אין די ערטער, וואָס אַלע האָבן באַנוצט אויב מ'האָט נאָר עמעצן נעכאַפּט אויפן אָרט פון פאַר-ברעכן, האָט מען פון אים געצוווּנגען אויפצורוימען, וואָס ער האָט אָנגעשמיעטשעט. און אויב ס'איז געבליבן אומבאַוווּסט, ווער ס'האָט אָנגעמאַכט — איז דאָס מיסט אַזוי געבליבן ליגן נישט אויפגערוימט.

דערנאָך איז נישט אַוועק קיין טאָג, אַז ביי איינעם פון די לאָקאַטאָרן זאָל עפּעס נישט פאַרפאַלן ווערן. ס'פלעגן פאַר-שווינדן ווערן אפילו פּרימוסן און דעמאָלט פלעגן אַלע זאָגן, אַז דאָס האָט דער געוועזענער באַלעבאָסטעס בנאָק אַוועקגעגנבעט. אָבער זאַכן פלעגן אויך פאַרפאַלן ווערן דאַן, ווען ער איז נישט געווען אין דערהיים.

דאַן האָבן זיך אַלע געמאַכט קאַסטנס אין קיך מיט שלעס-סער און דאָרט אַלץ פאַרשלאָסן — די פענדלעך, שיסלעך א. א. וו. אָדער נאָכן אָפּקאָכן מיטאָק אָדער אָוונט-ברויט פלעגט יעדער פאַרכאַפּן אַלע כלים אונטער דער פאַכווע און אַלץ אַוועקטראָגן צו זיך אין צימער אַריין.

ענדלעך האָט מען אַלס מיטל קעגן שמוץ און קעגן דעם, וואָס עס ווערן פאַרפאַלן זאַכן, באַשטימט דיזשורסטוועס אין דער וווינונג אויף וועלכער יעדער לאָקאַטאָר איז באַשטימט געוואָרן לויט דער ריי.

V

ווען איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט זיך אויפגעהויבן איבר די הונטערשטע שטיגן און זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּלעצל, האַלטנדיק זיך פֿאַרן האַרץ, האָט ער פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי אין וווינונג. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען — אַז מען נעמט ביי אים אַוועק די וווינונג, אַזוי דייטלעך האָט זיך צווישן אַנדערע געשרייען געהערט דאָס געוואַלט פון זיין ווייב. שוין אַזוי ווי זייער צימער איז צוליב זיין גרויסקייט, געווען אַ קעגנשטאַנד פון קנאה ביי די שכנים און מ'האָט קיסליאַקאָוון אַזאַ צימער נישט פאַרגינען, איז ער שוין געוווינט געווען צו פאַרשידענע פּרוון, וועלכע מען פּלעגט מאַכן ביי אים אַוועקצונעמען דאָס צימער און אים עס איבערטוישן אויף אַ קלענערס. נאָר ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַך איז גאָר אַ פּשוטע: דעם פּראָפעסאָרס פרוי אַ הויכע, דאַרע אַלטמאָדישע דאַמע אין פּענסנע, האָט אויסגעבאָדן אין דער וואַנע אירע „יאַפּאַנער". מ'האָט זי געפּאַקט אין דער רגע, ווען זי האָט גאָכן אויסבאָדן זיי, איינגעוויקלט די הינט־לעך אין אַ ליילעך און זיי געוואָלט אַרויסטראָגן צו זיך אין צימער.

— וואָס זאָגט איר אויף איר?—האָט זיך דעם שלאָסערס פרוי געבייזערט — דאָ וואַשט מען און מען באָדט קינדער און זי באָדט גאָר אירע הינט.

— כאַפּט אייך דער וואַטעמאַכער מיט אייערע קינדער!—

האָט א געשריי געטון די פּראָפעסאָרשע, אויסער זיך פון כעס און צודריקנדיק צו איר ברוסט די שטאַרק איבערגעשראָקענע „יִבְּבאַנער״ וואָס זענען געווען צוגעדעקט מיט א ליילעך, פון וואַנען ס׳האָבן נאָר אַרויסגעטאָרטשעט זייערע נעזער און די. אויגן מיט אַן אויסדרוק פון שרעק.

יעלענאַ וויקטאָראָוונאַ, וועלכע האָט נאָך צוליב די קלאָפּאָטן איבער אירווירטשאַפט, זיך נישט באַוויזן אָנצוטון, א קליין-געוויק-סיקע דיקע, איז געשטאַנען אין א ראָזיקן קאַפּאָט מיט א ברייטע גרינע שטענגע, אַרומגעבונדן אַרום דעם שטערן, און האָט אונ-טערגעהאָלפן מיט קולות...

דערזעענדיק דעם מאַן, האָט זי באַלד אויפגעהערט צו שרייען און איז אַריין צו זיך אין צימער.

לויט איר רוקן און לויט דעם, וואָס זי איז אַוועק פאַר אים, נישט וואַרטנדיק ביז ער וועט זיך מיט איר אויסגלייכן, האָט קיסליאַקאָוו דערפילט, אז זי איז אויפגערגט פון עפּעס, א חוץ דער געשיכטע מיט די הינט.

— געלט האָסטו באַקומען? — האָט זי אים געפרעגט, באַלד ווי ער איז נאָך איר אַריין אין צימער.

— באַקומען — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט, באַמערקנדיק ביי זיך מיט נישט קיין גוטן געפיל פאַר זיין ווייב, הלמאי זי פרעגט אים קודם-כל וועגן דעם געלט און וועט עס געוויס, זיך צונעמען ביז א גראָשן. און ווען אים וואָלט נישט איינגעפאַלן אָפּצולייגן דידאָזיקע פופציק רובל, וואָלט אים אויסגעקומען נאָך איר אַוועקצופאָרן צו לעבן פון דעם, וואָס זי וואָלט אים איבער-געלאָזט, אויסרעכענענדיק אים אַלץ ביזן לעצטן גראָשן.

באַרויקנדיק זיך מיטן פּאָזיטיוון ענטפער, וואָס זי האָט באַ-קומען פונם מאַן, האָט יעלענאַ וויקטאָראָוונאַ פלוצלינג א זאָג גע-טון מיט צאָרן, וועלכן זי האָט, ווי ס׳האָט אויסגעזען, נישט גע-קאָנט אין זיך דערשטיקן:

— אַך, ווי די מענטשן זענען איצט פאַרדאָרבן און פאַר-שייט. שטעל זיך פאָר, דאָסדאָזיקע אידעאַלע, פאָרפאַלק אונדזערס! זיי האָבן זיך געגט. ער האָט זיך אָפּגעזוכט עפּעס א פרוי, וואָס

האָט זיך אים איינגעבונדן אין האַרצן, און אָפּגעגט מיט זיין פרוי דערוויבער. די פרוי פּאָדערט פון אים 250 רובל א חודש, ער גיט איר נאָר 150. וואָס-זשע, ער האָט געלעבט מיט זיין פרוי א פּאָר יאָר און איצט האָט ער זיך געפונען אַן אַנדערע, א יונגינקע און זיין פרוי פאַרלאָזן. קיין שום פליכטן, קיין התחייבות. ס׳איז נאָך גוט, וואָס זיי האָבן נישט קיין קינדער.

מחמת דעם וואָס זי האָט זשעסטיקולירט מיט די הענט, האָט דער קאַפּאָט ביי איר זיך אויפגעפּראַלט, זי האָט אים אַ צערייצטע, צוגעשפּילטע און פאַרגעזעצט:

— זי האָט אים דאָך אַזוי גוט באַהאַנדלט, אים געניאַנטשעט! געזען, עס זאָל אים גאָרנישט פעלן. נאָר היינטיקע ציטן טראַכט מען נאָר וועגן זיך, וועגן אייגענעם מאָגן. וואָסער געמיינע מענטשן — האָט זי זיך געבייזערט מיט אַן איבעריקער צעקאָכקייט, פון וועלכער קיסליאַקאָוו האָט פּלוצלינג דערפילט אַ צאָרן קעגן זיין פרוי און מיטגעפיל, אפילו קנאה צו זוויעגינצעוואַ־דסקין, וועלכער האָט זיך געגט און זיך גענומען א יונגינקע, ער האָט אָבער נאָר א קוק געטון אויף זיין פרוי דורך די פענסטער און גאָרנישט געזאָגט.

און דאָ האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט, אַז יעלענע וויקטאָראָוונא איז עלטער פאַר אים מיט פינף יאָר, און איז נאָך דערצו א דיקע און א נידעריקע פאַר איר פעטלייביקייט, שטענדיק מיט דערדאָזיקער גרינער שטענגע און ראָזיקן קאַפּאָט. — זי מיינט געוויס, אַז אין אזא „הולד״זעט זי אויס רייצנד און שיין ביז גאָר. און אין אירע שאַרפע אָנפאַלן אויפן געגטן מאַן האָט ער געפילט נישט קיין דירעקטן אָנפאַל אויף זיך גופא, ווייל זי האָט גערעדט בכלל וועגן מאַנספּערשוינען, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט אויף דעם א רעכט, וואָס קאָן ביי איר אַוועקגענומען ווערן, מ׳זאָל זי שטענדיק פאַרגעטערן און איר זיין איבערגעגעבן, טראָצדעם וואָס זי איז א דיקע און איז שוין אַלט פערציק יאָר מיט אַן עודף.

די אַלע געדאַנקען האָבן נאָר אַ שימער געטון אין זיין קאָפּ, ווי זיי פלעגן שטענדיק שימערן, ווען ס׳פלעגט זיך אָנהייבן

אַ געשפּרעך מיט זיין ווייב מיט אַ געהעכערטן טאָן. ווען ער וואָלט אַרויסגעזאָגט כאָטש אַ הונדערטסטל טייל פון דידאָזיקע געדאַנקען, — ווייסט ער גוט, מיט וואָס זיין אָפנהאַרציקייט וואָלט זיך געענדיקט... דאָס וואָלט געווען אַ דראַמע אויף אַ גאַנצע וואָך. דעריבער האָט ער אויסגעמיטן אַרויסצוזאָגן דידאָזיקע געדאַנקען אָפן און עס אָפּגעלייגט ביז עפּעס אַ לעצטער געלעגנהייט, כדי עס זאָל זיך אָנזאַמלען וואָס מער צאָרן פון דער גראָבקייט און וואָכעדיקייט פון דאָזיקן לעבן. ווען אָט די לעצטע געלעגנהייט וועט קומען און, ווי זי וועט אויסזען, האָט ער נישט געוווּסט.

אין דערזעלבער צייט איז פון מאַרק געקומען יעלענע וויקטאָראָוונעס מומע מיט זייערע צוויי הינט — אַ כמורנעם בולדאָג און אַ היציקן רויטיקן פאָקס. די מומע, אינגאַנצן אַן אויסגעטרוקנטע, מיט אַ מין טשעפּיך אויפן קאָפּ. אין אַן אַלטמאָדיש געפאַרבט קליידל, איז גיך אַריינגעלאָפן אינעם טייל צימער, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט אַ שפּאַניש ווענטל.

יעדעס מאָל ווען זי פלעגט הערן, ווי מאַן און ווייב רעדן אויף אַ צו הויכן טאָן, פלעגט זי זיך באַהאַלטן פון יענער זייט שפּאַניש ווענטל.

— נו גיב נאָר אַהער דאָס געלט, — האָט יעלענאַ וויקטאָראָוונאַ צום מאַן געזאָגט געשטערט, ווי ס'ווייזט אויס אינעם מין הולך דורכן אַריינקומען פון דער מומע.

קיסליאַקאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט אין טאַש אַריין און שיער זיך נישט טועה געווען — ער האָט שיער נישט אַרויסגענומען פון דאָרט די אָפּגעלייגטע פופציק רובל, אַנשטאָט די צוויי הונדערט.

— אָט האָסטו צוויי הונדערט רובל, — האָט ער געזאָגט און דאָ האָט ער זיך איבערצייגט, אַז פון יעלענאַ וויקטאָראָוונאַ קאָן מען גאָרנישט פאַרבאָרגן. וויפיל פרוון ער האָט שוין נישט געמאַכט אין דערדאָזיקער הינזיכט — פון איר עפּעס צו פאַרבאַהאַלטן — האָבן זיי זיך אַלע געענדיקט מיט אַ דורכפאַל.

— און ווי זענען נאָך פופציק?

— וועלכע פּופּציק?

— יענע, וואָס דו האָסט געדאַפּט באַקומען פאַר דער קאָמאַנ-דיראָווקע?*)

אַך, יאָ, דידאָזיקע... כ׳האָב זיי ביי זיך. כ׳האָב זיי אָפּ-געלייגט באַזונדער, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט און לויט זיין ווייבס פאַרדעכטיקן שווייגנדיקן בליק, מיט וועלכן זי האָט אויף אים געקוקט, ביז וואַנען ער האָט אַריינגעשטעקט די האנט אין טאַש און פון דאָרט אַרויסגענומען דאָס געלט, — האָט ער פאַר-שטאַנען אז זי באַציט זיך צו אים אָן שום צוטרוי און באַהאַנדלט אים ווי א שווינדלער, אז זי ווערט אפילו נישט אויפגערעגט און אויפגעבראַכט פונם ליגן, נאָר זי האַלט פּשוט, אז מיט אים דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק און אויסרעכענען יעדע קאָפּיקע.

און דאָס האָט אים מיטאַמאָל אַריינגעבראַכט אין א צושטאַנד פון שטאַרקן צאָרן, אויפרעגונג און שרעקלעכער פאַרצווייפלונג. דער באַוווסטזיין, אז ער איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון זיין ווייב און געפינט זיך אונטער השגחה וואָס דערנידעריקט אים צופיל.

ער האָט עס איר אָבער ווייטער נישט אַרויסגעזאָגט. נאָר זיין פּנים איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט נישט אנגענעם קרענקלעך.

— געסט האָסטו פאַרבעטן?

— יאָ, איינגעלאַדן.

— וויפיל?

— מיר און די מומע אינאיינעם מיט די געסט וועלן מיר זיין ניין פּאַרשוין בסך-הכל.

— אָבער זע, עס זאָל נישט זיין מער ווי ניין—האָט יע-לענע וויקטאָראָוונאַ געזאָגט — נו זעצט זיך. מומע זעצט זיך, אייער אַרבעט וועט איר דערלעדיקן שפּעטער.

קיסילקאָוו האָט, בלייבנדיק ביי זיין נישטצופרידנדיק שווייגנ-דיק אויסזען, זיך אַנידערגעזעצט. חוץ דער אויפגעבראַכטקייט, וואָס ביי אים האָט אַרויסגערופן דאָס געשפּרעך מיט זיין ווייב,

*) פאַרן ערגעץ מיט א באַזונדער שליחות.

איז ער געווען שטאַרק אויפגעטראָגן אויף צוליב דעם, וואָס ער פלעגט שטענדיק זען פאר זיך די הינט און די מומע.

איין הונט, פאָקס דזשערי, א ווייסער מיט שוואַרצע פלעקן, האָט אים ארויסגעבראַכט פון געדולד און שטאַרק געררייצט מיט זיין הילכיק און שניידנדיק געביל. באַלד ווי דערדאָזיקער כלב פלעגט נאָר דערהערן אפילו א קלאַנג פונדערווייטן אָדער א קלונג אין טויער, פלעגט ער א שפרונג אויף טון פון זיין מאַטראַץ און אויפהייבנדיק א פאָדערשטן פוס און איין אויער (דאָס אַנדערע אויער פלעגט זיך שטענדיק פארוויקלען) פלעגט ער אָנהייבן הויך און שניידנדיק צו בילן, פאַרייסנדיק אינדערהייך דעם קאָפ, אַזוי אז קיסליאַקאָוו פלעגט יעדעס מאָל אויפציטערן, פונקט ווי מ׳וואָלט אים אַרייַנגערוקט אין זייט אַריין א צעגליט אייזן. דער אנדערער הונט, א כמורנער גרויסקעפיקער בולדאָג מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער ליפּ מיט אַן איבערגעבראָכענעם עק, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עפּעס א סודותפולן בליק. ער פלעגט קיסליאַקאָוון קאַליע מאַכן די שטי־מונג צוליב דעם, וואָר ער פלעגט ליגן אויפן פאָטעל, אינדערזייט פונם שרייבטיש. ווען קיסליאַקאָוו פלעגט צו אים צוגיין, כדי אים אַוועקצויאָגן, פלעגט דער כלב רעטזעלהאַפט, טריב קוקן אויף אים, און מ׳האָט געקאָנט מיינען, אז ער וועט אים נאָך — א קשיא אויף א כלב — אַפּביס טון, ווייל ער פלעגט טיילמאָל אָנהייבן ריטשען און ברומען.

נאָר זעלטן, זייענדיק, אפנים אין א גוטער שטימונג, פלעגט ער צוגיין צום בעל־בית און אונטערדרוקנדיק אונטער זיין האַנט די גראָבע מאָרדע, פלעגט ער דורכויס פאָדערן, מ׳זאָל אים גלעטן און צערטלען. און קיסליאַקאָוו האָט אים געגלעט און אליין גע־טראַכט מיט נישט קיין אָנגענעם געפיל וועגן דעם, אז אים קומט עפּעס אויס צו חנפענען דאַסדאָזיקע מיאוסע באַשעפעניש און צו זוכן זיין לאַסקע.

בעתן מיטאָג, פלעגט דער הונט זיך שטענדיק אַנידערזעצן אונטן דער פאָדלאָגע אַן דער זייט פון קיסליאַקאָוון, אָפּגערוקט אַביסל און נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פונם באַלעבאָס, — וואַרטן, ער זאָל אים עפּעס געבן.

די מומע פלעגט קיסליאקאָוון אַרויסברענגען פון געדולד מיט איר מילדקייט, הכנעהדיקייט און דערנידעריקטקייט, ער האָט, ווייזט אויס, געפילט די אומגעוועלעכקייט פון איר עקזיסטענץ אין איין צימער מיטן פאַר־פאָלק און האָט דעריבער ווי זיך באַ־מיט יעדע מינוט זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן אַריין און נישט פאַרניכטעט צו ווערן. זי פלעגט גיין אַזוי שטיל אַז ס'איז קוים געווען צו הערן אירע טריט, רעדן פלעגט זי — נאָר מיט די הינט און דאָס אויך אינדערשטיל, שעפטשענדיק. אַזוי ווי איר האָט זיך געוואָלט כאָטש מיט וואָס עס איז באַרעכטיקן איר לעבן אויף דער וועלט (מ'זאָל נישט מיינען, אַז זי איז אַ דאַרמאָיעדי־ניצע) פלעגט זי שטענדיק זיך באַמיען צו זיין באַשעפטיקט מיט עפּעס אַן אַרבעט, זי פלעגט זיך דעריבער כאַפּן צו פאַרשידענע אַרבעטן: צוקערן די פאַדלאָגע, פאָרן זיך פאַרזיכטיק מיט די כּלים און געשיר — כּדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז זי זיצט נישט ליידיק און איז אַן אַרבעטואַמע. זי האָט זיך שטענדיק באַמיט צו דערווייזן און צו געבן אַ ביישפּיל, וויאַזוי מ'קאָן איינהאַנדלען מציאות, קויפן גוטע זאַכן און באַצאָלן דערפאַר ביליק. אפילו דאַן ווען יעלענע וויקטאָראָווּנאַ פלעגט איר געבן געלט אויף צו גיין איינקויפן אין מאַרק און פרעגן, וויפיל זי דאַרף איר געבן, פלעגט די מומע זיך מיט אַלע כּוחות באַמיען צו בעטן ווייניקער און זען איינקויפן טאַקע וואָס ביליקער, זוכנדיק געלעגנטלעכע „מציאות". זי האָט זיך אפילו געפילט שולדיק אין דעם, וואָס יעלענע וויק־טאָראָוונע מוז אויסגעבן דאָס געלט, וואָס מען פלעגט איר, די מומע, געבן איינצוקויפן. ס'פלעגט זיך אויך ענדיקן דערמיט, וואָס די עטלעכע רובל, וועלכע מען פלעגט געבן דער מומע אויף דעם צוועק, פלעגן נישט קלעקן אויף איינצוקויפן אַלץ, וואָס איז געווען גייטיק. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט זי קומען נאָכן געלט, וואָס האָט איר אויסגעפעלט און נאָכאַמאָל גיין אין מאַרק אַריין. דערביי פלעגט זי באַקומען אַ פאַרוואורף פון יעלענע וויקטאָראָוו־נען דערפאַר, וואָס זי האָט באַלד נישט געקאָנט געבוי אויסרע־כענען, וויפיל געלט זי באַדאַרף צו האָבן.

געהוסט האָט די מומע שטיל, קיינער זאָל, חלילה, נישט

הערן, פארדעקנדיק יעדעס מאָל מיט שרעק דאָס מויל מיט דער האַנט. און ווען זי פלעגט דערפילן אַ שטאַרק באַדערפעניש אַ ניס צו טון, פלעגט זי אינדערגיך אַוועק אין קאָרידאָר און דאָרט אַ ניס טון. דאָס פלעגט זיך ביי איר טרעפן, ס'רוב אין די אָוונטן.

און ווי קיסליאַקאָוו האָט נישט פאַרשטאַנען די זייער שווערע אומדערטרעגלעכע לאַגע פון דער מומען, ביי איר גאַנ־צער דעליקאַטקייט, — האָט אים איר אָנווענהייט דאָך שטאַרק אויפגערעגט. געריי‌צט און צעטראָגן האָט אים אויך דאָס, וואָס, די מומע פלעגט ביים ערשטן לעפל זופ ביים מיטאָק זיך פאַר־כליניען און אָנהייבן הוסטן.

כדי ווי עס איז אויסצונעמען ביי די קיסליאַקאָווס און זיך ווייזן פאר זיי, וואָס ווייניקער צו לאַסט, פלעגט די מומע זיך באַמיען צו עסן ווייניק און לייגן וואָס ווינציקער צוקער אין גלאָז טיי אריין.

תחילת, ווען זי האָט זיך געהאַט נאָר וואָס באַזעצט ביי די קיליאַקאָווס, האָט אַזאַ דעליקאַטקייט, זיי געריי‌צט און די מומע האָט דערמיט טאַקע ביי זיי געהאַט שטאַרק אויסגענומען, קיסליאַקאָוו האָט דעמאָלט געהאַלטן פאַר זיין חוב איר מכבד צו זיין מיט פאַרשידענע מטעמים און פלעגט אַליין איר צולייגן צוקער אין גלאָז טיי אַריין, ווייל זי פלעגט, ווי געזאגט אַהין אַריינלייגן זייער ווייניק. דערנאָך האָט ער זיך דערצו — צו איר מאַכן זיך שוין צופיל הכנעהדיק — צוגעוויינט און עס טאַ־קע געקאָנט מער איבערטראָגן.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט זי דורך און דורך. אַלץ טוט זי נאָר צוליב דעם, זי זאָל קאָנען ווייזן, אַז זי שטערט דאָך אייגנטלעך, קיינעם נישט און טוט אַזוי אָפּערווייליק אַלץ כדי צו באַרעכטיקן איר עקזיסטירן אויף דער וועלט. איר איבערגעטריבענע באַשיידנקייט און הכנעהדיקייט האָבן אים אָנגעהויבן זיך אויסצווייזן אַלס אַזעלכע, וואָס זענען דורכגע־דרונגען מיט גראָשענער אויסגערעכנקייט.

ערגער פון אַלץ איז געווען ווען זי פלעגט בלייבן מיט אים אַליין און זיי פלעגן טרינקן טיי, דאַן פלעגט זי יעדע

מיגוט זיך באַמיען אים צו ווײַלן מיט אַ געשפּרעך, כּדי ער זאָל נישט מיינען, אַז זי וויל זיך פון אים „פּטרפרעמדן" און איז נישט דאַנקבאַר פאַרן ברויט, וואָס זי עסט ביי זיי און פאַרן ווינקל, וואָס ער האָט איר געגעבן ביי זיך אין וווינונג.

די געשפּרעכן, וואָס זי פלעגט פאַרפירן, זענען געווען אַזעלכע:

— היינט איז וואַרעמער, ווי נעכטן.

— יאָ, וואַרעמער.

— נעכטן איז געווען זייער קאַלט.

— יאָ, נעכטן איז געווען קאַלטער.

— טשיקאַווע וואס פאַר אַ וועטער עס וועט זיין מאָרגן.

איצט. ווען אַלע האָבן זיך אנידערגעזעצט צום טיש, האָט די מומע לאַנג זיך עפּעס געפּאָרעט ביים פענצטער, געצערעוועט אַ זאק, צוטראַגנדיק אים נענטער צום ליכט דאס האט זי געטון, כּדי צו ווייזן, אַז זי איז נישט קיין זולל־וסובהניצע און איילט זיך נישט אַנידערצוזעצן צום טיש און געניסן פון די עסנווארגן.

— מומע, גענוג שוין. איר וועט נאך באַווייזן צו פאַרענדיקן אייער אַרבעט, — האט יעלענע וויקטאראוונאַ געזאגט; קיסליאַקאוו האט גארנישט צוגעגעבן, ער איז נאר געווארן נאך מער אויפגעבראַכט אויף דער מומע.

זעצנדיק זיך צום טיש, האט די מומע דערציילט, אַז אין די קראמען קאן מען גארנישט קריגן צו קויפן, אַז זי איז פון פינף אזייגער אן געשטאנען אין דער ריי, און ערשט דאן האט זי געקאנט איינקויפן, וואס זי האט באדארפט.

קיסליאַקאוו האט געמיינט, אז זי דערציילט עס כּדי צו ווייזן, אז זי ארבעט און ווי אַזוי זי באַמיט זיך, מ׳זאל זיין פון איר צופרידן.

— ניין, זאג, וואס דו ווילסט, נאר איך פארשטיי זי נישט — האט יעלענע וויקטאראוונא געזאגט,—נישט ענטפערנדיק דער מומען, (ווייל אויף אירע רעפּליקעס האט מען געווייינטלעך נישט געלייגט קיין אכט) — כ׳פארשטיי זי נישט, וויבאלד די גייסטי־

קע פאַרייניקונג און פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן, מאַ ווי קאָן דאָ זיין אַ רייד וועגן געלט?! —

יעלענאַ וויקטאָראָוונאַ האָט אַ פּנים זיך נישט געקאָנט באַרויקן צוליבן גט פון די זוויענינאָראָדסקיס און האָט זיך צו־ריקגעקערט צו דערדאָזיקער טעמע.

— די פרויען האָבן אָנגעוווירן יעדן געפיל פון זייער ווירדע; אין אַזאַ פאַל דאַרף מען אַלץ אָוועקוואַרפן און פאַרמאַכנ־דיק די אויגן, פאַרשטאָפנדיק די אויערן, כּדי נישט צו זען און נישט צו הערן,—אַנטלויפן, אַנטלויפן! זיך אָנדיגען פאַר אַ ווע־שערין, פאַר אַ קעכין אָבער זיך נישט בעטן און נישט נעמען ביי דעמדאָזיקן געמיינעם מענטשן.

— פאַרוואָס עפּעס „געמיינער מענטש“? — האָט זיך קיס־ליאַקאָוו געטראַכט — זי וויל מיט אים נישט לעבן, און מער גאָרנישט.

— אָט, וואָס שייך מיך, קאָנסטו שוין זיין רויק, אַז איך וואָלט אַזוי נישט געהאַנדלט, — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע גע־זאָגט — ווען איך וועל נאָר דערפילן, אַז צווישן אונדז ווערט אָט אויף אַזוי פיל אָפּגעשוואַכט דער גייסטלעכער בונד. וועל איך דיך באַלד פאַרלאָזן אָן שום טענות — און מער גאָרנישט — זי האָט אַקצענטירט דאָסדאָזיקע וואָרט, — קיין שום געלט־פּרע־טענזיעס וועל איך צו דיר נישט האָבן און קיין פאָרווורפן דיר נישט מאַכן.

ביי קיסליאַקאָוון האָט זיך אַ ריר געטון אַ געפיל פון אָנער־קענונג און אפילו צערטלעכקייט צו זיין ווייב דערפאַר, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט אים פאַרלאָזן, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט און וועט נישט האָבן צו אים קיין שום טענות און פּרע־טענזיעס. פונקט ווי אין אים וואָלט שטענדיק, אפילו אין די צייטן, ווען צווישן זיי ביידע האָט געהערשט שלום־בית געלעבט אַ געהיימע האָפענונג פון איר זיך צו באַפרייען, ער האָט אפילו איר אַ גלעט געטון די האַנט.

די מומע האָט, ביי יעלענע וויקטאָראָוונעס ווייטערע רייד וועגן די זוועניגאָראָדסקיס, געוואָלט אַריינשטעלן אירס אַ באַ־

מערקונג, נאָר זעענדיק, אַז דאָס געשפּרעך איז אַריבער אויף זייערע פּערזענלעכע באַציונגען האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ האַלבן וואָרט און זיך פאַרכליניעט מיטן זופּ.

קיסליאַקאָוו האָט געענדיקט עסן דעם זופּ און זיך געוואָלט אַנידערזעצן באַקוועמער אין זיין פאָטעל, נאָר ער האָט זיך באַגעגנט מיטן שווייגנדיקן בליק פונם בולדאָג און זיך מיט פאַרדרוס אומגעקערט אין דער אַנדערער זייט.

ער האָט באַשלאָסן נישט צו דערציילן דער פרוי קיין וואָרט וועגן דער פאַרשטייענדיקער לאַבאָראַזירונג פונם פּערסאָנאַל און וועגן עגמת-נפש, וואָס ער לעבט צוליב דעם איבער. ער האָט באַשלאָסן איר נישט צו דערציילן וועגן דעם, מורא האָבנדיק, אַז זי וועט שרעקלעך מגזם זיין די מהומה, וואָס די דאָזיקע רעפאָרם האָט אַרויסגערופן צווישן די באַאַמטע און זי וועט אין דעם אײַנזען אַ גרויס אומגליק פאַר זיי ביידן, אַז זי וועט אויף אים אַרויפוואַרפן אַזאַ אַנגסט, אַז כאָטש גיי, נעם און דערוואַרג זיך. דעריבער האָט ער זיך נאָר באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט איר מיטגעטיילט, אַז אַרקאַדי ניעזנאַמאָוו דאַרף קומען צופאָרן.

— ווייסטו — האָט ער צו איר געזאָגט — אַז כ'האָב דיר מיטצוטיילן אַ גוטע בשורה. קיין מאָסקווע קומט צו פאָרן פון סמאָלענסק אַרקאַדי ניעזנאַמאָוו, וועגן וועלכן כ'האָב דיר שוין אַ סך מאָל דערציילט. קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי מיר טוט הנאה זיין קומען אַהער.

יעלענע וויקטאָראָווגע האָט אָנגענומען די דאָזיקע ידיעה אָן יענער באַגייסטערונג, מיט וועלכער קיסליאַקאָוו האָט גערעדט וועגן ניעזנאַמאָוון, זי האָט עפּעס אַ קורצע צייט געשוויגן און דערנאָך אַ פרעג געטון:

— ער קומט צו פאָרן אַליין?

קיסליאַקאָוו האָט געוואָלט זאָגן: אין דעם האַנדלט זיך עס אַז דערדאָזיקער נזיר האָט מיך איבערראַשט, חתונה האָבנדיק מיט אַ יונגער פרוי — נאָר עפּעס אַ קאָמפּליצירט געפיל האָט

אים פון דעם אָפּגעהאַלטן, און ער האָט געזאָגט, אַז אַרקאַדי קומט צופאָרן אַליין.

יעלענע וויקטאָראָווגע האָט ווידער גאָרניט געענטפערט און זיך גענומען עסן דאָס בראָטנס. און קיסליאַקאָוו האָט גע-טראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַ שווייג וועגן ב.עזנאַמאָווס פרוי און גאָרנישט וועגן איר דערציילט. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס אים קומט אויס שטענדיק צו פירן אַ פאַרבאָרגענע פּאָליטיק מיט אַ מענטשן, מיט וועלכן ער לעבט זייט בײַ זייט און וועלכע דערקלערט יעדע מינוט וועגן זײַן ליבע צו אים, וועגן דער איבערגעבנקייט און געמיינזאַמ-קייט פון זייערע גייסטיקע אינטערעסן. וועגן אַרקאַדיס קומען וואָלט ער געקאָנט זײַן פרוי אין אויג טאָן זאָגן: איך בין גליק-לעך, וואָס עס קומט צו פאָרן אָט דער מענטש, וועלכער וועט מיט זײַנע געשפּרעכן לעבעדיק מאַכן דאָס, וואָס איז שוין, דאַכט זיך, אין מיר אָפּגעשטאָרבן — מײַן אייגענעם גייסטיקן יסוד — און וועט מיר העלפן צוריק צו געפינען דעם גלויבן אין זיך, וואָס איך האָב שוין כמעט אינגאַנצן אָנגעווירן.

נאָך דאָס ערשטע, וואָס ער וואָלט דערהערט בײַ אַזאַ דערקלערונג, פון יעלענע וויקטאָראָווגען, וואָלט געווען די פראַגע:

— און איך, הייסט עס, בין פאַר דיר גאָרנישט? מיט מיר האָסטו פאַרלוירן דעם גלויבן?

— מיר וועלן באַלד גיין אין שטאָט אַרײַן — האָט נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן, יעלענע וויקטאָראָווגע געזאָגט — מ'דאַרף אײַנקויפן צום אָוונט און איך וואָלט זיך געוואָלט אויסקלײַבן אַ קליידל צו דער רייזע. וועסט מיטגיין מיט מיר?

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קיסליאַקאָוו האָט נישט ליב געהאַט צוגיין מיט איר, האָט ער געזאָגט, אַז ער גייט, און בײַ זיך באַשלאָסן, צוליב איר גיכן אָפּצאָן אָנצווענדן אַלע כּוחות פון געדולד, נישט אײַן כּעס צו ווערן אויף איר אויפן העג, זיך מיט איר נישט צו צעמפּערן אין קריגן. און איר צו זײַן נאָכגעביק.

נאָר אים האָט אויף קיין מינוט נישט פאַרלאָזן דער גע־דאַנק וועגן דער מהומה, וועלכע די דערוואַרטונג פון דער רע־פאָרם אין מוזיי האָט אַרויסגערופן. ער איז געווען אַזוי פאַר־טראַכט און צעשטרייט, אַז די פרוי זיינע. האָט אַ קוק טוענדיק אויף אים, פאַרדעכטיק, אים אַ פרעג געטון:

— וואָס איז מיט דיר, איפּאָליט? אפשר עפּעס אַן אומאָנ־גענעמלעכקייט אין מוזיי?

— ניין, גאָרנישט — האָט קיסליאַקאָוו זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער.

יעלענע וויקטאָראָוונע איז אַוועק אונטערן שפּאַנישן ווענטל זיך אָנטון און קיסליאַקאָוו האָט באַשלאָסן איינדערציייט, וואָס זיין ווייב וועט זיך אָנטון, אָנצושרייבן אַ בריוו צו אַרקאַדיען, אים האָט זיך געוואָלט, כאָטש מיט אַ רמז, ווי עס איז, אויסדריקן, און געבן אָנצוצעהערן, אַז ער וואַרט אויף זיין נייע גייסטיקע שוועסטער, ווי ער האָט אין זיך אָנגערופן אַרקאַדיעס ווייב, און צושיקן איר די סאַמע צאַרטסטע ברודערלעכע באַגריסונגען. קיסליאַ־קאָוו האָט זיך אומגעקוקט אויף דער מומע. זי האָט מיט אַ קליין לעפעלע פאַרענדיקט צו עסן אַ מעלברי מיט מילך, דער־נאָך האָט זי אָנגעהויבן פאַרזיכטיק, פּונקט ווי אין שטוב וואָלט געווען אַ קראַנקער, אַראָפּצונעמען פון טיש די כּלים און גע־רעדט שעפּטשענדיק מיט די הענט. ביי איר האָבן אַ ציטער גע־טון די ווייספערן, בשעת קיסליאַקאָוו האָט אויף איר אַ קוק גע־טון. און זי האָט זיך גענומען נאָך פאָרזיכטיקער אויפצוראַמען פון טיש דאָס געשיר. פון דעם האָט קיסליאַקאָוו געמאַכט אַן אויספיר, אַז זי זעט אַלץ, וואָס ער זאָל נישט טון, הגם זי לייגט כּלומרשט נישט קיין אַכט אויף אים.

און ווידער האָט איר אַנוועזנהייט אין שטוב ביי אים אַרויסגערופן אַזאַ שנאה צו איר, אַז ער האָט אין זיך דאָסדאָ־זיקע געפיל נישט געקאָנט באַקעמפן.

ער האט פאר זיך אויעקגעלייגט דאס פאסט־פאפיר, נאר דאס שטילע קלאפן פון דער מומע מיטן געשיר אין בופעט און דער געדאנק וועגן דעם, אז זיין ווייב קאן אומגעריכט זיך

אַנטון און אַרײַנקומען אין צימער אַרײַן, האָבן נישט געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו קאָנצענטרירן.

ער האָט אָפּגעלייגט דאָס שרײַבן דעם בריוו און באַשלאָסן צו שיקן אַרקאַדיען אַ דעפּעשע. אָנגעשריבן די דעפּעשע, האָט ער גענומען צום לעזן אַ בוך, נאָר זײַן אויפמערקזאַמקייט איז געווען צוגעשמידט צו דער מומעס פּאַרזיכטיקן קלאַפּן מיט די כּלים אין געשיר און ער האָט געוואַרט ביז זי וועט שוין ענדלעך אויפהערן מיט דעם און וואָס מער ער האָט געוואַרט, אַלץ מער איז בײַ אים געוואַקסן זײַן צערײַצטקייט.

יעלענע וויקטאָראָוונע איז אַרויסגעגאַנגען פון יענעם זײַט שפּאַנישן ווענטל און זיך אַנידערגעשטעלט פאַרן שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען איבער זײַן שרײַב-טיש. זיך אָנטון דעם קאַפּע-ליוש און אָפטמאָל ווען ער פלעגט זיצן איבער אַ דרינגענדיקער אַרבעט, פלעגט זי זיך אוועקשטעלן הינטער אים און זיך פאַרן בײַם שפּיגל. (צו וואָס האָט זי דען געדאַרפט אויפהענגען דעם שפּיגל פּונקט איבער זײַן שרײַבטיש, — האָט ער נישט פאַר-שטאַנען) און בײַ צומעסטן זיך עפּעס, פלעגט זי זיך שטאַרק וווּנדערן, ווען ער פלעגט דעמאָלט אויפהערן צו אַרבעטן, און ער פלעגט מיט אומגעדולד וואַרטן, זי זאָל שוין פאַרענדיקן אַמאָל מיטן צומעסטן אירס.

כּדי זי נישט צו פילן הינטער זײַן רוקן, איז קיסליאַקאָוו דאָסמאָל אויפגעשטאַנען פון זײַן אָרט און צוגעגאַנגען נאָכן קאַפּעליוש צו דער טיר, ווו עס האָבן אויף צוועקעס געהאָנגען אַלע אירע מלבושים. און איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר, און דאָס ווײַב האָט נאָך אַלץ אָנגעטון איר קאַפּעליוש.

זי פלעגט בײַ איר גאַנצער פּעטלײַביקייט זיך אַזוי צע-נויפּציען דורכן גאָרסעט, אַז די ברוסט פלעגט בײַ איר פאַר-גיין צו דער סאַמער גאָמבע און די הענט, און די עלנבויגנס, פלעגן זיך פאַנאַנדעריקן פון בײדע זײַטן און מאַכן אַן אײַנדרוק גיכער ענלעך צו סאַמאָוואַר-הענטלעך, ווי צו הענט פון אַ פרוי. דאָס פּנים איז בײַ איר געווען שטענדיק רויט, ווי אָפּגעבראָטן און די שיטערע

העל־בלאַנדע האָר געפלאָכטן איבערן שטערן אין קליינע לאָק־לעך אויפן האַלדז. — אַרום וועלכן זי האָט אָנגעטון אַ שוואַרצן סאַמעטענעם באַנד.

זיי זענען אַרויס פון שטוב, באַגלייט ביז דער טיר פון דער מומע און די הינט.

אין קאָרידאָר איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ האַפטע קינדער, וואָס האָבן דאָרט געמאַכט אַ וועט־געלויף.

די הינט האָבן אויפגעהויבן אַ בילעריי און פון דער טיר האָט באַלד אַרויסגעקוקט די מיעסטשאַנקע, כדי צו זען וואָר עס איז אַרויסגעגאַנגען.

— טו אָן, טו אָן דעם פאַלטאָ, —האָט יעלענע וויקטאָראָווי־נע געזאָגט, אומקוקנדיק זיך פלוצלינג אויפן מאַן — אָן אַ פאַלטאָ איז איצט נישט שיין, אַזוי גייען נאָר שוסטערס. אין איין מאַרינאַרקע.

— מיין פאַלטאָ איז דאָך אָבער מיט אַ בובנאָוון טוז*) אויפן רוקן — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט — גיין מיט אַזאַ לאַטע איז נאָך מער נישט אָנשטענדיק, ווי גיין אָן אַ פאַלטאָ.

— ס׳מאַכט נישט אויס, איצט גייען אַלע אין קליידער — מיט לאַטעס.

און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געמוזט זיך צוריקאומ־קערן און אָנטון דעם פאַלטאָ, וועלכן ער האָט אַזוי פיינט גע־קריגן פאַר דער לאַטע, דאָרט אויפן סאַמען רוקן.

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, בעת יעלענע וויקטאָראָווי־נע איז געגאַנגען מיטן מאַן, האָט זי אויסגעזען גאָר אַנדערש. זי האָט דאַן געהאַט אַ ווירדיק אויסזען פול מיט זיכערקייט אין זיך און קיסליאַקאָוו. להיפך צו זיין פרוי, האָט דאַן געהאַט אַ ביסל אַ פאַרשעמט אויסזען און זיכערקייט אין זיך גופא. אים פלעגן אַלץ איינפאַלן אין קאָפ (אפשר איז דאָס געווען אַ פועל־יוצא פון זיין נערוועישקייט) אומגעלומפערטע געדאַנקען: אים

*) אַ לאַטע, וועלכע מען פלעגט אַ מאָל צונייען די אַרעסטאַנטן אויפן אויבערשטן מלבוש. באַמ. פונם א י ב.

האָט זיך, למשל געדאַכט, אַז ס'איז אַ חרפה צו גיין מיט אַזאַ קליינגעוויקסיקער און פעטלייביקער פרוי; ס'האָט זיך אים אויך אויסגעוויזן, אַז איר פריזורע איז געמאַכט געשמאַקלאָז — בפרט נאָך, וואָס יעלענע וויקטאָראָוונע איז אין זיך אַזוי זיכער און קוקט זיך אום אַזוי האָפערדיק. איר פעלט גאָר, פאַרשיינלעך, נישט אײן, אַז חוץ איר, קאָן אים געפעלן אויך אַן אַנדער פרוי. חוץ דעם האָט זי נאָך אַ חסרון, וואָס זי האַלט אַזוי שטאַרק פון זיך און פון איר געשמאַק. זי מיינט, אַז קיין בעסערן געשמאַק, ווי זי, האָט קיינער נישט. און ווען קיסליאַקאָוו האָט געפרוווט איר באַמערקן, אַז די דיזאָזיקע סאַמעטענע שטענגע אייף איר האַלדז פאַסט נישט צוטראָגן און איז אַזוי וווּלגאַר האָט זי אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן: ווי קאָן מען עס צווייפלען אין איר געשמאַק און אַז אַלץ, וואָס זי טראָגט אויף זיך זאָל נישט זיין געשמאַקפול. דערנאָך האָט זי אַ צוק געטון מיט די אַקסלען און האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן מאַכן שנעלערע טריט, ווייזנדיק דערמיט, אַז זי האָט זיך שטאַרק באַליידיקט דורך דער באַמערקונג פון איר מאַן און גייט שוין אַליין ווייטער נעבן אים.

מיידלעך, וואָס זענען דורכגעגאַנגען אויף דער גאַס אין רויטינקע פאַציילעס, האָבן זיי דעריאָגט און זיך עפעס צעלאַכט. אונטערן אויסרייד אַז אויפן טראָטואַר איז שטאַרק ענג, איז קיסליאַקאָוו אַ ביסל אָפגעשטאַנען פון דער פרוי. זיין אמתער מיין איז אָבער דערביי געווען, — מ'זאָל נישט זען, אַז ער גייט מיט העלענע וויקטאָראָוונע און אַז - זי איז זיין ווייב.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס ביזטו עפעס אָפגעשטאַנען? נעם מיך אונטערן אָרעם — האָט זי געזאָגט, זיך אָפשטעלנדיק.

און דערנאָך איז געווען אַ סדרה פון איבערווערטלען זיך און שטעכווערטלעך... זיי האָבן באַשלאָסן צופאָרן מיטן טראַמוואַי אויף צוויי טראָמוואַיען האָט העלענע וויקטאָראָוונע נישט באַוויזן זיך אַריינצובאַקומען; און נאָר אין דריטן צוגעטשעפּעטן וואַגאָן איז איר ווי נישט איז, געלונגען זיך אַריינצושטופן. זי האָט אָבער געמוזט בלייבן שטיין ביי דער טיר, און באין-אופן נישט גע-

קאָנט זיך אַריינבאַקומען אויפן „פּלעצל". מילכהענדלערינס, וואָס האָבן איינגעשטיגן אין טראַמוואַי מיט פּוסטע בלעכענע כּלים (בידאָנעס) האָבן זי אונטערגעשטופּט פון הינטן. זי האָט זיך באַליידיקט און אָנשטאָט צו רוקן זיך ווייטער אין וואַגאָן אַריין איז זי געבליבן שטיין און אָנגעהויבן זיך בייזערן און שרייען אויף די מילכהענדלערינס. דאָ האָבן שוין אַלע גענומען מאַכן קולות אויף איר.

— וואָס זאָגט איר אויף איר! זעט נאָר זעט: עס וועט דאָך באַלד צעזעצט ווערן פונם שמאַלץ, וואָס זי האָט אויף זיך. וואָס נעמט זי זיך אַזוי איבער מיט דעם. פאַרשטעלט דעם וועג און לאָזט קיינעם נישט אַריין אין וואַגאָן אַריין. מיר קאָנען דאָך חלילה אַזויאַרום פאַרשפּעטיקן צוליב איר איינגעשפּאַרטקייט.

— שטיל! וואָס פאַרע העזה עפּעס מיך אַזוי צו באַליידיקן, איר הערט!

— זעט נאָר, ווי זי האָט זיך צעשריגן! ווער באַליידיקט דיך, מען רעדט צו דיר ווי צו אַ מענטשן.

— אָנגעטון זיך אַ קאַפּעלוש און ריר זי נישט אָן — האָט זיך אָפּגערופן אַן אַנדערע מילכהענדלערין — זאָל זי זיך פאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, אויב אין טראַמוואַי איז איר נישט באַקוועם.

ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס יעלענע וויקטאָראָוונע האָט זיך באַין־אופן נישט געקאָנט האַלטן, זי זאָל נישט אָפּענטפערן אויף דידאָזיקע שטעכווערטער און געשרייען פון די מילכהענדלערינס. איר קאַפּעליוש האָט זיך אַראָפּגערוקט אָן אַ זייט, דאָס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און איז געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק. און זויפיל קיסליאַקאָוו האָט זיך ביי איר נישט געבעטן, זי זאָל זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ „פּאָלעמיק" מיט די פּושעקופּקעס און אויסמיידן אַ סקאַנדאַל, האָט זי אים נישט געפאָלגט און נאָכמער געוואָרן אויפגעקאָכט. זי האָט אים אַ שטויס אָפּגעטון פון זיך מיטן עלנבויגן.

פון טראַמוואַי האָט זי אויסגעשטיגן שוין שווייגנדיק. זי —

אַ רויטע אָן אָנגעבלאָזענע. ער — מיט פֿאַרביסענע ליפּן און שטאַרק פֿאַרדראָסיק אויפֿן ווייב.

— וואָס פֿאַר אַ ביליקע אויסגעשרייען און פּרעטענזיעס, דאָס זענען געווען — האָט העלענע וויקטאָדאָוונאַ זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט בארויקן — וואָס פֿאַר אַ קאָפּיקאָווע דעמאַגאָגיע. „זאָל זי פֿאָרן אין אויטאָמאָביל". זיי קאָנען נאָר נאָכפּלאַפּלען ווי אַ פּאַפּוגאַי, וואָס אַנדערע רעדן. דער קאָפּ זייערער איז דאָך נישט פֿעיִק אויסצוקלערן עפּעס אייגנס.

מאַן און ווייב זענען אַ לענגערע צייט געגאַנגען צופֿוס ווייל יעלענע וויקטאָראָוונע האָט געוואָלט זיך קויפֿן לאַטשן דורכויס אין יענעם געוועלב, וווּ זי האָט מיט דריי טעג צוריק געזען אַ פּאָר לעטשלעך, וואָס זענען איר געווען לויטן געשמאַק.

ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צו יענעם געוועלב, האָבן זיי אויף דער טיר דערזען אַ פּאַפּירל, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן:

דאָס געשעפֿט איז געשלאָסן צוליב, איבערקאַלקולירן די סחורות".

זיי זענען אַוועק אין אַן אַנדער געשעפֿט. דאָרט איז גאָר-נישט געווען אַזעלכעס, וואָס זאָל זיי געפֿעלן, ווען זיי זענען אַריין אין אַ דריט געשעפֿט, נישט ווייט פֿון דער טעלעגראַף-סטאַציע, האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געפֿונען דאָס, וואָס איז איר געפֿעלן און האָט זיך אַנידערגעזעצט צומעסטן. קיסליאַקאָוו האָט פֿון דערפֿאַרונג געוווּסט, אַז ס'וועט אַוועק אַ גוטע האַלבע שעה, אַרום איר וועט אויסוואַקסן אַ גאַנצער באַרג פֿון קאַמאַשן שאַכטלען, און דער פֿאַרקויפֿער וועט האַלטן אין איין גריבלען זיך אין די פּאַלצעס און אַרויסשלעפּן פֿון דאָרט נייע שאַכטלען, איידער זי וועט געפֿונען אַ פּאָר, וואָס זאָל זיין לויט איר גוסט דעריבער איז ער אַרויס פֿון קראָם און צוריינגעגאַנגען אין דער טעלעגראַף-סטאַציע, ווי ער האָט אַוועקגעשיקט אַ דעפּעשע. מיט איר אינהאַלט איז ער געבליבן זייער צופֿרידן.

ער האָט דעפּעשירט:

„מיט אַ באַזונדערער אומגעדולד וואַרט איך אויף אייך

ביידע״. דערנאך, פֿאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע, האָט ער צוגעשריבן, „כ׳קוש״. וועמען ער קושט — איז געבליבן אומבאַוווּסט: בלויז ארקאדיען, אדער ביידע, אים מיט זיין ווייב. מ׳האט געקאנט מיינען אי אזוי, אי אַנדערש. און זי וועט געוויס פֿאַרשטיין און פילן, אַז דאס איז נוגע איר און אַז אויך דאס ווארט „מיט אַ באַזונדער״ מיינט אויך זי. ער דאט זיך פֿאַרטראַכט און באַשלאָסן, אַז ס׳איז א שאד צוליב איין אות ס (אָסאבעגעם) צו באַצאלן פאר אַ גאנץ ווארט און האט געוואלט אויסשטרייכן דאסדאזיקע אות, דערנאך האט ער זיך אבער איבערגעלייגט און באַשלאסן, יא צו שרייבן דאס אות ס, ווייל אַזוי קומט אויס „רייכער״, נישט קמצנית. אַזוי ווייט איז ער געווען אין יענעם מאמענט פונם געדאַנק, מיט וואס זייער באַגעגעניש וועט זיך ענדיקן און ווי טראַגיש עס וועט זיך ענדיקן דער טאג פונם ערשטן אקטאבער — אַרקאַדיעס געבורטסטאג.

— אַ קוויטאנציע דאַרפֿט איר? — האט געפרעגט דאס פריילין פון יענער זייט פענצטערל.

קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער באַקאַנטשאַפט, וואָס עס שטייט אים פאָר צו שליסן, האָט גאַנץ אויטאָמאַטיש געענטפערט:

— יאָ, כ׳דאַרף.

— ווי ביסטו געווען!? — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע פאַרחידושט באַגעגנט איר מאַן מיט אַ פּראַגע אויף דער שוועל פון קראָם קוועטשנדיק מ׳ט די פּלייצעס און אומ„וקנדיק זיך דאָ אויף איין זייט און דאָ אויף דער אַנדערער. די לאַטשן וואָס זי האָט געקויפט, זענען איר, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן געווען פּונקט צום פוס.

קיסליאַקאָוו איז נישט ווילנדיק אויסגעקומען צו זאָגן אַ ליגן, אַז ער איז אריינגעגאַנגען אין אַ בוכהאַנדלונג, ווייל ווען ער וואָלט דעם ווייב דערציילט דעם אמת מכח דער דעפּעשע, וואָלט ער דערמיט ביי איר דערוועקט באַלד די פּראַגע, צו וואָס ער האָט זיך אַזוי געאיילט און צו וואָס איז בכלל נייטיק געווען צו דעפּעשירן.

זי האָט אים ווידער גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען ווײַטער געגאַנגען איבער די קראָמען, פּונקט ווי צוויי פֿאַרליבטע, ווײַל זי האָט שוין נישט אַרויסגעלאָזט זײַן האַנט פֿון איר אָרעם. און ער האָט נעבעך געמוזט טראָגן די פּעקלעך זאַכן, וואָס זי האָט אײַנגעקויפֿט... און ס'איז אים דעמאָלט געקומען אַ מחשבה אין קאָפּ אַרײַן, אַז אויב ער וואָלט פֿאַרלאָזן זײַן ווײַב און איר אויפֿגעהערט צו ליבן, וואָלט ער דעם חודש געהאַט גאַנצע צוויי הונדערט פֿופֿציק רובל. און וואָלט אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט דערציילט דעם ווײַב וועגן די פֿופֿצן רובל, האָט זי זיך נישט איבערגעלאָזט אַפֿילו קיין עטלעכע צענדליק רובל אויף קלײנע הוצאות און איז געבליבן אָן אַ קאָפּקע געלט.

— וועמעס כאָטש אַביסעלע, אַ קאָפּעטשקע בענקען נאָך מיר? — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געפֿרעגט, ווען זיי האָבן פֿאַרקערעוועט אויפֿן בולוואַר, ווו ס'איז געווען נישט אַזוי ענג.

זי האָט עס געפֿרעגט מיט אַ קולעכל, מיט וועלכן זי פֿלעגט צו אים רעדן, ווען זי איז געווען יונג און פֿײַן, און דאָס וואָרט „אַ קאָפּעטשקע" האָט זי אויסגערעדט קאָקעטיש; לויט איר אינטאָנאַציע האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז זי ווייסט פֿריער, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער זי וועט פֿון אים אויף דעם באַקומען.

פֿאַר קיסליאַקאָוון איז אָבער געווען אַ צו גרויסע עבירה קעגן דער ערלעכקייט פֿון געפֿיל איר צו ענטפֿערן מיט ווערטער לויט יענע מחשבות, וועלכע זענען נאָר וואָס אים געקומען אויפֿן רעיון און ער האָט נאָר שווײַגנדיק אַ דריק געטון מיט זײַן עלנבויגן איר האַנט.

— נו, דאָס איז נאָר גערעדט אַזוי, נאָר אָט וועט קומען צו פֿאָרען דײַן אַרקאַדי, און דו וועסט מיך אין אַ וואָך אַרום פֿאַרגעסן. ס'וועט דיר נאָך אַ הנאה טון, וואָס איך בין אַוועקגעפֿאָרן, וואָס-זשע, דו האָסט אים נאָך נישט געענטפֿערט? — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געפֿרעגט.

— וועמען? — האָט קיסליאַקאָוו איבערגעפֿרעגט, הגם ער האָט געוווּסט וועגן וואָס זי רעדט.

— אַרקאַדיען.

— כ׳האָב נאָך צייט, כ׳וועל נאָך באַווייזן.

— גאָט מיינער, וויפיל געלט איר האָבן היינט אויסגעגעבן און אַלץ פאַר מיינעטוועגן.

קיסליאַקאָוו האָט נאָר-וואָס אַליין וועגן דעם געטראַכט, קוקנ־דיק אויף די פינף פעקלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט. נאָר אינדערהייך האָט ער געזאָגט:

— ס׳מאַכט נישט אויס. דו גיסט דאָך נישט אויס יעדן טאָג פאַר זיך אַזוי פיל.

ער האָט געזאָגט דידאָזיקע דערמוּנטערנדיקע ווערטער, כּדי, ער זאָל, ווען זי וועט אַוועקפאָרן, אַליין האָבן דאָס רעכט אויס־צוגעבן מער געלט. באַלד זי גיט אויס פאַר אירעטוועגן אַזויפיל און ער, נישט נאָר וואָס ער מאַכט איר קיין פאָרוואורף נישט, נאָר ער זאָגט איר נאָך אַזעלכע ווערטער, וועט ער דאָך אויך האָבן דאָס רעכט צו טון דאָס זעלבע. אָט דאָס איז געווען זיין מיין.

— נו, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל — האָט יעלענע וויקטאָ־ראָוונע זיך אָפּגערופן — נאָר זע, נאָך מיין אַוועקפאָרן צו לעבן עקאָנאָמישער און נישט אויסצוגעבן קיין איבעריק געלט.

קיסליאַקאָוו האָט ביי דידאָזיקע ווערטער פון זיין ווייב שיִער נישט פאַרלוירן זיין אינערלעך גלייכגעוויכט. אים האָט אויפגעבראַכט ביז גאָר דאָס, וואָס זי (אָזא דיקע) גיט אויס אַזוי פיל געלט, גייט אָנגעטון אין „האָניג און עסיג" און איצט פאָרט זיך נאָך צו גאַסט צו איר מומע צו אָטעמען מיט פרישער לופט (פאַר איר איז נאָך אַלץ ווייניק די לופט)—און ער דאַרף אינדערזעלבער צייט זיצן ווי אַ קאַטאָרזשניק, אַרבעטן אַזוי פיס און זיך נאָך באַמיען צו זיין שפּאָרעוודיק, און אויסגעבן וואָס ווייניקער געלט.

ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן און גאָרנישט געענטפערט דער פרוי. זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַסטראָנאָמישער קראָם, דאָרט געקויפט ווייַנען און צובייסעכצן. דערנאָך זענען זיי איינ־געשטיגן אין טראַמוואַי, כּדי צו פאָרן אַהיים. בעתן איינשטייגן אין טראַמוואַי אינם שטויסעניש, וואָס ס׳איז דערביי פאָרגעקומען, האָט עפּעס אַ גוט געקליידטער בירגער אין אַן אויסלענדישן

קאַפּעלוש און הענטשקעס אויף די הענט א געשריי געטון און זיך געבייזערט, ווען קיסליאַקאָוו האָט אים אומגערן א שטויס געטון. קיסליאַקאָוו האָט דערשפּירט אַן אָנפאַל פון צאָרן, ווייל ער איז געווען שטאַרק מיד פון די לויפענישן איבער דער שטאָט און האָט אויך א געשריי געטון:

— וואָס זאָגט איר אויף דידאָזיקע צערטלעכקייט, מ'טאָר זיך צו זיי נישט צורירן, מ'טאָר זיי קיין שטויס טון אפילו נישט ווילנדיק. זיך אָנגעטון הענטשקעס און א קאַפּעליוש און נישט ריר מיך אָן חלילה...

סוף־כל־סוף האָט זיך דאָס פּאָר־פאָלק צוריקגעקערט אַהיים צופרידן: יעלענע וויקטאָראָוונע — דערפאַר, וואָס זי דאָט גע־מאַכט א ש פּ אַ צ י ר מ י ט ן מ אַ ן און ער דערמיט, וואָס ער האָט מיט איר שפּאַצירט ד אָ ס לעצטע מ אָ ל און איצט וועט ער א גאַנצן חודש זיין פריי פון דעם.

VII

קודם-כל האָט מען באַדאַרפט צוגרייטן אַ צימער פאַר די געסט, דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּראָצעדור.

די שטוב איז געווען פולשטענדיק פּירקאַנטיק און האָט געהאַט דריי פענצטער צו דער גאַס אַרויס גלייך אַקעגן די פענצטער פון אַקעגנאיבערדיקן הויז. פריער זענען געווען פיר פענצטער און די קיסליאַקאָווס האָבן אַ גאַנץ יאָר געלעבט אונטערן בייזן וואָרטשען און שיפּען פון די שכנים. די שכנים האָבן אפילו נישט געקאָנט האָפן, אַז יעדן פון זיי וועט מען צוגעבן אַ שטיקל „וווינונגס-פּלאַץ", אויב מען וועט אַזאַ שטיק צונעמען ביי די קיסליאַקאָווס, נאָר זיי, די שכנים, האָבן פאַרלוירן דעם אַפּעטיט און נישט געקאָנט שלאָפן בלויז פונם באַוווסטזיין, אַז זייער שכן האָט אַ גרעסערן וווינונגס-שטח ווי זיי. דעריבער האָט מען סוף-כל-סוף איין פענצטער ביי די קיסליאַקאָווס אַוועקגענומען און מ'האָט דאָרט געגעבן אַן אָרט אויף צו וווינען דער מיעס-טשאַנקע פּיעטשאַנקינע, וואָס איר מאַן איז געווען אַ פאַרקויפער „אין קאָטונאַר". פּיעטשאַנקינע האָט זיך אָפּגעטיילט פון די קיסליאַקאָווס בלויז מיט אַ דין פאַרניר-ווענטל, וואָס איז אפילו נישט דערגאַנגען צום סופיט און אַ דאַנק דעם האָט מען אין קיסליאַקאָווס וווינונג געהערט אַלץ וואָס מען רעדט אין פּיעטשאַנקינעס „צימער".

און היות קיסליאַקאָווס צימער איז נאָך אַלץ געווען אַ גרויס און דערצו נאָך מיט דריי פענצטער אין פראָנט, איז די

דאָזיקע דירה נאָך אַלץ געווען אַ קעגנשטאַנד פון קנאה ביי די שכנים און זיי האָבן אַזאַ „גרויסע וווינונג די קיסליאַקאָווס נישט פאַרגינען".

מער פון אַלץ האָבן אין קיסליאַקאָווס צימער פאַרנומען אָרט די ביכער. זיי זענען געווען אין צוויי שענק, אין אַלע פרייע ערטער צווישן די ווענט זענען געשטאַנען ביכער-פּאָליצעס, אין ווינקל איז געשטאַנען אַ באַזונדער שאַנק, אינגאַנצן אָנגע-פּאַקט מיט קיסליאַקאָווס צייכנונגען; דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט פונם גייסטיקן לעבן וואָס האָט ביי אים געקאָכט אַמאָל.

יעלענע וויקטאָראָוונע פלעגט אָפט קוקן קרום אויף די דאָזיקע ביכער און זאָגן, אַז זי פאַרשטייט לגמרי נישט, צוואָס מען באַדאַרף זיי אַצינד; זיי פאַרנעמען נאָר אומזיסט פּלאַץ, בעת אין שטוב איז אָן דעם אויך ענג. און דעם אמת צו זאָגן, איז דאָס צימער טאַקע באַשטאַנען פון אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף צו האָבן: -- אַן עס צימער, אַ גאַסט-צימער, אַ קאַבינעט, אַ ביבליאָטעק, אַ שלאָפצימער, אַ קוך, אַ פאָדערצימער און צייטנווייז אפילו אַ קאַמער אויף צו האַלטן האָלץ.

אין מיטן איז געשטאַנען אַ טיש, באַדעקט מיט אַ וואַקס-טוך, מיט בלימלעך און מאַלערישע צייכנונגען. אַנטקעגן אים ביי דער וואַנט — אַ טערקישע קאַנאַפּע מיט געבעטע רוקנס, אַרומגעצייט מיט געדרייטע שנורלעך. נעבן דידאָזיקע און די צעקנייטשטע ערטער פון די קישעלעך האָבן זיך פאַרדעכטיק גע-ווייסלט שריים פון אויסגעטרוקנטן זאַלץ. דאָס איז געווען אַ מיטל קעגן וואַנצן, וואָס פלעגט אָנגעווענדט ווערן אָן דערפּאָלג. די וואַנצן, ווי אַלע האָבן געהאַלטן, זענען אומעטום אַריינגע-דרונגען פון פעטשאַקינעס צימער און נאָר זי איז געווען שול-דיק אינט דאָזיקן אָנשיקעניש.

ביי דער אַנדערער וואַנט איז געשטאַנען דאָס בעט פון יעלענע וויקטאראוונע און אין ווינקל ביי דער זעלבער וואַנט — דער מומעס בעט, וואָס איז אָנזעעוודיק געשטאַנען הינטער שפּאַנישע ווענטלעך.

ביי דער אַריינגאַנגס-טיר האָט מען געמאַכט גאַנצע איינ-

ריכטונגען, מ'האָט עס געטון מחמת דעם, וואָס מ'האָט מורא געהאַט איבערצולאָזן אין קאָרידאָר אויף די הענגערס די מלבושים מ'זאָל זיי נישט אַוועקגנבענען. צוליב דעם האָט מען אין שטוב זיך איינגעאָרדנט אַזוי, ווי יעדער האָט געקאָנט. מען פלעגט אין שטוב אַריינשלעפּן אַלץ — פּאַלטאָס, קאַלאָשן, באָטע רעגני-שירעס, וועלכע מען פלעגט עפּנענדיק, אַוועקשטעלן אַביסל איינגעבויגן אויף דער פּאָדלאָגע, כּדי זיי זאָלן זיך אויסטרוקע-נען. פאַר דידאָזיקע אַלע זאַכן איז דורכן ביכער שאַנק געווען אָפּגעצוימט אויף לאַנג פון דער טיר א שמאָלער שטח. אויב ס'פלעגן קומען געסט, פלעגט זיי אויסקומען א גוט פערטל שעה זיך צו פּאָרען אין יענעם ווינקעלע, זוכנדיק די פּאַרטווישטע קאַלאָשן גריבלענדיק זיך ווי זוכער אין די גאָלד-גרובן.

אויף דער רעכטער זייט טיר איז דורך אַן אַנדער שמאָלן שטח געווען אָפּגעצוימט אַן אַנדער אָרט—עפּעס זייער א סודותפול ווינקל. און ווען דער גאַסט איז אָנשטאָט דער לינקער זייט אַריינגעפּאַלן מיט זיינע קאַלאָשן אַהער, האָט מען צו אים דער-שראָקן געשריגן, אַז די קאַלאָשן דאַרף מען אַוועקשטעלן נישט דאָ, נאָר אויף לינקס פון דאַנען. דאָסדאָזיקע „מקום-קדוש" איז אַפילו געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ציצענעם פאָרהאַנג, וואָס האָבן זיך באַוועגט, צוזאַמענגעפּאַלדעווט, אויף אַ דראָט. דאָ איז געווען אַ „פּיליע" פון דער קיך – און פון זליוו. דאָ פלעגט מען אַוועק-שטעלן אויף אַ טישל די פאַרשמוצטע כּלים און געפּעס און עפּעס פון עסנוואַרג. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ עמער מיט שמוציק וואַסער אויף די „לאָקאַלע באַדערפעניש", ווייל אין די זעלטענע מינוטן ווען ס'פלעגן קומען געסט, פלעגט מען די צו-בייסעכצן צוגרייטן אינם דאָזיקן ווינקעלע. דאָס פלעגט מען טון כּדי אויסצומיידן די איבעריקע נייגעריקייט פון די שכנים וועל-כע האָבן כּידוע א טבע צו רוקן די נאָז, אַהין, ווו מען דאַרף נישט און צו וועלן אַלץ וויסן. ווען מען וואָלט די מאכלים פאַר די געסט צוגעגרייט אין קיך, וואָלטן שוין אַלע שכנים געוווסט חיפּל און וואָס מ'האָט פאַר זיי געקויפט און צוגעגרייט. און

דערנאָך ווען ס'קומט די צייט צו צאָלן קאָמונאַלע שטייערן וואָלטן זיי קאָנען זאָגן:

— ווען זיי דאַרפֿן צאָלן די שטייערן, פֿאַרפֿירן זיי מחלוקות מיט די באַאַמטע און האָבן נישט קיין חשק צו צאָלן, דערפֿאַר אָבער שטעלן זיי זיך קיינמאָל נישט אָפּ ביים איינקויפֿן פֿאַרשידענע געזאַלצענע און אַנדערע מאכלים, דאָ שפּילט ביי זיי געלט קיין ראָל נישט. און אָט, כּדי אויסצומיידן דאָס שטענדיקע איבערחזרן פֿון אַזעלכע באַמערקונגען און אַזעלכע שטעכווערטער, האָט מען אַלע הכנות אויפֿצונעמען די געסט, געמאַכט אין צימער און נישט אין קיך. און דאָס צימער האָט געהאַט איין אויסזען אין געוויינטלעכע טעג אינדערוואָכן און גאָר אַן אַנדער אויסזען אין די ימים-טובים, ווען עס זענען געווען געסט.

איצט זענען מאַן און ווייב קיסליאַקאָוו געווען פֿאַרנומען מיט דער אַרבעט צו געבן דעם צימער אַ יום־טובדיק אָנזען.

קודם־כּל האָבן זיי גענוי באַקוקט די אָטאָמאַנע און די ווענט, צי דאָרט זענען נישט פֿאַראַן קיין וואַנצן, און אויב יאָ, עס צו באַשמירן מיט וואַנצן־קראָפּליעס.

— אָט דאָ זענען פֿאַראַן קליינינקע — האָט די מומע געזאָגט, צעגריבלענדיק מיט די פֿינגער אונטער די שנירלעך פֿון די אויטאָמאַנע-קישענס.

— קליינינקע מאַכט נישט אויס, טשעפּעט זיי נישט, ווען נישט וועלן פֿאַרבלייבן פֿון זיי פֿלעקן און אַ גערוך.

פֿון די אינעווייניקסטן פֿון דער אויטאָמאַנע האָט מען אַרויסגענומען אַ טעפּיך, וואָס איז געווען צונויפֿגעראָלט, ווי אַ טראָמבקע. מ'האָט אים אויסגעשפּרייט אינמיטן דער פּאָדלאָגע. פֿון יענער זייט שאַנק האָט מען אַרויסגענומען צוויי בילדער געצייכנט מיט אייל־פֿאַרב און פֿון אונטערשטן, סאַמען פֿינצטערן שופֿלאָד — פֿאַרצעלייענע כּלים, וועלכע מ'האָט אַריינגעשטעלט אין אַ שיין שענקל מיט שויבן, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען פּוסט.

דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס האָט מען געהאַלטן פֿאַרבאָרגן ערשטנס אין פֿאַל, ווען עס זאָלן קומען יונגעלייט פֿון דער פֿינאינספּעקציע. זיי פֿלעגן זיך געוויינטלעך באַווייזן אין פֿאַלטאָס

מיט אויפגעשטעלטע קראַגנס, ווען אין דרויסן איז געגאַנגען אַ רעגן, און עפּנענדיק מיט די נאַסע, פאַרגליווערטע הענט עפּעס אַ העפטל, פלעגן זיי זיך אַנידערזעצן ביים טיש. אין די אויגן פון די איבערגעשראָקענע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן זיך באַמיט אויסצוזען גלייכגילטיקע, דידאָזיקע אָפּעראַציע גייט זיי נישט אָן (דאָס געוויסן איז ביי זיי ריין), פלעגן די יונגעלייט עפּעס פאַרשרייבן אין דערביי האָבן זיי פּעריאָדיש באַקוקט אַלע ווינקעלעך פון צימער. און סוף-כל-סוף פלעגן זיי שטעלן זייער באַשלוס: אַן אָרעמע אויסשטאַטונג. און חוץ דעם זענען דיזעלבע שכנים, אַלץ אייגענע מענטשן, אינטעליגענטן און אַזעלכע פאַלן אָפּטמאָל געוועזן ערגער פאַר דידאָזיקע יונגעלייט: זיי, די יונגעלייט, קומען נאָר איינמאָל, פאַרשרייבן ביי זיך וואָס זיי דאַרפן און גייען זיך אַוועק, מען ווייסט שוין נישט נאָך זייער אַוועקגיין, ווען זיי וועלן נאָכאַמאָל קומען, און די שכנים, זיי געפינען זיך דאָ גאַנצע טעג, זיי זעסטו יעדע שעה אונטער דער צייט. אַלץ זעען זיי, אַלץ הערן זיי און דער פּועל-יוצא פון זייער שטענדיקער אָנוועזנהייט איז זייער, נישט פאַרגינערישע און ביזוויליקע באַמערקונג:

„ווען עס קומט אויס צו באַצאָלן לויט די רעכענונגען"...

א. א. וו.

איפּאָליט קיסליאַקאָוון, אַלס אַ מענטשן מיט אינטעליגענטישע טראַדיציעס, זענען געווען דערווידער דידאָזיקע אַלע דעקאָראַציעס, אָבער יעלענע וויקטאָראָוונע האָט פון דעם שטאַרק געהאַלטן און זייער געשעצט די מעגלעכקייט „אויפצונעמען געסט ווי עס פּאַסט פאַר פיינע מענטשן איז ער געצוווּנגען נאָכצוגעבן דעם ווייב, פלעגט אַרויסשלעפּן די טעפּיכער, אויסהענגען די בילדער א. א. וו. ער פלעגט אָבער דעמאָלט ווערן שטאַרק אָנגעבלאָזן, כמורנע און צעשטרייט, אַזוי, אַז ס'פלעגן אים פון דער האַנט דאַן פאַלן פאַרשידענע זאַכן און צעבראָכן ווערן. דאַן פלעגט יעלענע וויקטאָראָוונע, אַ קלאַטש טוענדיק מיט די הענט פון פאַרצווייפלונג, צעשרייען זיך אויף אים, אַז זייגע הענט האַלטן קיינמאָל גאָרנישט, אַז ווען זי וואָלט געוווּסט, אַז ער

איז אזא שלימזלניק, וואָלט זי זיך באַגאַנגען אָן זיין הילף און אַלץ אַליין געטון.

די מומע האָט, אַרומגייענדיק אויף די שפּיץ פינגער עפּעס מיט אַ סודותפולן אויסזען, פאַנאַנדערגעוויקלט די פּעקלעך פּראָוויזיע און דעליקאַטעסן, פאַנאַנדערגעלייגט אין די טעלער די צובייסעכץ, און ביי דער געלעגנהייט אויף יעדן שריט אַרויסגעוויזן איבעריקע געטרייקייט און אייפער.

יעלענע וויקטאָראָוונע, וועלכע האָט פאַרלאַנגט, אַז עס זאָלן קומען נישט מער, ווי זעקס געסט, (אַריינרעכנענדיק זיך ביידן מיט דער מומען ניין פּערזאָן), האָט געהאַט דערצו אַ גרונט: ביי איר איז פון אַמאָליקע צייטן פאַרבליבן אַ טייערער סערוויז. דריי געגנג פון סערוויז האָט קיסליאַקאָוו מיט אַ געוויסער צייט צוריק צעבראָכן (ער געדענקט דעם פאַל נאָך עד-היום), זענען אַזוי אַרום געבליבן ניין געגנג, און אויב צום טיש וועלן זיך זעצן ניין מענטשן, וועט עס אויסזען זייער אָנשטענדיק און רייך. דאָס קומען אָבער פון יעדן איבעריקן גאַסט וועט ממש זיין אַ קאַטאַסטראָפע און וועט קאַליע מאַכן די גאַנצע שטימונג. דעמאָלט וואָלט אויסגעקומען צו דערלאַנגען צום טיש אויך אינם געגאַרבטן טעלער מיט אַ געלן שפּאַלט אין מיטן און זיך פאַרופן ווי געוויינטלעך אין דעם פאַל, אויף דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, ווו נישט נאָר מ׳קאָן נישט באַקומען קיין אַנשטענדיקן סערוויז, נאָר ווו עס וועט אינגיכן נישט זיין אין וואָס צו עסן.

אָבער דאָס פאַרופן זיך אויף דעם אָדער יענעם און די תירוצים זענען איין זאַך און נאָר עפּעס אַנדערש איז,—וואָס אַ גאַנצן אָוונט וועט דער וואָרעם פון פאַרדרוס און צערייצקייט נישט אויפהערן, צו טאָטשען די באַלעבאָסטע צוליב דעם, וואָס ס׳איז געקומען אַן איבעריקער גאַסט און אויך צוליב דעם, וואָס דער באַלעבאָס האָט אויף די פּלייצעס אָנשטאָט א קאָפּ — ווער ווייסט וואָס, טוט אָפּ אַזעלכע זאַכן, אַז ס׳קאָן פּשוט פּלאַצן די גאַל.

— נו, גוט, אויסגעצייכנט — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע באַרויקנדיק זיך געזאָגט — היינט כאָטש וועט די מומע קאָנען

מיט אונדז עסן אָוונט-ברויט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָרענטלעכן מענטשן.

די מומעס ווימפּערן האָבן א ציטער געטון, זי האָט גאָר־נישט געזאָגט — זי האָט נאָר אָנגעהויבן אַרויסווייזן נאָך מער מי און פלייסעניש צו סערווירן וואָס שענער דעם טיש. כמעט נאָך יעדן אָוועקגעשטעלטן טעלער איז זי אָפּגעטרעטן אויף צוויי טריט און פון הייטן געקוקט אויפן טיש, צי זי האָט גוט אַוועק־געשטעלט און אויסגעלייגט די טעלער, לעפל-גאָפּל און מעסער. קיסליאַקאָוו האָט זיך באַמיט, נישט צו קוקן אויף דער מומע, כדי ער זאָל אַזוי זיך נישט קאָכן און ווערן אויפגעבראַכט פון אירע איבערגעטריבענע באַמיונגען זיך אויסצופּיינען פאַר אים און זיין ווייב.

קיסליאַקאָוו און יעלענע וויקטאָראָוונע האָבן זיך געפּאָרעט פון יענער זייט שפּאַניש ווענטל אַרום די מאכלים און געטראַנ־קען, פאַנאַנדערגעשניטן די קעלבאַסן און ווורשטן. זיי האָבן נאָך אַלץ נישט באַוויזן אַריינצופירן עלעקטרי אין דעם ווינקעלע און האָבן דעריבער דאָרט געמאַכט די הכנות כמעט אין דער פינס־טערניש, טאַפּנדיק צייטנווייז מיט די הענט, די ווענט און מעבל־שטיקער.

דאָס איז אייגנטלעך געווען דער סאמער געפערלעכסטער מאָמענט אין זייער הכנות אויפצונעמען די געסט, ווייל אין ענג־שאַפט און פינסטערניש האָט עפּעס דורכויס געמוזט אַראָפּפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און צעבראָכן ווערן. און פעסטשטעלן, ווער אייגנטלעך ס׳האָט אַראָפּגעלאָזט און צעבראָכן די אָדער יענע כלי, איז געווען שווער, דעריבער זענען טאקע באַלד אַנטשטאַנען מחלוקות צווישן מאַן און ווייב און די מחלוקות זענען שיעור נישט אַריבער אין א געשלעג.

— וואָס שטופּסטו מיר אַלץ אין זייט! — האָט ענדלעך זיך אָפּגערופן יעלענע וויקטאָראָוונע, וועלכע האָט תחילת געשוויגן האָפנדיק אז איר מאַן וועט איר אויפהערן צו שטויסן אין זייט.

— וויאַזוי-זשע קאָן איך אַנדערש שניידן דעם וווּרשט—ס'איז דאָך נישטאָ ווו זיך א ריר צו טון...

— לאָז צו רו, כ'וועל אַלץ מאַכן אָן דיר. עפן בעסער אויף די פלעשער וויין.

קיסליאַקאָוו האָט, אַ קוועטש טוענדיק מיט די פּלייצעס אַוועקגעלייגט דאָס מעסער און זיך גענומען פאַר די פלעשער. אַריינקוועטשנדיק זיי צווישן די פיס און באַדעקנדיק מיט דער אייבערשטער ליפּ די אונטערשטע, האָט ער פאָרזיכטיק אַרויסגעצויגען דעם קאָרק, ער זאָל נישט טון קיין קנאַק. ווען איין קאָרק וועט אַ פּראַל טון מיט אַ קנאַק, איז נאָך קיין אומגליק נישט, אָבער ווען דריי — פיר קאָרקן וועלן קנאַקן כסדר איינער נאָכן אַנדערן — דאָס זעט איר, איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך: דאַן וועט פּיעטשאַנקינע באַלד זיך אָנשטויסן, אַז דאָ גרייט זיך אַן אָ ר ג י ע.

די אַלע איבעריקע לאָקאַטאָרן זענען בעת אַזעלכע הכנות געוואָרן באַזונדערס אומבאַמערקבאַר: מ'האָט זיי דעמאָלט נישט געזען פאַר די אויגן, זיי פלעגן דעמאָלט אַפילו נישט אַרויסגיין פון זייערע שטובן, און ווען זיי איז אויסגעקומען פאַרבייצוגיין פאַר קיסליאַקאָווס צימער, האָבן זיי זיך באַמיט אַראָפּצולאָזן די אויגן און נישט אַרייצוקוקן אין צימער אַריין, פונקט ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געוווּסט, וואָס דאָרט קומט פאָר און דערמיט זיך מער נישט אינטערעסירט. נאָר שוין לויט זייערע אַראָפּגעלאָזענע אויגן איז געווען צו זען, אַז זיי ווייסן יאָ, וואָס ביים שכן אין שטוב קומט פאָר, טראָגן אַלע באַוואָרעניש, וואָס דער שכן האָט געמאַכט און אַלע זיינע „פאָרזיכטס-מיטלען" אַז קיינער זאָל פון דעם נישט וויסן און איר מעגט זיין זיכער, אַז מאָרגן וועלן שוין אַלע וויסן, ווער ס'איז געקומען צו גאַסט, ווער די געסט זענען געוועזן, וואָס מ'האָט געגעסן, וואָס געטרונקען א. א. וו:

אויפקאָרקעווענדיק די פלאַשן און איבערגעבנדיק זיי דער מומע, וועלכע האָט זיך באַמיט איבערצוכאַפּן יעדע זאַך, וואָס גייט צום טיש, האָט קיסליאַקאָוו אַריינגעשריפּט אין די דרייפּי-

סיקע לוסטרע אַ גרויס לעמפּל פון הונדערט ליכט־שיין, כדי דער אָוונט און די סעודה זאָלן אויסזען מער פייערלעך.

נאָך בעת־מעשה איז פון ווינקעלע אַרויסגעגאַנגען יעלע־נע וויקטאָראָוונע מיט הענט אייַנגערייכט אין הערינג־הויט, און אַ דערשראָקענע, אָנגעהויבן שרייַען: „דאָס פענצטער, דאָס פענצטער!״— מיט אַזאַ טאָן, טיט וועלכן מען שרייַט! עס ברענט!״.

קיסליאַקאָוו האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ און ער האָט זיך אומגעקוקט אויפן פענצטער אקעגן טיש, מ׳האָט דאָסדאָזיקע פענצטער פאַרגעסן צו פאַרהענגען מיטן פאָרהאַנג און דאָס פענצטער האָט אַרויסגעקוקט מיט אַלע זייַנע זעקס קוואַדראַטן פון די שויבן אויף דער גאַס אַרויס, עפּנענדיק פאַר די פענצטער פונם אַקעגנאיבעריקן הייז די אַלע הכנות צו דער „אָרגיע״, מיטן טיש אויפן ערשטן פּלאַן.

מיט אַן אויסערגעווייטלעכער איילעניש, אַן איילעניש, מיט וועלכער דער מאַשיניסט טוט אַ דריי דאָס הענטל בייַם קראַן, כדי אַרויסצולאָזן דעם געפערלעכן עודף פון דאַמף, האָט קיסליאַקאָוו אַ צי געטון פאַרן שנורל די ראָלעטן און זיי פעסט צונויפגעבונדן אין דרייַ ערטער מיט די שנירלעך פון די פראַנדזן.

די הינט, פאַרלירנדיק די אינדיווידועלע שטריכן, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס יעדע פון זיי באַזונדער, האָבן איצט אַרויסגעוויזן די אַלגעמיינע הינטעשע אייגנשאַפט: זיי זענען אַן אַ זייט געזעסן באַשיידן, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, געדרייט מיט די ווידלען און אויפגעהויבן די אויגן בייַ יעדן באַוועגן זיך פון די באַלעבאַטים.

קיסליאַקאָוו האָט זיך באַמיט, נישט צו באַגעגענען זיך מיטן בליק פונם בולדאָג, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז ער באַמערקט אים גראָד נישט און ווען ער האָט זיך אויף אים אָנגעשטויסן, האָט ער אפילו זיך נישט זשענירט אים אָפּצושטופּן פון וועג מיטן פוס. דער בולדאָג איז באַשיידן אַוועק אונטערן טיש אַן שום ריטשן און, אייַנביגנדיק דעם קאָפּ, אַרויסגעקוקט פון דאָרט מיט הכנעה.

ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק, דער טיש געדעקט, די אײַנגעווייקטע ... פֿון די הערינג אַרויסגעטראָגן אין קיך אַרײַן אומעטום אויסגעלייגט רייִנע סערוועטקעס, איז געקומען די אומרויִקע צײַט פֿון וואַרטן אויף די געסט.

— זיי קאָנען קומען ערשט אין אַ שעה אַרום, — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע געזאָגט, און באַלד אַ כאַפּ טוענדיק זיך, אַז זי האָט עפּעס פֿאַרגעסן, ווי צוגעגעבן: — יאָ, מיר האָבן דאָך פֿאַרגעסן, אַוועקצושטעלן אויפֿן טיש בלימלעך. גיי, כ'בעט דיך קויפֿן בלימלעך. דאָ נישט ווײַט, אויפֿן ווינקל גאַס וועסטו קריגן צו קויפֿן און איך וועל בינײַ־לבינײַ אויסבערשטן און אויסרייניקן דײַן מאַרינאַרקע.

קיסליאַקאָוו האָט אויסגעטון די מאַרינאַרקע, אָנגעטון אַ סווישורקע און איז רויִק אַרויסגעגאַנגען קויפֿן בלומען.

צוריקקומענדיק אין שטוב, האָט ער דערזען אַ בילד אויף וועלכן ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט ריכטן. יעלענע וויקטאָראָווגע איז געזעסן אויף דער אָטאָמאַנע, אויף די קני בײַ איר איז געלעגן זײַן מאַרינאַרקע און אַ באַרשט, און אין די הענט די קוויטאַנציע פֿון טעלעגראַף, אין וועלכער ס'איז געווען אָנגעוויזן וווּהין די דעפּעשע איז געווען אָפּגעשיקט סמאָלענסק...
דער פּרוּוו האָט ער דאָך געהאַט געזאָגט, אַז ער האָט אַרקאַדיען נישט געענטפֿערט. זי האָט די קוויטאַנציע, געפֿונען בײַ אים אין טאַש פֿון דער מאַרינאַרקע.

— פֿאַרוואָס האָסטו געזאָגט אַ ליגן? — איז זי צו אים צוגעשטאַנען, אויסשטרעקנדיק אים די קוויטאַנציע, וועלכע זי האָט געהאַלטן צעקנייטשט אין דער האַנט, — דו האָסט דאָך מ'ר געזאָגט, אַז דו האָסט נאָך נישט אָפּגעענטפֿערט דײַן חבר און דאָס וואָס איז.

אין אַזעלכע פֿאַלן קאָן דער, וועלכן מ'האָט געכאַפּט בײַ אַזאַ „פֿאַרברעכן“, פֿאַרנעמען צוויי פּאָזיציעס אָדער אָנצונעמען אַ הכנעהדיק אויסזען פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿילט זיך, אַז ער איז באַגאַנגען אַ חטא, אויסטראַכטנדיק באַלד אויפֿן אָרט אַן אומשולדיקן תּירוץ — אָדער צו אַרבעטן מיט אַן אָפֿענער חוצפּה

און אומפאַרשעמטקייט און זאָגן, אַז ער וויל זיך נישט אונטערוואַרפן סתם אַ קאָנטראָל פון וועמען עס איז און וועט שיק צו אַלדע רוחות די אַלע, וואָס וועלן קריכן צו אים אין די טאַשן.

אין דעם פאַל וואָלט די לעצטע פּאָזיציע פאַר קיסליאַקאָווען זיך געפּאַסט צומבעסטן, ווייל דאָס איז דאָך געווען איר יום־טוב און זי וואָלט מער פאַר אים געליטן, ווען ער וואָלט אַ גאַנצן אָוונט געזעסן אָנגעבלאָזן. דערמיט וואָלט ער איר געקאָנט פאַרשאַפן עגמת־נפש און זי מבייש זיין פאַר די שכנים.

נאָר דאָ האָבן זיך דערהערט איינס נאָכן אַנדערן דריי קלונג (הייסט עס — צו זיי און דאָס זענען — געסט). יעלענע, וויקטאָראָוונע האָט מיט אַ געשיקטקייט, וועלכן מ'האָט פון איר נישט געקאָנט דערוואַרטן, אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנס מאַרינאַרקע אויף דער פּאָדלאָגע פון די קני — ווילנדיק, ווי ס'ווייזט אויס, דערמיט ווייזן איר באַציונג צו קיסליאַקאָוון, ווי אַזוי זי באַהאַנדלט אים. איבער איר פּנים האָט זיך שוין אויסגעגאָסן א באַגריסונגס־שמייכעלע פון אַ גאַסטפריינטלעכער באַלעבאַסטע. זי האָט, גייענדיק צו דער טיר, באַוויזן אַ פּיר צו טון איבער דער נאָז, דאָס קישעלע מיט דעם פּודער און כאַפּן אַ קוק אין שפּיגל.

אין אַ מינוט אַרום זענען מאַן און ווייב שוין ביידע געווען אין קאָרידאָר. און די מומע האָט זיך באַהאַלטן פון יענער זייט שפּאַנישן ווענטל, כדי מ'זאָל נישט מיינען, באַגעגנדיק זי, אַז זי וויל אָנוואַרפן און דודכויס זיצן מיט די געסט ביים טיש, הגם מ'האָט פאַר איר אָנגעגרייט און אַוועקגעלייגט גאָפּל־מעסער.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט זיך געאיילט צו דער טיר' זי אויפצושליסן, נאָר פּיעטשאָנקינע האָט איר מקדים געווען' טראָץ דעם, ווי לויט דער צאָל קלונגען איז דאָס געווען נישט צו איר, נאָר צו די קיסליאַקאָווס. די קיסליאַקאָווס האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי איז געגאַנגען עפענען די טירן, נאָר בלויז

צוליב בייגעריקייט: כדי צו זען, ווער און וויפיל מענטשן עס זענען צו זיי געקומען.

סיי די אריינגעקומענע געסט און סיי די בעלעבאַטים וואָס האָבן זיי מקבל־פּנים געווען האָבן אַרויסגעלאָזט פריילעכע אויסגעשרייען. די קיסליאַקאָוו זענען ביים אַריינקומען פון די געסט געשטאַנען איינער נאָכן אַנדערן, באַמיענדיק זיך נישט אָנצורירן איינער אָן אַנדערן. (אַלץ נאָך ברוגזלעך צווישן זיך) און מיט פריילעכע שטימען געבעטן די געסט אַריינצוגיין ווייטער אין שטוב אַריין.

נאָך לויט דער צאָל שטימען, וואָס עס האָבן זיך געהערט פון יענער זייט טיר און לויט דעם צו גרויסן טומל, וואָס האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן, האָט יעלענע וויקטאָראָוונע דערפילט עפּעס נישט קיין גוטס און נישט היימלעכס. און ווירקלעך: בלויז איין איבערפלעכלעכער בליק, וועלכן זי האָט אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָר געוואָרפן אויף די אָנקומענע, האָט גע־צווונגען איר האַרץ אומרויק זיך אַ ריר צו טון.

קומען האָבן געדאַרפט גאָלאָכאָוו מיט דער פרוי, דער הזיכער און דאַרער גוסיעוו מיטן ווייב און אַנדריי איגנאַטיעוויטש אויך מיט זיין פלונתטע, נאָר אין קאָרידאָר האָבן מיט אמאָל, לויט איר איבערפלעכלעכער און אומרויקער אויסרעכנונג, זיך אַריינגערוקט ניין מענטשן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גוסיעוו איז אויסגעקומען צו באַדאַנקן פאַר דער גוטער געפעליקייט זיינער. דערדאָזיקער גוס־יעוו האָט מיט זיך שטענדיק פאַרגעשטעלט אַ מין נשמה פון דער געזעלשאַפט און איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זוכע־נישן נאָך פאַרשידענע קאָמישע סיטואַציעס, וועלכע זענען אים אַליין פאַרגעקומען אַלס זייער לוסטיקע און אַלס אַזעלכע, וואָס זענען מסוגל צו הייבן די אַלגעמיינע שטימונג און מאַכן אַלע־מען לוסטיק און פריילעך.

און אָט ווען גוסיעוו מיט זיין ווייב זענען שוין געווען נאָענט פונעם הויז, ווו ס'האָבן געוווינט די קיסליאַקאָווס, צו וועלכן זיי זענען דאָסמאָל געגאַנגען צו גאַסט, האָבן זיי באַ־

געגנט נאָך צוויי חברים: איינעם מיט אַ נאַקעטן אָפּראַזירטן קאָפּ, עפּעס אַ בלינדלעכער, וואָס האָט געאַרבעט ערגעץ אין ארכיוו פון מוזיי. דעם אַנדערן — עפּעס אויך אַ קליינטשיקער, דערפאַר אָבער שוין נישט מיט קיין נאַקעטן קאָפּ, נאָר מיט אַזעלכע לאַנגע און געדיכטע האָר, אַז די הינט, וואָס זענען בעת׳ן אָנקומען פון די געסט אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר, האָבן זיך פאַר אים שטאַרק דערשראָקן: דער בולדאָג האָט אנגעהויבן צו ריטשען און דזשערי האָט, ווי אַן אָפּגעבריטע מיט קאָכע־דיק וואַסער, זיך צעבילט — אַזוי ווי ער צעבילט זיך אָפּט ביים באַגעגענען דעם שכן, דעם סטאַטיסטיקער.

— איר ווערט גאָרנישט האָבן קעגן אָט די צוויי חברה־לייט — האָט גוסיעוו געפרעגט די באַלעבאַטים, אונטערשטופּנדיק די „חברה־לייט״ צו דער טיר.

יעלענע וויקטאָראָוונע, האָט זיך באמ׳ת גאַסטפריינטלעך אַ שמייכל צו טון (קיסליאַקאָוו איז דערביי געווען איבעראַשט פון דעם, וואָס דאָס זיס שמייכעלע איז ביי איר אַרויסגעקומען אַזוי געמאַכט, אַזוי אומנאַטירלעך) און מאַן און ווייב האָבן אָנגעהויבן אַריינצובעטן אַלע פיר געסט, באַמערקנדיק, אַז וואָס מער עולם אַלץ גרעסער די שמחה.

— געוויס, אדרבה, פרוו צוהאָבן עפּעס קעגן דעם, נאָכ־דעם ווי דו געפונסט דיך שוין פאַר אַ געשעענעם פאַקט, ווען די געסט זענען שוין דא ביי דיר אין שטוב. מען קאָן דאָך דעמאָלט נישט זיין קיין חזר און זאָגן, אַז זייער קומען צו דיר איז דיר נישט לרצון. און זיי בעטן, אַז זיי זאָלן אַזוי גוט זיין און זיך אָפּטראָגן אַהין, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

— זיך אויסטון דאָ, ווי מיינט איר?

— ניין, ניין, דאָ וועט מען אַוועקגנבענען! בעסער אָט דאָרט. ביטע.

און יעלענע וויקטאָראָוונע האָט זיי אָנגעוויזן ווו זיך אויס־צוטון די אייבערשטע מלבושים.

אפילו קיסליאַקאָוון איז אויך כמעט נישט גוט געוואָרן, דערזע־ענדיק אַזויפיל געסט. ער איז געוואָרן אָנגעבלאָזן און צעשטרייט.

אַלע האָבן זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער טיר, צווישן זיי אויך די צוויי נישט געבעטענע געסט, דער פּליכיקער און דער האָריקער, וועלכע האָבן דערצו נאָך, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און געשוויגן און בעתן באַקענען זיך מיט די באַ-לעבאַטים האָבן דידאָזיקע פאַרשוינען זיי עפּעס מאָדנע געשאָקלט די הענט, — געשאָקלט און נישט געדרוקט.

— ניין, ניין, אויף לינקס! — האָט יעלענע וויקטאָראָוו-נע דערשראָקן אַ געשריי געטון, ווען גוסיעוו, וועלנדיק מסתמא אויך דאָ מאַכן אַ שטיק פאַרוויילונג, האָט אַריינגעקוקט אונטערן שפּאַניש ווענטל אויף דער רעכטער זייט.

מ׳האָט אָנגעהויבן אַראָפּציען פון זיך די אייבער-מלבושים אינם ענגן ווינקעלע און אין משך פון אַ געוויסער צייט האָט מען געהערט, ווי די געסט האָבן זיך דאָרט שטיל געפּאָרעט מיט די מלבושים און ווי איינער האָט זיך דערשראָקן אַנטשול-דיקט פאַרן אַנדערן.

און קיסליאַקאָוו איז, אין דער שטיינערדיקער קאָנצענ-טראַציע און אומאָנגענעמלעכקייט, וואָס זענען אים בשעת-מעשה באַפאַלן. געשטאַנען אָן אַ זייט און רויק געקוקט אויף די געסט, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די מלבושים, ווי פיש, אין אַן ענגער סאַזשעווקע.

— וואָס-זשע העלפסטו נישט צו — האָט ענדלעך אויף אים יעלענע וויקטאָראָוונע אַ געשריי געטון און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ נייעם פייער (פּליוס דעם אַלטן פייער פאַר די מעשה מיטן קוויט פון דער טעלעגראַפן-סטאַנציע).

קיסליאַקאָוו האָט זיך אומבאַוווסטזיניק, פונקט ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין דין-וחשבון, וואָס ער טוט, אַ וואָרף געטון אין דער „סאַזשעווקע״, און דאָרט איז געוואָרן נאָך ענגער.

— נע, זאָגט דעם אמת, איר זענט אויף אונדז נישט שטאַרק ברוגז, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך צו פירן דידאָזיקע ווילדע מענטשן? — האָט גוסיעוו געפרעגט, קוקנדיק אין תּלל אַריין און אָפּווישנדיק מיט אַ פאַציילע די וואָנסן.

— ווי קאָן עס אייך איינפאַלן! — האָט יעלענע וויקטאָ־ראָוונאַ דערשראָקן, אויפצאַפּלענדיק אַ געשריי געטון, ווייל איר איז אויך פונקט ווי דעם מין באַפאַלן אַ מינוט פון אומצטיקער פאַרטראַכטקייט.

ס'איז אויסגעקומען, פאַרופנדיק זיך אויף דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, שטעלן צום טיש צוגאָב־כלים: אַלטע שטשערבאַטע טעלער מיט שפּאַלטן אין דער לענג און דער ברייט; ס'איז אויך אויסגעקומען ענגער צוזאַמענצוריקן די שטולן אַזוי, אַז ס'האָט שוין גישט געקאָנט זיין קיין רייד, אַז די מומע זאָל זיך עצן פאַרן טיש.

VIII

די געסט האָט מען איינגעלאַדן נישט כּדי זיך צו באַגעגענען מיט גוטע באַקאַנטע מענטשן, מיט אייגענע פון זעלבן קלאַס, צו וועלכע זיי און די קיסליאַקאָווס געהערן, וואָס פילן און דענקען פונקט ווי זיי,—נאָר פּשוט צוליב דעם, וואָס ס׳איז געווען נישט באַקוועם נישט פאַרבעטן צו זיך קיינעם פון די באַקאַנטע.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די באַקאַנטע זענען געווען „אייגענע מענטשן“, איז צווישן זיי און די קיסליאַקאָווס פונדעסטוועגן קיין אינערלעכע נאָענטקייט נישט געווען. די פּאָליטישע געשפּרעכן האָבן נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדער אויפלעבונג און ס׳רוב באַגרענעצט זיך מיטן ענגן קרייז מכּוח דער פראַגע וועגן דוחק אויפן פּראָדוקטן-מאַרק, באַזונדערס וועגן דוחק אין ווייס מעל. בפּרט נאָך ווען יעדער פון די געסט, אָנהייבנדיק צו רעדן וועגן דעם דוחק אויף פּראָדוקטן, האָט אַביסל נישט זיכער דורכגעטאַפּט מיט די אויגן די, וואָס האָבן אים אויסגעהערט, און אַ פליכטיקן בליק אויך געוואָרפן אויף די ווענט, טראַכטנדיק, ווי ווייט זיי זענען דיק און פעסט און צי מען הערט נישט פון יענער זייט וואַנט, וואָס מען רעדט דאָ.

אפילו די נאָענטע חברים, וואָס האָבן געאַרבעט מיט קיסליאַקאָוון אין איין אָפּטיילונג, האָבן זיך באַמיט, נישט מאַריך צו זיין און נישט צו רעדן קיין איבעריקס, ווייל אין אַ פרעמדע נשמה איז אוממעגלעך אַריינצוקריכן. ווער ווייסט, וואָס ביי

יענעם טוט זיך אויפן הארצן און וואס פאר א מענטש ער איז. די געסט האבן דעריבער אויסגעדריקט זייער סימפאטיע צו די באלעבאטעם און טיפער צוגעבונדנקייט צו זיי דורך מיטלען, וואס אנטהאלטן אין זיך נישט קיין געפאר: זיי האבן, מעשה גוטע-פריינט, אויסגעפרעגט וואס זיי מאכן אין געזונט, וואס פאר אן אויסזיכטן זיי האבן אויפן ווינטער-סעזאן א. א. וו. און די באלעבאטעם פון זייער זייט האבן אויך באנוצט די זעלבע טאקטיק בנוגע די געסט.

אלע האבן געהאט א גאנץ דייטלעכע עמפינדונג, וואס מ׳קאן נישט ארויסזאגן בנוגע דעם, וואס זיי איז דערווידער. אין דעם איז געווען א פולע אלגעמיינע אחדות, הגם אן אחדות, וואס איז, ווי שוין געזאגט, באגרענעצט געווען מיט א ענגן קרייז בנוגע פראדוקטן און מעל-פרעגן. נאר קיינער האט נישט געהאט קיין דייטלעכע עמפינדונג פאר וואס זיי זענען יא און וואס זיי פארלאנגען באמת; וואס פאר א געמיינזאמע פאליטישע פלאטפארמע עס פארייניקט זיי.

דעריבער איז די סאמע נודנע און שווערע צייט פאר די באלעבאטעם דעמאלט נאר, ווען עס הייבן אן קומען די ערשטע געסט, מיט זיי קומט אויס זיך צו פארנעמען פערזענלעך און זיי ווילן ביז עס קומט אן דער איבעריקער עולם, בעת, ווען מ׳קאן שוין, אויסמיידנדיק די נויטווענדיקייט פון א שמועס, גלייך זיך זעצן צום טיש.

דער גאסט, וואס איז געקומען דער ערשטער ווערט געוויס, ווארפנדיק א קוק אין פוסטן צימער אריין, איבערגעשראקן און פארשעמט א געשריי געטון:

— וואס איז דא עפעס: איך בין, דאכט זיך, דא דער ערשטער.

דא הייבט אן דער באלעבאס אים צו בארויקן, שיט אים אפ מיט שבחים פאר זיין פונקטלעכקייט און די, וואס פארשפע־טיקן אביסל צו קומען, נעמט ער איידל אויסזידלען. נאר ביים גאסט בלייבט נאך אלץ עטוואס א פארשעמט אויסזען פונם גע־דאנק, אז די באלעבאטעם קאנען ווען אים טראכטן:

— ער האָט זיך דערפרייט, וואָס מ׳האָט אים איינגעלאַדן געקומען צו לויפן פריער פאַר אַלעמען! —און מהאי־טעמה באַמיט זיך יעדער פון די געסט, ווען ער גייט נאָר אַליין און נישט צוזאַמען מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע, — צו קומען ערשט דאַן, ווען ער איז זיכער, אַז אַלע געסט האָבן זיך שוין צונויפגעזאַמלט. און מחמת דעם טאַקע, קומט שטענדיק פאָר, אַז אַנשטאָט פּינקטלעך אַכט אַ זייגער באַווייזן זיך די געסט ערשט אַרום צען אַ זייגער, אַנשטאָט ניין — אַ זייגער צוועלף.

קודם־כל כאַפּן זיי אַ קוק אין צימער אַריין, צי דער טיש איז שוין געדעקט אָדער נישט. אויב עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער טיש איז שוין געדעקט, ווערט די שטימונג מיטאַמאָל א גוטע, ווייל מען וועט נישט דאַרפן אין דערוואַרטונג ביז צום דעקן די טישן און דערלאַנגען די מאכלים, פירן קיין לאַנגע געשפּרעכן מיט די באַלעבאַטעס. געוויינטלעך האָבן די באַלעבאַטעם און די געסט נישט געהאַט קיין געמייגזאַמע אינטערעסן צווישן זיך, זיי האָט אויך נישט פאַרבונדן צווישן זיך קיין אידייע, וואָס זאָל זיי ביידן זיין נאָענט (אַ חוץ דער וווינונגס־ און אַפּראָוויזאַציע־פראַגע). דעריבער האָט ביים טיש נישט געקאָנט פאָרקומען קיין געשפּרעך, וואָס זאָל אַלעמען פאַרכאַפּן, אַלעמען באַגייסטערן, ווי ס׳פלעגט פאָרקומען אַמאָל, בעת די סטודענטישע און אינטעליגענטישע דיסקוסיעס פלעגן געפירט ווערן גאַנצע נעכט און אַנשטאָט אָוונטברויט, פלעגט מען זיך באַגנוגענען בלויז מיט קעלבאַס פון שפּייז־געוועלבל, וואָס האַנדלט מיט טאַבאַק, באַפּט און בייגל.

היות, איצט האָבן אַזעלכע אידייאישע געשפּרעכן נישט געקאָנט פאָרקומען, זענען נייטיק געווען, כדי עס זאָל נישט זיין נודנע ביים טיש, עפּעס אַ פאַרשטאַרקונגס מיטל, ווי אַ גוטער אָוונט־ברויט און געהעריקע געטראַנקען.

דאָסמאָל וואָלט אַלץ אָוועקגעגאַנגען כשורה: די געסט זענען אַלע געקומען מיטאַמאָל און ס׳איז נישט אויסגעקומען יעדן פון זיי איינציקווייז צו ווילן און מכבד זיין מיט טיי, אַ

ציטער טוענדיק ביי יעדן קלונג אין טיר. נאָר קאַליע געמאַכט אַלץ האָבן די צוויי איבעריקע אומגעבעטענע געסט.

קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט אָנגעוווירן זיין גוטע שטימונג צוליב דער געשיכטע מיט זיין ווייב און דערנאָך צוליבן קומען פון די צוויי אומגעבעטענע געסט, איז געווען אין אַ צושטאַנד פון שווערער צעשטרייטקייט. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס עס ווערט נישט קלעקן פאַר אַלעמען די פּאַרציעס אינדי און ער האָט זיך באַמיט אויסצוטראַכטן אַן אומשולדיקע דערקלערונג, הלמאי ער האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן פון דער פרוי די קוויטאַנציע פון דער טעלעגראַף-סטאַציע. „אַז גאָט וויל שטראָפן אַ מענטשן — איז אים איינגעפאַלן — נעמט ער ביי אים צו דעם קלאָרן פאַר־שטאַנד". צוואָס, פרעגט זיך, האָט ער געדאַרפט די קוויטאַנציע? דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אַזוי געמאַטערט, אַז זיי האָבן אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוהייבן מיט די געסט אַ שמועס און יעלענע וויקטאָראָוונע איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אַליין.

ער האָט נאָר געוואָרפן אַן אויג און געלייגט אַכט אויף אַ יונגער דאַמע, וואָס איז געווען צווישן די געסט, — אויף דער פרוי פונם מרוק גאַלאַכאָוו. זי איז געווען אַביסל אַ פעטלייביקע בראָנעטין; מיט האָר, אָפּגעשוירענע לויט דער מאָדע און מיט אַ פאַרריסן פופע-פנימל, מיט פופע אויגן, מיט וועלכע זי האָט אָפּט געפינטלט, פונקט ווי זי וואָלט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

קיסליאַקאָוו האָט באַשלאָסן, אויפצוזהעכיס זיין פרוי זיך צו זעצן נעבן דערדאָזיקער יונגער דאַמע.

דערנאָך האָט מען זיך פאַרנומען מיט די הינט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע געסט האָבן אינדערהיים הינט. ס'האָט זיך פאַרבונדן אַן אַלגעמיין געשפּרעך, אַ גענוג לעבהאַפטס.

— אין אונדזער צייט—האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געזאָגט (קיסליאַקאָוו האָט אָנגעשפּיצט די אויערן) — קאָן מען נאָך האָפן נאָר אויף די הינט. נעמט, צו ביישפּיל, מיין טאָמען — ער איז מיין שוץ, אויף וועלכן איך קאָן מיך פאַרלאָזן.

די הינט וואָס זענען געשטאַנען אינמיטן צימער, האָבן פאַרשעמט געזשמורעט די אויגן און געדרייט מיט די ווידלעך, ווייל זיי האָבן געפילט, אַז מען רעדט פון זיי. ביים דערמאָנען זיין נאָמען האָט טאָם קוים אויפגעהויבן אַ ברעם אין דער זייט פון דער באַלעבאָסטע און שטאַרקער אָנגעהויבן מאַכן מיטן ווידל.

— כ׳וועל אייך באַלד וויזן אַן עקספּערימענט. טאָם שטייט פאַר מיר שטאָל און אייזן, דערלאָזט בשום־אופן נישט, מ׳זאָל מיך באַשולדיקן, ווען איך גיב נאָר אַ סיגנאַל, ער זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען.

מ׳האָט געמאַכט אַן עקספּערימענט: קיסליאַקאָוו האָט אַ כאַפּ געטון זיין ווייב פאַר דער האַנט. יעלענע וויקטאָראָוונע האָט אַ געשריי געטון.

— טאָם, מען באַוואַלט מיך!

און דער בולדאָג האָט, ריטשענדיק, זיך אַ וואָרף געטון אויף קיסליאַקאָוון מיט אַזאַ ווילדן כעס, אַז יענער האָט זיך נישט אויף קאַטאָוועס דערשראָקן און איז אפילו בלאַס געוואָרן. קיסליאַקאָוו האָט בכלל שטאַרק פיינט געהאַט דעמדאָזיקן כּלב און פון איצט אָן איז זיין שנאה און האַס צו אים נאָך שטאַרקער געוואָרן. קיסליאַקאָוו האָט זיך געפונען באַליידיקט, וואָס אַזאַ עקלהאַפט באַשעפעניש — אַ כּלב — האַלט זיך נישט פאַר מחויב און פאַר נייטיק אים צו אָנערקענען פאַר זיין באַלעבאָס און וואַרפט זיך אויף אים מיט אַ בילעריי ווי אויף אַ פרעמדן.

היות דאָס גאַנצע צימער איז געווען פאַרנומען מיטן פאַנאַנדערגערוקטן טיש, און אַלע שטולן, וועלכע מ׳האָט נאָר פאַרמאָגט — הויכע, נידעריקע, מיט פאַרשידענע אָנלענס — זענען געווען צוגעשטעלט צום טיש — איז די געסט אויסגעקומען זיך צוזוויפצופרעסן און זיך געפינען אין אַ שטאַרקער ענגשאַפט און טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן זיך אין אַזאַ ענגשאַפט געפילט זייער נישט גוט, איז זיי נאָך אויסגעקומען צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי זענען גאַנץ פריילעך, אַז זיי פילן זיך דאָ גאַנץ גוט, אַז זיי איילן זיך נישט צום טיש און לייגן גאַנץ ווינציק אַכט אויף די מאכלים און משקאות, וואָס מען וועט באַלד דערלאַנגען.

יעלענע וויקטאָראָוונע איז ממש געקראָכן פון דער הויט און זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן דאָס געשפּרעך צו מאַכן וואָס לעבהאַפטער און אינטערעסאַנטער. דער עולם האָט טאַקע אַ דאַנק אירע דאָזיקע באַמיונגען, געלאַכט איבערגעטריבן לעבהאַפט, שוין צופיל און נישט אויפריכטיק, ביי יעדער נישט אויפריכטיקער קלוגער פראַזע, פרויען האָבן איבערגעטריבן פאַרחידושט, מיט אַ געמאַכטער באַוועגונג אויפגעהויבן זייערע צוגעפאַרבטע ווייעס און ברעמען, ווי מען וואָלט זיי געזאָגט מי־ידוע וואָס פאַר אַ חכמה אָדער זיי דערציילט מי־ידוע וואָס פאַר אַ וויכטיק נייעס.

נאָר וואָס מער יעלענע וויקטאָראָוונע איז געוואָרן לוסטיק און לעבעדיקער, אַלץ מער איז קיסליאַקאָוו געוואָרן נערוועזער און נידערגעשלאָגענע, ווייל ער האָט פיינט געהאַט זיין ווייב פאַר איר געמאַכטן אָנשטעל און אונטערגעפאַרבטע ווייעס און ברעמען.

— נו כ׳רעכן, אַז מ׳קאָן זיך שוין זעצן צום טיש — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע ענדלעך געמאָלדן, זעענדיק, אַז עס גייען איר אויס די לעצטע כוחות — אַנדריי איגנאַטעוויטש, כ׳בעט אייך אָט אַהער־צו צו, זעצט זיך מיינע הערן.

ווילנדיק דורכויס זיך צוזעצן ביים טיש צוזאַמען מיט די בראָנעטין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ליאַלקע, איז קיסליאַקאָוו געווען איינגאַנצן אַריינגעטון אינם דאָזיקן געדאַנק און זיך עפּעס מאָדנע אַ וואָרף געטון צו פאַרכאַפּן אַן אָרט נעבן איר, אַז אַלע האָבן אפילו אויף אים דערשראָקן זיך אומגעקוקט... צום טיש האָט ער זיך געזעצט איינער אַליין, פריער פאַר אַלע, ווען די געסט האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צונעמען פאַר די אָנלעגנס פון די שטולן, אויסקלייבנדיק זיך שעמעוודיק אַן אָרט ביים טיש.

ענדלעך האָבן זיך אַלע אַנידערגעזעצט. פון פאָרנט ביים שמאָלן טייל טיש, האָט זיך געזעצט די באַלעבאָסטע מיט אירע לאַקער־פאַרצויגענע האָר איבערן שטערן, מיט די אונטערגעפאַרבטע ווייעס און מיט די עלנבויגנס, וואָס זענען זיך ברייט פאַנאַנדערגעגאַנגען פונם גאָרסעט. האַרט נעבן איר האָט זיך געזעצט די מאַיעסטעטישע פריצישע פיגור פון אַנדריי איגנאַטעוויטש

מיט זיין פּראַכטפולער באָרד, אין א גראָען אַנצוג, מיט א ווייסער וועסט. אַקעגן איבער זיי איז געזעסן קיסליאַקאָוו, און האַרט נעבן אים די בראָנעטין וואָס האָט געהאַט אפּנים ווי אַ ליאַלקע.

אינדערלענג פון ביידע זייטן טיש האָבן זיך אויסגעזעצט די איבעריקע געסט.

און די מומע איז טאַקע געבליבן זיצן פון יענער זייט שפּאַניש-ווענטל, ווייל זי האָט דורכגעלאָזט דעם מאָמענט, אַרויסצוגיין פון דאָרט, ווען עס זענען אָנגעקומען די געסט. און איצט איז געווען נישט באַקוועם זיך צו באַווייזן פאַר זיי און דערצו איז נישט געווען צוליב וואָס: זעצן זיך איז סיי-ווי נישט געווען ווו.

פאר די צוויי אומגעבעטענע געסט האָט מען אַוועקגעשטעלט נידעריקע בענקלעך און זייערע קעפּ האָבן אַזויאַרום קוים דערגרייכט צום טיש-קאַנט איין קאָפּ א געגאָלטער, דער אַנדערער אַ שרעקלעך צעשויבערטער.

דער בולדאָג-הונט איז די גאַנצע צייט געזעסן נישט אָפּטרעטנדיק פון דאָזיקן אויף קיין רגע, און געקוקט מיט איין אויג דאָ אויף אים און דאָ אויף די באַלעבאָסטע — וואַרטנדיק אפּנים אויף א סיגנאַל ווען זיך א וואָרף צו טון אויפן גאַסט און זיך אָננעמען פאַר די באַלעבאָסטע.

איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין אַלקאָהאָל-משקאות. נאָר היינט האָט ער באַשלאָסן יאָ צו טרינקען, דאָס צו טון, האָט ער געהאַט דריי סיבות: אַבי צו פאַרטייבן און צו דערשטיקן אינם קאָפּ זיינעם דעם געדאַנק וועגן דער לאַבאָריזאַציע אין מוזיי, ד. ה. וועגן זיין אומקומען און אונטערגאַנג, דערנאָך איז געגאַנגען די שווערע דעראינערונג וועגן דער קוויטאַנציע פון דער טעלעגראַף-סטאַציע, און ענדלעך כדי צו זיין דרייסטער מיט זיין שכנטע, די בראָנעטין מיטן ליאַלקע-פּנימל.

גוס׳עוו, איינבייגנדיק זיך ביזן העלפט טיש מיט זיין לאַנגער פיגור, האָט אָנגעגאָסן די דאַמען משקא אין די קעלישקעלעך און הויך געלאַכט, אַזוי, אַז די שכנים האָבן געקאָנט טיי-

נען, אַז דאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַן אָרגיע. דאָס האָט גע-
ווילדט און געריצט קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט געטראַכט וועגן
דעם, אַז די מיעשטשאַנקע פון יענער זייט וואַנט האָט מכתּמא
שוין צוגעטוליעט און צוגעלייגט די אויערן צום טאַפּעט און
הערט זיך אונטער, וואָס מען רעדט דאָ. נישט אומזיסט איז ביי
איר דאָרט אַזאַ שטילקייט.

אַלע דאַמען האָבן געטרונקען שנאַפּס און אפילו די פּופּן-
בראָנעטין, ווען קיסליאַקאָוו האָט מיט אַ שטומער פראַגע אויפ-
געהויבן איבער איר קעלישעקל די קאַראַפקע, האָט אים מיט אַ
שמייכל פון אַ מיינונגס-געגנאָסן אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ אַלס
צייכן, אַז זי איז אויך גרייט צו טרינקען און ער מעג אָנגיסן.

— מיר וועלן זיך, דאַכט זיך, איינער דעם אַנדערן פאַר-
שטיין, — האָט איר אינדערשטיל קיסליאַקאָוו געזאָגט און זי
האָט צו אים אינטים איינגעבויגן דעם קאָפּ, אַבי צו הערן, וואָס
ער רעדט, דערנאָך האָט זי אויף אים אַ קוק געטון, אַ שמייכל
טוענדיק בלויז צו אים איינעם אַלס צייכן, אַז זיי זענען ביידע
מענטשן פון איינע און דיזעלבע שטימונגען.

קיסליאַקאָוו האָט טאַקע באַלד אוועקגעשטעלט זיין פוס
אונטערן טיש אַזוי, אַז ער זאָל נאָר קוים-קוים זיך אָנרירן אָן
דער שכנטעס קליידל און נאָר אין זעלטענע מאָמענטן, ביי אַ
שטאַרקער באַוועגונג בעת אַ צובייסעכץ האָט דער פוס זיך שוין
אָנגערירט נישט נאָר אָן איר קליידל נאָר שוין אָן איר לייב
אויך. אויף אַזאַ אופן אָפּטוענדיק דאָס, אַז ס'איז שווער געווען צו
פאַרשטיין, צו ער רירט זיך יאָ אָן אָן איר, צו נישט...

— אַלזאָ חבר! — האָט גוסיעוו געזאָגט, אויפהייבנדיק
דאָס קעלישעקל מיט אַ סעמינאַריש-עלעגאַנטן זשעסט און באַ-
קוקנדיק אַלעמען מיט אַ האַלבער פאַרבייגונג.

אַלע האָבן לוסטיק און לעבעדיק אויפגעהויבן זייערע קע-
לישקעלעך און מיט אַ שמייכל אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן,
וואַרטנדיק אויף אַ טאָאַסט.

— טייערע באַלעבאַטים, דערלויבט מיר אייך צו באַגריסן
דערפאַר, וואָס איר האָט אונדז פאַראייניקט און מיר קאָנען אויף-

עטלעכע שעה אינגאַנצן פאַרגעסן אַלע אונדזערע אומאַנגע־נעמלעכקייטן, דעם עול און אַלץ וואָס מאַכט שווער אונדזער געמיט. איר לעבט נישט גרויסאַרטיק — געוויס פונקט אַזוי, ווי אַלע, וואָס זענען דאָ אַנוועזנדיק (ער האָט ווידער מיט אַ שפּאָ־טישער פאַרנייגונג איבערגעשפּרייזט איבער אַלעמען מיט זיין בליק). — אין נחת תיבה. מיר וואָלט זיך געוואָלט ווינטשן...

— רעדט שטילער, — האָט קיסליאַקאָוו זיך אָפּגערופן רויט ווערנדיק — ווייל פון יענער זייט וואַנט הערט מען אַלץ וואָס רעדט דאָ.

גוסיעוו האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט אויף דער וואַנט זיך פאַרקרעקט אינמיטן דערינען אין פאַרשוויגן געוואָרן.

אַ קול פון אַ שור־הבר, ער שרייט אַזוי, אַז אין אַלע צימערן קאָן מען הערן, וואָס ער רעדט — האָט זיך קיסליאַ־קאָוו געטראַכט טרויקנדיק לחיים צו דער ליאַלקע־בראָנעטין און געקוקט אויף איר בשעת־מעשה מיט אַ בליק, וועלכער האָט איר אויף שטום־לשון געזאָגט, אַז זי איז אַ ווונדערבאַרע פרוי.

ווען די צענדליקע הענט האָבן זיך אָנגעהויבן ציען נאָך די צובייסעכצן, האָט דער אָנגעבלאָזענער גאַלאַכאָוו געלויבט די באַלעבאָסטע דערפאַר, וואָס ביי איר איז פאַראַן אַזויפיל ווייס ברויט ביים טיש און וואָס דאָס ברויט איז אַזאַ גוטס. יעלענע וויקטאָראָווּנע האָט באַמערקט, אַז דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקען דער מומען, וועלכע איז היינט אָוועקגעגאַנגען פינף אַזייגער באַגינען זיך שטעלן אין דער ריי און אַ דאַנק דעם באַקומען אַזאַ גוט ברויט.

באַלד איז אַוועק דאָס געשפּרעך מיט אַ באַזונדער לעבּ־האַפטיקייט, נאָר שוין מיט אָראָפּגעלאָזענע שטימען — כמעט אין דער שטיל — וועגן דעם ענין פון אַפּראָוויזאַציע. דערנאָך האָט מען אויך באַרירט די לאַגע פון די פּויערים; דערנאָך האָט מען, אַראָפּלאָזנדיק די שטימען ביז דער לעצטער מדרגה, באַ־רירט די פראַגע וועגן דער אויפבוי־אַרבעט און גערעדט אויף דער טעמע „מיר וועלן דעריאָגן און איבעריאָגן” און צוזאַמען מיט דעם, אויך וועגן דעם מאַרטירער־וועג פון דער רוסישער

אינטעליגענץ. וועגן דעם האָט מען שוין גערעדט אַזוי שטיל, אַז אַלע אָנוועזנדיקע איז אויסגעקומען זיך איינצובייגן מיט די קעפּ איבערן סאַמען טיש, כּדי צו הערן, — אַזוי אַז מ'האָט געקאָנט, צוקוקנדיק זיך פון דער זייט, מיינען, אַז זיי זענען פאַרנומען מיט ספּיריטיזם. דעריבער האָט קיסליאַקאָוו געמאַכט די מאַנספּערשוינען אַ צייכן, זיי זאָלן זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין ווערטער וועגן דער לאַגע אין מוזיי.

— ווי אַזוי־זשע קאָן מען פלאַמען מיט התלהבות און אַרבעטן שעפעריש, — האָט אַנדריי איגנאַטיטש שעפּטשענדיק באַמערקט, — ווען אַלע ווענדונגען פון דער מאַכט זענען צו די אַרבעטער, אַז אַלץ ווערט געטון בלויז פאַר די אַרבעטער און אויף אונדז לייגט מען קיין שום אַכט נישט–פונקט ווי מיר וואָלטן גאָרנישט עקזיסטירט אויף דער וועלט. וואָס־זשע, מיר זענען שוין באַגראָבן, חלילה, צי גאָר מתים? אונדז צוו.ינגט מען נאָר צו אַרבעטן אָן שום האָפענונג אויף דער צוקונפט אַרבעטן קאָן מען צווינגען אָבער שאַפן — לא מיט אַן אַלף.

קיסליאַקאָוו האָט אַלץ צוגעגאָסן די שכנטע אין קע־לישקל אַריין זי האָט, רויט ווערנדיק געפּינטלט מיט אירע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן אַלץ אָפטער און אָנגענעמער.

זיין פוס אונטערן טיש איז שוין געווען האַרט ביי איר פוס און זי האָט עס אים דערלויבט. ער האָט דאַכט זיך, אַנטייל גענומען מיט זיין גאַנצער נשמה אינם געשפּרעך און זיך צו־געהערט צו אים מיט דער לעבהאַפטסטער אויפמערקזאַמקייט, זיין גאַמבע האָט, כּמעט באַרירט דעם טיש און אין דער זעל־בער צייט איז ער איינגאַנצן געווען קאָנצענטרירט אויפן אומ־געריכטן ראָמאַן זיינעם מיט דער בראָנעטקע, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ ליאַלקע.

ער האָט אפילו, כּדי צו דערווייזן, אַז ער אינטערעסירט זיך מיטן געשפּרעך, באַמערקט וועגן דעם געדאַנק, וואָס אַנדריי איגנאַטיעוויטש, האָט אַרויסגעזאָגט, אַז מ'קאָן נישט ווען עס איז צווינגען שאַפן:

— פאַראַן אַ פראַנצויזיש שפּריכוואָרט: „דעם אייזל קאָן

מע ברענגען צום וואַסער, אָבער טרינקען — קאָן מען אים נישט צווינגען...

ער איז אָבער באַלד, רויט ווערנדיק פון מורא פאַרשוויגן געוואָרן, ווייל גוסיעוו, וואָס איז געזעסן זייטיק פון אים, אויס־ציענדיק זיך נאָך דער קאַראַפּקע, האָט אים א שטויס געטון אין פוס. צי האָט עס גוסיעוו געטון אומגערן, אָדער אַלס גוטער פריינד, אים געגעבן דערמיט אַן התראה ער זאָל נישט ריידן קיין איבעריקס און בעסער זיין פאָרזיכטיק אין אַנוועזנהייט פון געוויסע מענטשן — איז נישט באַוווסט געוועזן.

— און אָט האָט איר דעם רעזולטאַט, — האָט אַנדריי איגנאַטיעוויטש געזאָגט, פאַרחידושט א קוק טוענדיק אויפן באַ־לעבאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן רעדן,— אָט האָט איר דעם רעזולטאַט: אַלע מאַכן מיר אַן אָנשטעל, אז מיר טוען עפּעס און איינדערמאַמתן טוען מיר גאָרנישט, הגם מיר זענען באַשעפטיקט פון איינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

יעדער קלערט זיך אזוי: „כ'וועל טון פונקט אזוי פיל, וויפיל מ'קאָן טון, כדי נישט ארייננצופאַלן אין טורמע. פון דעם נעמט זיך די גלייכגילטיקייט ביים גרעסטן רוב פון דער אינ־טעליגענץ צו אַלץ אין דער וועלט.

כדי צו ריידן שטילער, האָט ער זיך אזוי נידעריק איינגעבויגן איבערן טיש, אז זיין באָרד האָט זיך אָנגערירט מיט איר שפּיצל אָן דעם מאַרינאַד פון קרעפּסן-העלדזלעך, וואָס איז געווען ביי אים אין טעלער. יעלענע וויקטאָראָווגע האָט עס געזען און נישט געוווסט, ווי אזוי אים צו זאָגן, אז ער זאָל זיך נישט איינבייגן אזוי נידעריק.

— און דער עיקר — א פולע מאָראַלישע צעפאַלונג — האָט זי געזאָגט און דעצידירנדיק זיך ענדלעך, אפּגעריקט דעם טעלער פון אנדריי איגנאַטיעוויטשס באָרד. — צייטנווייז נעמט דיך אָן א שווער געפיל און דו פרעגסט זיך, וואָס איז דאָס געוואָרן מיט די מענטשן, וועלכע זענען נאָך מיט א קורצער צייט צוריק געווען פול מיט ווירדע, איידלקייט און געהאַט אזא פאַרשטענדיש פאַר ערע. איצט איז דאָס אַלץ אַוועק. — האָט זי

מעט אויסגעשריגן פאַרנדיק זיך און איילנדיק זיך. און פון אזא קאָכן זיך האָט בײַ איר די ברוסט שוין דערגרייכט צו דער סאַמער גאָמבע: — יעדער טראַכט גאָר, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין אייגענע פעל.

— ריכטיק, גאַנץ ריכטיק! — האָבן זיך דערהערט קולות.

און יעלענע וויקטאָראָווגע, דערמוטיקט, וואָס אַלע זענען מסכים מיט איר און פילן מיט איר מיט, האָט פאָרגעזעצט:

— צי איז דען עפּעס געבליבן פונם אַמאָליקן אידעאַליזם, צי איז דען געבליבן כאָטש אַ שאָטן פון דער אַמאָליקער ריינערלעכקייט און מוטיקייט, ווען מענטשן האָבן אָפן און דרייסט דערקלערט זייערע איבערצייגונגען, געגלייבט אין זייער אידייע און זי נישט אַוועקגעוואָרפן, וואָס מיט זיי זאָל נישט געשען. און באַזונדערס די מאַנספּערשוינען — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע ווייטער גערעדט אָפּרוקנדיק פון זיך, אין איר באַגייסטערונג די קעלישקעלעך — אַצינד, בעת דער מאַכט!..

פלוצלינג האָט אין ווייטן ווינקל פון צימער עמעץ איינהאַלטנדיק זיך אַ ניס געטון, צוקוועטשנדיק צום קישן די נאָז און דאָס מויל, כדי מ׳זאָל נישט הערן דאָס ניסן. אַלע האָבן אַ ציטער געטון און זיך איבערגעקוקט צווישן זיך.

דאָס האָט די מומע, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון איר געוויינטלעכע אָוונט-קרענק, אַ ניס געטון. אָבער זי האָט גערדאַרפט אַ ביסל זיך דורכגיין.

יעלענע וויקטאָראָווגע, וואָס האָט אַליין אויף אַ צייט פאַרגעסן, אַז ס׳איז דאָ אַ מומע אויף דער וועלט האָט באַלד די געסט דערקלערט:

— דאָס איז די מומע, זי איז נישט געזונט און ליגט אַלץ אין בעט.

די אומגעבעטענע געסט האָבן פאַרן גאַנצן אָוונט נאָך נישט ארויסגערעדט קיין איין וואָרט. און האָבן נאָר שווייגנדיק געשמאַק אריינגעלייגט אין זיך פון אַלעם, וואָס מ׳האָט דאָ דערלאַנגט צום טיש, פּונקט ווי דער איינציקער צוועק פון זייער קומען אַהער איז געווען זיך גוט אָנצועסן.

ווען יעלענע וויקטאָראָווגע, האָט לויבנדיק זייער אַפּעטיט און ברענגענדיק עס אַלס ביישפּיל די איבעריקע געסט, האַלב־איראָניש יענע צוויי געסט פאַרגעלייגט יעדן נאָך אַ שטיקל אינדיק, האָבן זיי, שווייגנדיק (ווייל די מיילער זייערע זענען געווען פאַרנומען מיט קייען) אונטערגעשטעלט די טעלער און דעם צוגאָב באַלד אַריינגעפּאַקט אין זיך.

— די פרויען זענען אויך געוואָרן גאָר אַנדערע — האָט גוסיעוו באַמערקט צעלאַכנדיק זיך עפּעס דערביי — איך קאָן איין אָנשטענדיקע פרוי פון זייער אַן אינטעליגענטער פאַמיליע. זי רעדט אויף דריי שפּראַכן. איר האָט דער מאַן אַוועקגעוואָרפן איבערלאָזנדיק זי אין אַנדערע אומשטענדן. לויט אַן איינלאַדונג פון אירס אַ באַקאַנטן, איז זי מיט אים מיטגעפאָרן אין טעאַטער, און איצט, ווען ביי איר איז געבוירן געוואָרן דאָס קינד, האָט זי אָנגעגעבן אין געריכט אויף דעמדאָזיקן באַקאַנטן אירן, דערקלערנדיק, אַז ער האָט אויסגענוצט איר שוואַכקייט בעת זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון טעאַטער, און זי פאָדערט עלימענטן.

— יאָ, דאָס איז שרעקלעך. — האָבן זיך אָפּגערופן עס עטלעכע שטימען.

קיסליאַקאָוו האָט פאָרזיכטיק פון דער זייט אַ קוק געטון אויף זיין שכנה און נישט צו וויסן אַליין פאַר וואָס, אַוועקגענומען זיין פוס פון אירן.

זי, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקן עטלעכע קעליש־קעלעך בראָנפן, כסדר, טראָץ די נישט צופרידענע בליקן פון איר אָנגעבלאָזענעם מאַן, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ נזיר; האט אַ קוק געטון נישט מיט קיין האַרטן בליק און זיך צעשמייכלט, קוקנדיק פאַר זיך אויפן טיש. פּונקט ווי ביי איר וואָלט זיך אַלץ געטאָפּלט פאַר די אויגן און זי האָט זיך פאַרנומען מיט אַן אָבסערוואַציע פון איר אייגענעם צושטאַנד.

— כ'האָב שוין געזאָגט מיין מאַן, — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע זיך אָפּגערופן — אַז ער וועט מיך פאַרלאָזן, וועל איך פון אים אַוועק, נישט אָנווערנדיק די פולע ווירדע פון אַ

פרוי אן שום טענות און מענות צו אים, ער ווייסט פון מיר
נישט הערן קיין איינציקן פאָרוואורף, איך וועל דורך ניי-אַרבעט
פאַרדינען מיין ברויט, כ'וועל ליידן הונגער, אָבער כ'וועל ביי
אים נישט נעמען קיין קאָפּיקע, קיין איין שטול פון אונדזער
מעבלווארג.

— מיר וועלן באַלד קומען צו אייך מיט באַשטעלונגען
אויף ניי-אַרבעט, האָבן די דאַמען אַלע מיטאַמאָל זיך צעטענהט
און אַגב געטרונקען צו איר לחיים.

ווען מ'האָט דערלאַנגט דעם וויין, האָט דאָס געשפּרעך
שוין אויפגעהערט צו זיין איינהייטלעך. אין דער עולם האָט אָנ-
געהויבן ריידן אויף פאַרשידענע טעמעס. אַלע האָבן גערעדט
מיטאַמאָל, געלאַכט, פאַרגאָסן ווייַן אויפן טישטוך און מיטגע-
וואלט געצויגן זייערע דאַמען צו טרינקען.

קיסליאַקאָוו האָט געפילט אַן אויסערגעוויינטלעכע הייטער-
קייט. ער האָט געלאַכט פון יעדן וואָרט, וואָס יעדער, אפילו
ער גופא, האָט אַרויסגערעדט. די שווערע שטימונג, די צערייצט-
קייט קעגן זיין פרוי, און די גאַנצע אומגעשיקטקייט זענען
מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז עפּעס יעדע מינוט צו-
געגאַנגען צום שפּיגל-שאַנק און געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין
שפּיגל. די געשווירענע האָר זיינע, וואָס זענען געווען פאַרקעמט
און צוגעגלעט אַהינטער-צו, האָבן זיך צעשויבערט, די אויגן
האָבן אים נישט געפאָלגט. און פון דעם אַליין איז אויך גע-
ווען גאַנץ פריילעך. ער איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן
געווען אין אַ צושטאַנד פון אַזאַ פאַרשיכורונג.

זיין שכנטע האָט צופיל געטרונקען און זי האָט זיך דער-
פילט נישט גוט. יעלענע וויקטאָראָוונע האָט זי אַריינגעפירט
אין וואַנע-צימער און אַלע פאַרשוינען האָבן זיך אויך אַלאַז גע-
טון אַהין. עמעץ האָט געזאָגט, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז גוט
צו געבן צו שמעקן מושטאַרדע*)

היות ווי די קעפּ האָבן ביי אַלעמען געאַרבעט שלעכט

---

*) זענעפט.

און די הענט האָבן קיינעם נישט געפאָלגט, האט מען די גע־ליטענע אויסגעשמירט אינגאַנצן מיט מושטאַרדע. דערנאָך האָט דער עולם זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט עפּעס אַן אַנדער „אַטראַקציע", מען האָט זיך אַ לאָז געטון אין קאָרידאָר אַריין און אין אַ פּאָר מינוט אַרום צוריק אַריינגעקומען אין צימער אַריין... קיסליאַקאָוו האָט דאָס אַלץ מיטגעמאַכט און דערנאָך צוריק אַריין אין וואַנע־צימער.

די פּופּען־דאַמע, פאַרלאָזן פון אַלעמען, איז געשטאַנען אָנ־לענענדיק זיך אָן דער וואַנט. ביי איר האָט געטאָרטשעט אַרויף אַ בינטל האָר. און דאָס גאַנצע פּנים איז געווען אויסגעשמירט אין מושטאַרדע. קיסליאַקאָוו האָט זי אַ נעם געטון פאַר דער האַנט. זי האָט אים מיט גאָרנישט געענטפערט, אירע אויגן זע־נען געווען פאַרמאַכט. דאַן האָט ער, אומקוקנדיק זיך מיט פאַר־זשמורעדיקע אויגן אויף דער טיר, זי אַרומגענומען און אָנגע־הויבן זי צו קושן און זיך צו טולען צו איר, האַלטנדיק, אַז געפינענדיק זיך אין אַזאַ צושטאַנד, וועט זי מאָרגן געוויס שוין גאָרנישט געדענקען, וואָס עס קומט איצט פאָר מיט איר.

דערנאָך האָט ער איר צוגעדרוקט האַרטער צום ווינקל און איז אויך פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען.

ער איז געגאַנגען איבערן קאָרידאָר און צו זיך אַליין גערעדט:

— גאָט אין הימל... ווי טיף מיר זענען געפאַלן... לאָז זיין אַזוי... איצט איז שוין אַלצאיינס.

און ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר־וואָס אים שווענדזשעט די שפּיץ נאָז.

די געסט זענען אוועק כאור, ווען מ'האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען דעם גאַנצן וויין.

נאָכן אוועקגיין פון די געסט איז קיסליאַקאָוו צוגעגאַנגען צו דער פרוי און איר געזאָגט:

— איך האָב געמאַכט אַ שוויג וועגן דער טעלעגראַמע, ווייל ווען איך וואָלט דיר וועגן דעם יאָ געהאַט דערציילט, וואָלסטו געוויס געזאָגט: וואָס איז דאָס מיט דיר פאַרע איילע־

ביש. צוואָס האָסטו געדאַרפט אויסגעבן געלט אויף אַ טעלע־גראַמע, האָסט נישט געקאָנט אָנשרייבן קיין בריוו?

— ס'אַרע נאַר דו ביסט — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע זיך אָפּגערופן — און איך האָב שוין געמיינט, אַז אין אונדזער לעבן האָט זיך אַריינגעגנבעט ליגן.

און דאָ האָט זי זיך דערמאָנט, אַז די מומע איז די גאַנצע צייט פונעם אָוונטברויט געזעסן פון יענער זייט שפּאַניש װענטל.

IX

ווען איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט זיך צו מאָרגנס אויפגע־כאַפּט פון שלאָף, האָט ער דערפילט, אַז די גאַנצע התרוממות, די שיינע דערהויבענע שטימונג, וועלכע ער האָט נעכטן איבער־געלעבט, איז אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן און אָנשטאָט דעם איז ביי אים אָנטשטאַנען נאָך אַ גרעסערע עמפּינדונג פון עפּעס ביטערע פאָרגעפילן, וואָס האָבן אים שטאַרק געפּייניקט און געמאַטערט.

אין די דאָזיקע פאָרגעפילן איז נישט געווען קיין שום מיסטישעס, ווייל זיי האָבן געהאַט אינגאַנצן אַ שייכות צו דער פאָרשטייענדיקער פאַרזאַמלונג פון מוזיי.

אין דרויסן איז געווען אַ גראָער, כמורגער טאָג, פאַר די אויגן האָט עפּעס וואָס אַזוי נישט אָנגענעם שעמירירט און דאָס האַרץ עפּעס האָט אַזוי זיס געקלעמט...

ווען קיסליאַקאָוו איז געגאַנגען אין וואַנע־צימער, כדי צו שטעלן זיך דער דריטער אין דער ריי האָט ער דערהערט אין קיך אַ „פראַגמענט" פון אַ געשפּרעך, גערעדט האָט דעם שלאָסערס ווייב.

— ... ס׳וואָלט געווען ווינשנסווערט צו וויסן, פון וואָסערע קוועלן ?...

— איצט פרעגט מען נישט וועגן קוועלן,—האָט איר גע־ענטפערט אין זעלבן טאָן די מיעשטשאַנקע.

קיסליאַקאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט מען וועגן

דער נעכטיקער סעודה ביי אים און מען באהאנדלט זי אלזייטיק־ זיין הארץ האט דערביי שטארק א שפרונג טוענדיק ערגעץ דורכגעלאזן מיטאמאל צוויי טאקטן.

קיסליאקאוו האט מיטאמאל דערפילט א שארפע באדערפעניש זיך צו קלאגן פאר עמיצן און אפצורעדן זיין ביטער הארץ. ער האט זיך געזעצט און אנגעשריבן א בריוו צו ארקאדיען:

„דיין קומען צו פארן קיין מאסקווע פריידט מיך אן א שיעור. אין איצטיקער שווערער פינצטערער צייט נייטיקט מען זיך אין א גוטן פריינט מער ווי ווען עס איז, ד.ה. א מענטשן וועלכן מ'קאן אלץ דערציילן, אלץ זאגן, ווייל אין דער נשמה און אויפן הארצן ליגט ווי א טויטע משא דאס, וואס האט נישט קיין רעכט זיך צו באווייזן פאר דער ליכטיקער, ווייסער וועלט. דיינע ווערטער „וועגן גלויבן" האבן נעטראפן אויפן סאמען קראנקן ארט. דאס איז מיין טראגעדיע און זי באשטייט אין דעם, וואס מיין ע נ י ן האב איך פארלאזן און בין פון דעם אוועק אין אז דער פרעמדער עלעמענט גיט נישט קיין אנרעגונג צום שאפן — אבי נאר צו ע ק ז י ס ט י ר ן. אבער אן גלויבן קאן מען נישט לעבן; כ'שטרענג אן אלע מיינע כחות כדי צו האבן אמונה. און אין דער זעלבער צייט פאלט מיר איין א געדאנק, מעגלעך, אז די דאזיקע אמונה איז פאר מיר נישט קיין אמונה, נאר א בגידה. און ווידער קומט פאר א טיילונג אין צווייען און דער פועל־יוצא דערפון, די לעצטע שורה איז — פוסטקייט. פון דער זייט זעט מען נאר, אז איך בין אן אויסגעצייכנטער ארבעטער. נאר יענע ארבעט, וואס איך טו, איז מיין טעפל לינזן, פאר וועלכן איך האב פארקויפט מיין נשמה. כ'ווארט אויף דיר מיט אומגעדולד"

ווען קיסליאקאוו וואלט געוווסט, אז אין אנדערטהאלבן חדשים ארום, נאך דער דראמע פונם 1־טן אקטאבער, וועט דער דאזיקער בריוו זיינער זיין אין די הענט פונם אויספארשונגס־ריכטער וואלט ער דעם בריוו געוויס נישט אנגעשריבן.

און ווען ער איז געגאנגען איבער דער גאס, וואס איז געווען נאס פון רעגן (דא קאן מען שוין נישט זיין אן א טאלי־

טאָ, איז אים אַלץ אויסגעקומען אַזוי שרעקלעך, אַלץ איז אים געווען אַזוי דערווידער און עקלהאַפט, אַז ער האָט אויף קיין זאַך זיך נישט געוואָלט אומקוקן.

ס׳גייט אַ טראַמוואַי, וועלכער איז אינגאַנצן איבערפולט מיט מענטשן, צונויפגעקאָרטשעטע פון פייכטקייט. פון דאַך רינט אַראָפּ דאָס רעגנוואַסער, פּאַנאַנדערשפּריצנדיק די בלאָטע און אונטערשפּרינגענדיק אויף די גריבער פון ברוק. ס׳טראָגט זיך שנעל אַן אויטאָמאָביל מיט אַן איבערדעק פון ברעזענט. די ביימער אויפן בולוואַר, וועלכע האָבן נאָך נעכטן געבלאַנקט אויף דער בולטער אויגוסט-[illegible]ון, שטייען איצט מיט כמורנע אַראָפּגעהאָנגענע נאַסע צווייגן און פון זיי פּאַלן אַראָפּ האַרבסט-טראָפּן אויפן זאַמד פון דער אַלייע, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט וואַסער.

ביים פּאַראַדן-אַריינגאַנג שטייט, ציטערנדיק פון פייכקייט אין דער ערשטער קעלט, אַ נאַסער אָפּגעקראָכענער הונט — אַ לעבעדיקע פּאַרקערפּערונג פונם אכזריות און אומבארחמנותדי־קייט פון לעבן. און פונדעסטוועגן לעבט ער, דער הונט! צו־וואָס?

קיסליאַקאָוון האָט זיך, אין דערדאָזיקער שטימונג וואָס האָט אים באַהערשט, אויסגעוויזן, אַז ס׳וואָלט איצט געווען אַ וואונדערבאַרער תענוג און גליק, צו אַנטלויפן ערגעץ וווהין פון מענטשן, כּדי קיינעם נישט צו זען און צו לעבן מיטן אייגע־נעם אינערלעכן וועלטל. אים האָט זיך אפילו אויסגעוויזן, אַז ער פילט זיך אַזוי גוט און היימלעך פון אָט דעם געדאַנק.

פאַרשווונדן ווערן אַזוי, אַז אפילו זיין ווייב זאָל נישט וויסן, וווּ ער האָט זיך אהינגעטון. דאַן וואָלט זיך אין איר גע־וויס אַ ריר און אַ צאַפּל געטון די אַמאָליקע ליבע. יאָ, די אַמאָליקע... ער האָט פּלוצלינג זיך פאַרטראַכט איבער דעם, הלמאי זי האָט אים נישט געמאַכט קיין באַמערקונג וואָס אָנ־באַלאַנגט דער דאַמע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ליאַלקע, מיט וועלכער ער האָט פאַרבראַכט די גאַנצע צייט פון דער סעודה. אפשר האָט זי דערפילט, אַז ער שטייט אויפן ר אַ נ ד, אַז פון גרויס יאוש און נישט פון אינערלעכער באַנאַליטעט איז ער

אַזעלכער, ווי ער איז איצט. נאָר אַלצאיינס. גוט וואָלט געווען זי נישט צו זען, נישט צו זען קיינעם און צו בלייבן אינגאַנצן איינער אַליין, אַליין מיט דער אייגענער נשמה. דאַן, קאָן זיין, וועט קומען די אויסהיילונג.

און באַלד אָבער, דערזעענדיק דעם נומער פון טראַמוואַי, וועלכן ער איז געווען געוויינט צו זען, אויף די פּזשיסטאַנקעס נישט ווייט פון מוזיי, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אויף אים וואַרט אַ פאַרזאַמלונג, אַז זיין אַרבעט קאָן זיך דאָ ענדיקן און וואָס וועט דעמאָלט זיין?

X

פונם סאַמען אָנהייב פון דער רעוואָלוציע האָט די גאַנצע אַרבעט, וועלכע איז געווען מעגלעך אין דער נאָר-וואָס געבוירן געוואָרענער רעפּובליק, געקאָנט אײַנגעטיילט ווערן אויף דרײַ קאַטעגאָריעס.

פאַר יעדן רויקן, נישט קעמפעגדיקן אינטעליגענט איז די סאַמע נישט אָנגענעמע, די אַזוי צו זאָגן, דריטראַנגיקע אַרבעט געווען דאָרט, ווו מ'האָט געדאַרפט אַקטיוו דורכפירן די רעוואָלוציע, זי באַשיצן מיט געווער אין דער האַנט אויף די פראָנטן, אָדער ביים אַרײַנטרעטן אין דירעקטע באַרירונגען מיט די מאַסן, זיי שטאַרק באַגײַסטערן דורך פּראָפּאַגאַנדע, זיי פירן אין קאַמף אַרײַן קעגן דער אינערלעכער פײַנטלעכער מאַכט.

די צווייטע קאַטעגאָריע — אַזעלכע, וואָס מ'קאָן אָננעמען און אויף איר אײַנגיין — איז פאַרן אינטעלעגענט געווען דאָרט, ווו די מיטהילף פון דער רעוואָלוציע איז געווען נישט קיין דירעקטע און אַ פּאַסיווע, ווען ס'איז אויסגעקומען פּשוט דורכצופירן (אין נישט דורכפירן האָט מען נישט געקאָנט) די שטרענגקייט פון דער מאַכט, וואָס זענען געווענדט צו פאַרפעסטיקן דעם נײַעם רעזשים. די אויספירונגס-אַרבעט איז געווען אַ ריין מעכאַנישע, נישט פאַרבונדן מיט קיין שום געוואַלטאַט, — הייסט עס, אַזאַ אַרבעט, וואָס שטייט נישט אין קיין גרויסער סתירה מיטן קאָדעקס פון דער אינטעליגענטישער מאָראַל. אַזאַ מין אַרבעט איז געווען כמעט אין אַלע סאָוויעטישע אינסטיטוציעס,—

טעכנישע, קאָמונאַלע און באַנק-אינסטיטוציעס. און אפילו — אמת, נישט אינגאַנצן — אין די שטייערן-אינסטיטוציעס. דער מענטש אַרבעט אויף זיין פּאָסטן, פּשוט מחמת דעם, וואָס די רעוואָלוציע האָט אים געטראָפן אויף דעם פּאָסטן. אָבער ער באַגייט איבער יענעם נישט קיין געוואַלטאַט, נעמט נישט אָפּ קיין פאַרמעגן, זעצט קיינעם נישט איין אין טורמע, רופט נישט דורך וואָרט, טאַט אוןביישפּיל צו באַפעסטיקן די רעוואָלוציע, — מיט איין וואָרט, — ער פלייסט זיך נישט, קריכט נישט פון דער הויט. אדרבה, ער העלפט אפילו אויס די אייגענע מענטשן, ווען אויף זיין, דעם אינטעליגענטס אָרט, וואָלט געווען אַן אַרבעטער, וואָלט מען פון יענעם שוין געהאַט צו זינגען און צו זאָגן: ער וואָלט שוין נישט געשאַנעוועט און פאַרביטערט דאָס לעבן דורך זיין איבערגעטריבענער געטרייקייט דעם נייעם רעזשים.

אַזוי האָט געקאָנט זאָגן יעדער אינטעליגענט-אידעאַליסט, וואָס אַרבעט אין אַזעלכע אינסטיטוציעס.

און די אַרבעט איז געווען אַן ערשטראַנגיקע. אין אַלע הינזיכטן אַן ערשטראַנגיקע.

דאָס איז די אַרבעט, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער רעוואָלוציע דידאָזיקע אַרבעט האָט נישט מיטגעהאָלפן דער רעוואָלוציע נישט דירעקט און נישט אומדירעקט. צייטנווייז פלעגט זי איר אפילו כמעט ווידערשפּרעכן; נאָר אין דער זעלבער צייט איז זי געווען נישט נאָר לעגאַל, נאָר די רעוואָלוציאָנערע מאַכט האָט אַזאַ אַרבעט נאָך געשטיצט און אָפּגעהיטן.

אַזוי איז געווען די אַרבעט און אַזאַ כאַראַקטער האָט עס געהאַט אין די אינסטיטוציעס אויף אָפּצוהיטן די דענקמעלער פון קונסט און אַלטערטום.

די, וואָס זענען געווען טעטיק אין דידאָזיקע אַנשטאַלטן, האָבן געקאָנט שטאָלץ זיין אויף דעם, וואָס זיי האָבן לחלוטין נישט געאַרבעט קעגן זייער אינטעליגענטישן געוויסן, און נישט איינגעגאַנגען אויפן קלענסטן קאָמפּראָמיס מיט אָט דעם געוויסן,

נישט טריב געמאַכט די שאָטנס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, גע-
בליבן טריי די געטער און אָפּגעטער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט,
וועלכע האָט געוווּסט נאָר פֿון מאַרטירער פֿאַרן גרויסן אידעאַל
פֿון דער אַלגעמיינער גלייכהייט, פֿאַר די העכערע פּרינציפּן פֿון
גערעכטיקייט מיטן נישט אָנערקענען קיין שום געוואַלטאַט,
אויף וועלכן צד און מיט וואָס פֿאַר אַ צוועקן דאָס זאָל נישט
אָנגעווענדט ווערן. אַרבעטנדיק אין אַזעלכע אינסטיטוציעס, האָבן
די אינטעליגענטן דרייסט־זיך געקאָנט איבערנעמען און שטעלן
זיין, אַז וואָס שייך געוואַלטאַט, זענען זיי לגמרי ריין פֿון זינד
און זענען אַזעלכעס קיינמאָל נישט באַגאַנגען. און דעריבער,
נאַטירלעך, האָבן זיי מיט אַ געוויסער פֿאַראַכטונג געקוקט אויף
יענע, וועמען ס'איז אויסגעקומען צו נעמען אפֿילו נישט אַ די-
רעקטן אָנטייל אין געוואַלטאַטן פֿון דער מאַכט. בעת זיי, די
אינטעליגענטן־אידעאַליסטן פֿון אַלטן שניט, האָבן נישט נאָר צו
דעם נישט צוגעלייגט קיין האַנט, נאָר זיי האָבן נאָך געאַרבעט
אויף אָפּצוהיטן דאָס, וואָס די רעוואָלוציע האָט חרוב געמאַכט...

גאַנץ נאַטירלעך איז אויך, וואָס מ'האָט אין אַזעלכע אָנ-
שטאַלטן גענומען אַלס באַאַמטע הויפּטזעכלעך אַזעלכע מענטשן,
וועלכע דאָס אייגנטום איז געווען טייער, אַלס ליבעס־געשעפֿנ-
סטער פֿון אַמאָליקן לעבן. דער פּראָלעטאַריאַט האָט גאָר ווייניק
געפֿילט אַ צערטלעכקייט צו געשעפֿנסטער, האָט אין זיי, גאָר-
נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר געגלייבט אויפֿן וואָרט, אַז די געשעפֿנ-
סטער האָבן אַ רעכט אָפּגעהיט צוווערן, און האָט דעריבער
די ערשטע צייט געלאָזט דערמיט זיך פֿאַרנעמען יענע, וועמען
דאָס איז געפֿעלן געווען, וועלכע זענען געווען מבֿינים אויף
דעם. און אַליין האָט דער פּראָלעטאַריאַט פֿאַרנומען אַנדערע גע-
ביטן פֿון מלוכה־לעבן און אַזעלכע אַרבעטן, וועלכע זענען אים
געווען פֿאַרשטענדלעך.

דער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען, וואָס כּמעט אַלע אָנ-
דערע מלוכה־אינסטיטוציעס האָבן פֿון די ערשטע יאָרן פֿון דער
רעוואָלוציע אָן געפֿילט דאָס „אַריינדרונגען פֿון דער גאַס":
שווייצאַרן האָט מען אָפּגעשאַפֿט, אינטערעסאַנטן פֿלעגן אַריינגיין

אין דער אינסטיטוציע אין שמוציקע שטיוול און נאַסע פּאַלטאָס, זיי פלעגן וואַרפן אויף דער פּאָדלאָגע מונדשטיקן פון פּאַפּיראָסן און בכלל אַריינברענגען מיט זיך אין דער אינסטיטוציע אַ שטאַרקן חילול פון יענער הייליקער און קאָרעקטער שטילקייט, וועלכע פלעגט הערשן אין די רעגירונגס-אינסטיטוציעס פאַר דער רעוואָלוציע. און נאָר די אַנשטאַלטן אויף אָפּצוהיטן די דענק-מעלער פון אַלטערטום און קונסט זענען געבליבן אומבאַרירט, און נישט דערגרייכבאַר פאַר „דער גאַס" און זי איז אַהין נישט אַריינגעדרונגען.

אין גרויסן מוזיי, ווו איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט געאַרבעט האָט געהערשט די אַמאָליקע שטילקייט און ריינקייט ווי פון אַ קירך. געבליבן אומבאַרירט זענען די ווייכע קליינע טעפּיכער ביי די טירן פון אַריינגאַנג, געבליבן איז דער הדרת־פּנים־מדיקער מיושבדיקער שווייצאַר סערגיי איוואַנאָוויטש, פול מיט דרך-ארץ צו די העכערע באַאַמטע און אַ שטרענגער צו די נידעריקע באַאַמטע. די אַלטע קאָרעקטקייט, דאָס ווענדן זיך איינער צום אַנדערן אויף „איר", די העפלעכקייט פון די נידעריקע באַאַמטע און זייער גרייטקייט צו דינען די עלטערע זענען דאָ פאַרבליבן אומדערשיטערט. די טעכנישע אָנגעשטעלטע האָבן זיך באַצויגן מיט דרך-ארץ צום העכערן פּערסאָנאַל. און דער שווייצאַר סער-גיי איוואַנאָוויטש וואָלט קיינעם פון די מיטאַרבעטער נישט דער-לויבט, יענער זאָל אַליין, אָן זיין הילף, אָנטון דעם פּאַלטאָ, אָדער אויפהייבן דעם אַראָפּגעלאָזענעם פּאַראַסאָל אָדער פּאַציי-לעכל. ער איז פאַר די מיטאַרבעטער געווען ווי אַן אַם פון אַמאָליקע צייטן, ווען אין רוסלאַנד האָט נאָך געהערשט די „פּאַנשטשיזנע", יד. ה. ווען די פּויערים זענען נאָך געווען דאָס אייגנטום פון די פּריצים) און אויף אַלע אָנגעשטעלטע, די אייצטיקע, האָט ער געקוקט ווי אויף די זינדלעך פון זיין פּריץ, וועלכע נייטיקן זיך אין זיין, סערגיי איוואַנאָוויטשס השגחה, ווייל אַליין קאָנען זיי זיך נישט אָנטון ווי ס'געהער צו זיין און ח״צדעב וואָלט עס געווען נישט שיין ווען זיי וואָלטן זיך אָנגעטון אַליין: זיי וועלן זיך אָנטון און ער וועט שטיין

פאַרלייגט די הענט און זיך צוקוקן. אַ שיין פּנים וועט עס האָבן...

דירעקטאָר אין מוזיי איז די ערשטע צייט געווען אַן אייגענער מענטש — אַן אינטעליגענטער, ליבנסווערטיקער מאַן, אַמאָל געווען אַ גרויסער גוטבאַזיצער און אַן אַמאַטאָר פון אַל-טערטום. זיין אופן באַגיין זיך מיט די אָנגעשטעלטע איז געווען אַן עכט דזשענטעלמעניש, און האָט זיך סומך געווען אויפן פולן צוטרוי צו זיי. ער האָט דאָ אויך געקאָנט זיך האַלטן ווי אַן אמתער פריץ פון די אַדעליקע און ווען מ׳איז צוגעגאַנגען צו זיין זייער גרויסן קאַבינעט, איבער וועלכן עס זענען געווען אויסגע-שפּרייט טעפּיכער און ווו ס׳איז געשטאַנען מאַסיוו פייערלעך מעבל האָט מען געפילט אפילו אַ שטיקל פּחד. דאָסדאָזיקע פּחדנות איז אָבער פאַר אַ סך פון די אָנגעשטעלטע געווען אָנגענעם, אַלס אַזעלכעס, וואָס איז פאַרבליבן פון די אַמאָליקע צייטן, וועלכע זיי זענען באַרופן דאָ אָפּצוהיטן.

אַסך פון די, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, איז די רעוואָ-לוציע אפילו געפעלן. זיי האָבן זיך שוין לאַנג צוגעוויינט צו די נייע לעבנס-פאָרמען, וואָס די רעוואָלוציע האָט מיט זיך געבראַכט, געוואָרן באַפריינדעט מיט די העכערע פאָרשטייער פון דער מאַכט. די לעצטע האָט אַ סך פון זיי געשעצט און געאַכט פאַר די אַמאָליקע פאַרדינסטן זייערע און אויך דערפאַר, וואָס זיי האָבן די ערשטע אויסגעשטרעקט די האַנט דעם נייעם רעזשים און אים אָנגענומען.

אַלע האָבן זיך געפילט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און הגם צייטנווייז פלעגט אויסקומען מאָדנע, וואָס אין אַלע אויפרופן פלעט די מאַכט זיך ווענדן נאָר צו די אַרבעטער און אָן זיי. די ינטעליגענטן פלעגט מען גאָר פאַרגעסן, פלעגט מען דאָך אויף דעם קוקן ווי אויף אַ נייטיקע פאָרמאַליטעט אין דער ניי-ער לוכה-אָרדנונג. סוף-כּל-סוף האָבן דאָך די העכערע פאָרשטייער פון דער מאַכט געטרונקען טיי מיט זיי און נישט מיט די אַר-בעטער. און ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז וואָס פאַר אַ רעוואָ-לוציע מען זאָל נישט מאַכן, וועט די אינטעליגענץ, אַלס זאַלץ

פון דער ערד, אַלס מענטשן פון ערשטסאָרטיקן מאַרך און וויסן, שטענדיק פאַרנעמען דעם אויבן־אָן און דאָס העכסטע אָרט.

און ביי זיי האָט אינם משך פון דער צייט זיך געבילדעט אַן אייגנאַרטיקע צערטלעכקייט צו דעם מאַכט, וועלכע האָט לכתחילה זיך אויסגעוויזן אין זייער אָנגעשראָקענער פאַנטאַזיע אַ רויבערישע און לסוף געהאַט אַ פּנים אַז דאָרט, ביי דער נייער מאַכט זענען אויך פאַראַן גאַנץ ווילע און זייער אינטעליגענטע לייט.

דער צענטראַלער מוזיי איז געווען אַ מין אינזל, וועלכן ס'האָבן נישט פאַרגאַסן די כוואַליעס פון מאָדערנישקייט. און ס'איז געווען אַזאַ צייט, ווען די מאַכט האָט געלעבט בשלום מיט אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, ווען מ'האָט קיינעם נישט באַזונדערס געטשעפּעט און געלאָזט צורו אַזוי, אַז מ'האָט געקאָנט זיצן אויפן דאָזיקן אינזל, אָפּהיטן דאָס אינטעליגענטישע געוויסן, מען זאָל בלייבן אומבאַרירלעך און אינדערזעלבער צייט זיך פילן פאַר אַ פאָרשריטלעכן מענטשן פון אַ ברייטער נאַטור. פאַר איינעם פון די, וואָס האָבן די ערשטע דערלאַנגט די האַנט דער נייער מאַכט.

נאָר פלוצלינג האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן נישט פריילעכע סימפּטאָמען: דער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעהויבן שטאַרק זיך צו שפּאַרן און שטופּן איבערן גאַנצן פראָנט, אַריינצודרינגען אין אַזעלכע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען פון אים געווען ריין און וווהין ער פלעגט אפילו נישט אַריינקוקן. און דאָ האָבן אין די צייטונגען אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן נאָטיצן וועגן מוזיי, ווו פון אַ זיל פון מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמס מיט דער רעוואָלוציע. די רעוויזיע, וואָס מ'האָט באַשטימט צו מאַכן אין מוזיי אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון די אַרבעטער, איז דורכגעגאַנגען און האָט דערקלערט, אַז די נאָטיצן פון די צייטונגען שטימען מיט דער ווירקלעכקייט, אַז די אַרבעטס־מעטאָדן זענען ווייט פון מאָדערנישקייט, ווייל די מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָרט, אָפּזונדערנדיק זיך פון דער גאַנצער וועלט, באַמיען זיך נאָר, אין בעסטן

פאַל, צו באַקומען פאַרן מוזיי, וואָס מער עקספּאָנאַטן, וועלכע אין תּוך גענומען — קיינער קוקט נישט אָן. אַזוי, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע איז גלייכער אַ קונסט־קאַמער פון ששת־ימי־בראשית איידער אַ מוזיי.

דער אַלטער דירעקטאָר איז איבערגעפירט געוואָרן ערגעץ אויף אַן אַנדער שטעל און אויף זיין אָרט האָט מען באַשטימט א נייעם — דעם חבר פּאָלוכין, א מענטש פון די אַרבעטער נאָר אַזעלכער וואָס האָט געענדיקט דעם ראַב־פאַק (אַרבעטער פאַקול־טעט) און איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט. צוזאַמען מיטן אַלטן דירעקטאָר האָט מען אָפּגעזאָגט פון די פּאָסטנס עטלעכע מענטשן וועלכע האָבן שוין צופיל „צוגעהינקען" אין קלאַסן־הינזיכט. דער־נאָך האָבן זיך אָנגעהויבן סיסטעמאַטישע רעדוקציעס. מ'האָט רע־דוצירט די מער אינטעליגענטע און קולטורעלע מיטאַרבעטער — „דעם זאַלץ פון די ערד". דאָ האָט מען דערפילט, אַז די כוואַ־ליעס האָבן זיך שוין דערטראָגן האַרט צום אינדזל און דראָען שוין צו פאַרנעצן דאָס „זאַלץ".

אין מוזיי, האָט זיך באַוויזן אַ יאַטשייקע, מ'האָט געמאַכט נייע וואַלן פון אַ מיעסטקאָם (אַ לאָקאַלן קאָמיטעט), אין וועלכן ס'זענען אַריין בלויז טעכנישע אָנגעשטעלטע. ס'האָבן זיך אָנגע־הויבן פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מ'איז, וואָס אַן אמת, לכתחילה געגאַנגען קוועטשענדיק מיט די פּלייצעס און מ'איז אויף זיי גע־זעסן מיט אַן איראָניש געלעכטערל, איבערקוקנדיק זיך צווישן זיך בעתן אַרויסטרעטן פון עפּעס אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס קיינער האָט זיי נישט געקענט און נישט געהערט פון זיי.

און הגם די גרונט־מאַסע און אינטעליגענטן־אָנגעשטעלטע האָט זיך געפילט צאָלרייך־שטאַרק; הגם דער שווייצאַר, די קליינע דיוואַנעס און די קעגנזייטיקע קאָרעקטקייט זענען נאָכנישט אָפּ־געשאָפט געוואָרן און נאָך געליבן אויף זייערע ערטער — האָט זיך דאָך אָנגעהויבן שטאַרק פילן אַ נייער גייסט, וואָס האָט זיך באַוויזן און זיך איינגיכן באַפעסטיקט אין די נייע אַנשטאַלטן.

ס'האָבן אָנגעהויבן זיך אַרומדרייען מענטשן אין בלוזעס, מיט משופּעדיק'ע קראַגנס (קאָסאָוואָראָטקעס), אַנשטאָט קאָרעקטע

מאַרינאַרקעס, און לאַטשן אָן זאָקן. מ׳האָט געקאָנט אָפּט זען ווי איינער קלאַפּט דעם אַנדערן פאַמיליאַר איבער די פּלייצעס און הערן ווערטער, וואָס פלעגן אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די חשובע דאַמען, ווי למשל: קייקל זיך ווי אַ קעלבעסל א. א.

די מיטעלע און נידעריקע טיילן פון פּערסאָנאַל האָבן זיך באַצויגן גלייכגילטיק. זיי איז דידאַזיקע ענדערונג נישט אָנגעגאַנגען. אָבער אַזעלכע מיטאַרבעטער און מענטשן ווי מאַריע פּאַוולאָוונע, האָבן באמת פון דעם געליטן. זיי האָט עס געקאָסט געזונט.

— ווי זענען מיר? כ׳הייב נישט אָן צו פאַרשטיין—פלעגט זי געוויינטלעך זאָגן, צונויפלייגנדיק אין פאַרצווייפלונג די הענט אויפן בויך און באַקוקנדיק די אָנגעשטעלטע מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג, וואָס האָט געגרענעצט מיט שרעק.

די טעכנישע אַרבעטער (וואָזשנעס, הייצער א. א.) האָבן פריער איידער דער נייער גייסט האָט זיך אַהער אריינגעריסן, געוווּסט זייער אָרט, געטון זייער עובדה גאַנץ גוט. זענען געווען העפלעך און די מיטאַרבעטער (ד. ה. נישט די טעכנישע, נאָר די „אייבערשטע פון שטייסל״) האָבן זיך געפילט אין די אינסטיטוציע ווי גוטע באַלעבאַטים, וואָס ביי זיי אין דינסט געפינט זיך א גוטע, איבערגעגעבענע זאַרגזאַמע און ליבלעכע דינערשאַפט. און דעריבער זענען זיי, די „באַלעבאַטים״ ס׳רוב געווען ווייך, העפלעך און ליבלעך.

מ׳האָט דאָרט געקאָנט הערן אַזעלכע לאַקריץ-זיסע רייד:

— מאַשאַ, ברענגט אריין טייבעלע, טיי, אָדער:

— איוואַן איוואַנאָוויטש, נעמט אַוועק, טייערער, פונדאַנען די ביכער.

איצט אָבער האָבן די טעכנישע אַרבעטער דערשפּירט אַ נייעם שטראָם. זיי האָבן זיך אינגאַנצן געענדערט און האָבן געדראַט אַליין צו ווערן „באַלעבאַטים.״

זיי פלעגן אָפּט פאַרבייגיין פאַרביי די מיטאַרבעטער אַראָפּלאָזנדיק די קעפּ, כדי זיך נישט צו באַגעגענען מיט די בליקן זייערע און זיי נישט צו באַגריסן. ווייל ס׳איז זיי נאָך געווען

שווער (וואָס אַ געוויינונג איז!) צו קוקן די מיטאַרבעטער, „באַלעבאַטים" אין די אויגן אַריין און זיי נישט באַגריסן. און די מיטאַרבעטער האָבן שוין אַליין אויך זיך באַמיט אַראָפּצולאָזן די אויגן ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז עמיץ פון די טעכנישע מיטאַרבעטער, קוקנדיק זיי אין די אויגן אַריין, וועט זיך פאַר זיי נישט פאַרנייגן און זיי די געוועזענע „באַלעבאַטים" וואָלט פון דעם געווען נישט אָנגענעם און נישט בעקוועם.

פריִער פלעגט אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצוטראָגן ביכער פון ביבליאָטעק־זאַל אַרויסגעבן איינער פון די מיטאַרבעטער. איצט אָבער האָט מען אויף דעם אָרט אַוועקגעזעצט אַ ספּעציעלן מענטשן אין אַ בלאָען פאַרטוך און אין שטיוול. און מ'האָט נישט געוווסט, צו וואָס אייגנטלעך, מ'האָט אים דאָ אַוועקגעזעצט: צי ווירקלעך צוליב דעם, ער זאָל אונטערשרייבן די דערלויבעניש־שיינען, אָדער כּדי זיך צוצוקוקן, ווי ווייט געוויסנהאַפט עס אַרבעט דאָ די אינטעליגענץ.

יעדער פון די מיטאַרבעטער פלעגט זיך אָפט כאַפּן אויף אַ שענדלעכער און נישט אָנגענעמער זאַך: ער פלעגט זיך צייטנווייז פאַרטראַכטן וועגן עפּעס און קוקן אין אַ זייט, גאָרנישט טוענדיק, און דערנאָך פלעגט ער זיך אומגעריכט באַגעגענען מיט די אויגן פונם מענטשן אין בלאָען פאַרטוך און פלוצלינג נישט ווילנדיק דערפילן, ווי דאָס גאַנצע בלוט פלעגט דערשראָקן ווי אָפּפליסן גלייך פון האַרצן, פּונקט ווי מען וואָלט יענעם געכאַפּט ביים גאָרנישט טון, און, ס'קאָן זיין, אַז מען וועט וועגן דעם ערגעץ ווהין אָנשרייבן...

ס'פלעגט זיך אויך טרעפן, אַז ווען די אָנגעלאָפענע מחשבות פלעגן עמיצן אָפּרייסן פון דער אַרבעט און יענער פלעגט דאַן באַמערקן, אַז אויף אים קוקט דער מענטש אין בלאָען פאַרטוך — דאַן פלעגט אַזאַ איינער נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, ענדערן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים, ווייזנדיק דערמיט, אַז ער איז גאָרנישט געווען פאַרטראַכט, אַז ער האָט נישט געטרוימט, נאָר אייב ער האָט יאָ וועגן עפּעס געקלערט, איז דאָס געווען, — ווי אַזוי אויסצופירן זיין אַרבעט אין מוזיי.

און אַלע מענטשן, וואָס זענען נאָך קורץ פֿאַר דעם געווען פֿול מיט באַוווסטזיין פֿון זייער חשיבות, האָבן פּלוצלינג זיך פֿאַרלוירן און באַקומען פֿאַר עפּעס אַ פּחד. זיי האָבן פֿאַר עפּעס מורא באַקומען אויף אַזופֿיל, אַז זיי האָבן ארויסגערופֿן אַ פֿאַרוואונדערונג ביי זייערע חברים, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי אין דער זעלבער אינסטיטוציע. הגם יענע האָבן אויך מורא באַקומען (נאָר אַליין האָבן זיי עס, גישט געקאָנט באַמערקן).

דאָס צווייטע מאָל באַווייזן יך פֿון דער רעוואָלוציע, איר קלאַסן־מלחמה — האָט פֿאַר אַ סך מענטשן זיך אויסגעוויזן נאָך שרעקלעכער ווי די אַלע שטורעמס און געוויטערן פֿון איר ערשטן איינטריט: דעמאָלט, ביי איר ערשטן אָנקומען, האָט מען נאָך געקאָנט אַ שפּרונג אָפּ טון אָן אַ זייט און. איבערוואַרטן, און ווען אַלץ וועט זיך מער ווייניקער באַרויקן, איינער פֿון די ערשטע דערלאַנגען די הענט דער נייער מלוכה־אָרדענונג—און ווערן איר אָנהענגער.

אַלץ געדענקט נאָך, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿיינלעכן געפֿיל זיי האָבן געוואַרט, אַז דער נייער דירעקטאָר זאָל אָנקומען. זיין אָנקומען האָט אין אַ סך קעפּ זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ ערשטן דייטלעכן געדאַנק וועגן אַן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף זיי, און וועגן דעם, אַז זיי וועלן בהדרגהדיק ארויסגעשטויסן ווערן דורכן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס און איז געוואָרן שטאַרק. אַלעמען האָבן איבעראַשט די שטיול פֿונם נייעם דירעקטאָר און זיין בלאָע קאַסאַוואָראָטקע, וועלכע די אָנגעשטעלטע זענען נישט געווען געוויינט צו זען אין זייער אינסטיטוציע און דערצו נאָך אין קאַבינעט פֿונם דירעקטאָר.

נאָר באַזונדערס איז ביי אַלעמען געבליבן אין זכרון זיין גלעזערן אויג, וואָס האָט געקוקט טויט־שאַרף, נישט פֿינטלענדיק. עס האָט אפֿילו נייטראַליזירט דעם מער ווייכן בליק פֿונם צווייטן לעבעדיקן אויג.

ביי זיין ערשטן אָנקומען, ביים ערשטן ברוך־הבא, וואָס מ׳האָט אים געמאַכט, איז פּאָלוכין אריינגעגאַנגען אין ביבליאָ-

טעקן-זאַל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און די ערשטע מינוט גע-
קוקט נישט אַזוי אויף די פּנימער, ווי אַביסל העכער פון זיי,
פּונקט ווי ער וואָלט געציילט, וויפיל קעפּ עס זענען דאָ פאַראַן.
(די אָנגעשטעלטע האָבן בשעת-מעשה זיך געפילט נישט באַקוועם
נישט וויסנדיק, צו זיי דאַרפן אויפשטיין פון זייערע ערטער,
אָדער טון ווייטער זייער אַרבעט. דערנאָך האָט דער דירעקטאָר
זיך באַגריסט מיט די נאָענסטע מיטאַרבעטער, דערלאַנגנדיק זיי
עפּעס נישט געשיקט און נישט דעצידירנדיק די האַנט.

דערנאָך האָט ער אין באַגלייטונג פון גוסיעוו געמאַכט
אַ באַזוך אין אַלע זאַלן, האָט אויסגעהערט דערקלערונגען. און
איז עפּעס לאַנג אָפּגעשטאַנען פאַרן געלעגער פון ניקאָלאַי דעם
ערשטן און פאַר זיינע צוויי העלמען, מיט וואָס זיי האָבן אַזוי
צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, האָט מען נישט געוווּסט.

— רעליקוויעס ? — האָט ער קורץ געזאָגט, אַ קוק טוענ-
דיק אויף גוסיעוון.

— יאָ — האָט זיך יענער אָפּגערופן, נישט וויסנדיק, צי
ער זאָל ריידן מיט אַן איראָנישן טאָן וועגן די רעליקוויע, אָדער
אַ דרך-ארצדיקן.

גוסיעוו האָט, אַרייַנקומענדיק צוריק, דערציילט די מיטאַר-
בעטער, אַז דער נייער דירעקטאָר האָט אים פאַרחידושט : פאַר-
וואָס האָט ער זיך באַמענטלעך, אַזוי אינטערעסירט מיט די
העלמען און געלעגער פון ניקאָלאַי דעם ערשטן.

און די מיטאַרבעטער, בלייבנדיק אַליין ביז וואַנען ער
איז אַרומגעגאַנגען איבער די זאַלן, האָבן אַ ווײַלע זיך איבער-
געקוקט צווישן זיך. זיי האָבן זיך אויף ווייטער איבערגעקוקט
אויך דערנאָך, ביים יעדן אַרויסטריט, ביי יעדן וואָרט פונם
נייעם דירעקטאָר און זייער איבערקוקן זיך האָט יענער לגמרי
נישט באַמערקט. נאָר זיי האָבן זיך גאָר אַנדערש איבערגעקוקט
צווישן זיך, ווען פונם דירעקטאָרס רוף האָט זיך דערהערט גאָר
אַ ניי וואָרט: „די לאַבאַראַזירונג פונם פערסאָנאַל"...

אַלס אַ דירעקטע סיבה דערצו איז, חוץ דער אַלגעמיינער
פּאָליטיק, געווען, דאָס — וואָס די אינטעליגעיץ האָט „איגנאָרירט

די ווידוויזשענצעס פון דער קאָסמאָלער סביבה". און דער ער־
שטער ארויסטריט פונם חבר פאָלוכין אויף דער אָנגעגעבענער
פאַרזאמלונג וועט געוויס זיין געווידמעט דעם ענטפער, וואָס איז
צוגעגרייט געוואָרן צוליבן דאָזיקן באַיקאָטירן דעם ארבעטער־
עלעמענט.

XI

איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט, אין יעצם געדריקטן צושטאַנד מיט וועלכן מען גייט געוויינטלעך צום עקזאַמען, זיך אויפגעהויבן איבער די ברייטע שטיגן פון מוזיי און געטראַכט נאָר וועגן איינס: זיך, ווי עס איז, נישט צו באַגעגענען מיטן דירעקטאָר, צו וועלכן ער האָט געהאַט די זעלבע באַציונג, וועלכע ער האָט אַמאָל געהאַט צום דירעקטאָר פון גימנאַזיע; אין קיין זאַך איז ער, דאַכט זיך, נישט געווען שולדיק, געווען ריין פון יעדער זינד. און דאָך פלעגט ער, ביים באַגעגענען זיך מיט אים, פילן זיך עפּעס שולדיק. הגם פּאָלוכין האָט שוין נישט איינמאָל מיט אים גערעדט.

ער איז אָן שום שטערעניש צוגעגאַנגען צו זיין אָרט, א קוש געטון מאַריע פּאַוולאָוונען אין האַנט, דערפילט א פאַרגעניגן און פאַרלייכטערונג פון דעם און פון איר פראַנצויזישער פראַזע מיט וועלכע זי האָט זיך צו אים געווענדט, ווי צו א מענטשן פון „דער געזעלשאַפט", זיך באַגריסט מיט די איבעריקע און מיט א באַזונדערן אויסדרוק פון פריינטלעכקייט — מיט יענע, וועלכע זענען נעכטן געווען ביי אים צו גאַסט, דערנאָך איז ער אוועק אין אַרכיוו. אים האָט נאָך אַלץ עפּעס שטאַרק געקלעמט אונטערן האַרצן — עפּעס א מין קלעמענדיקע בענקשאַפט פון אומבאַוווסטקייט, פון דעם, וואָס מען קאָן אָנרופן: ווער ווייסט וואָס עס וועט געשען מאָרגן.

צוריקקערנדיק זיך פון אַרכיוו, האָט ער זיך באַגעגנט מיט

פּאָלוכינען, וועלכער איז געשטאַנען אין זאַל פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס עפּאָכע און האָט זיך קאָנצענטרירט אַרומגעקוקט, פּונקט ווי ער וואָלט אין עפּעס אַריינגעקלערט און וועגן עפּעס געווען שטאַרק פאַרטראַכט.

קיסליאַקאָוו, וועלכן ס'האָט פון דער אומגעריכטקייט עפּעס אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ, האָט זיך אויסגעוויזן נישט באַקוועם פאַרביי־צוגיין גאָרנישט זאָגנדיק דעם דירעקטאָר. און ער האָט אָפּשטעלנדיק זיך, געזאָגט:

— וואָס באַטראַכט איר עס אַזוי קאָנצענטרירט, אַנדריי זאַכאַראָוויטש?

— גוט מאָרגן, חבר קיסליאַקאָוו... וואָס איך באַקוק, פרעגט איר? אַזוי, עפּעס אַ געדאַנק איז מיר געקומען אין קאָפּ, אָבער מיטאַמאָל איז אוממעגלעך דאָס תּופס צו זיין. דערנאָך וועל איך אייך דערציילן, ווען כ'וועל אין דעם גוט אַריינקלערן. דער געדאַנק איז, לויט מיין מיינונג, אַ וויכטיקער, אייך, קאָן זיין, וועט עס געפעלן, אָבער אייערע חברים — צווייפל איך...

ער האָט אַ קער אום געטון דאָס פּנים צו קיסליאַקאָוון דערביי האָט זיין לעבעדיק אויג געקוקט לוסטיק און גוטמוטיק און דאָס גלעזערנע — להיפּוך צום לעבעדיקן אויג, שאַרף און טויט.

עפּעס אַן אָטעם פון לעבן האָט קיסליאַקאָוון מיטאַמאָל אַ שלאָג געטון אין די אָזלעכער פון דערדאָזיקער פראַזע, מיט וועלכער פּאָלוכין האָט אים עפּעס אויסגעטיילט פון דער צאָל איבעריקע מיטאַרבעטער.

קיסליאַקאָוון האָט זיך שרעקלעך פאַרוואָלט דערוויסן זיך, וואָס פאַר אַ געדאַנק איז איינגעפאַלן זיין פּאַטראָן און פאַרוואָס דערדאָזיקער געדאַנק דאַרף אים, קיסליאַקאָוון, געפעלן און זיינע חברים—נישט. נאָר עפּעס אַ געפיל און טאַקט, וואָס ער האָט אַליין נישט משער געווען און נישט פאַרשטאַנען, האָבן אים אונטערגעזאָגט, דאָס נישט צו טון. און קיסליאַקאָוו, אַ שמייכל טוענדיק, האָט נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז פּאָליוכינס השערה בנוגע זיינע

חברים איז אפשר נאָענט צום אמת, און האָט נישט אויסגעפרעגט פּאָלוכינען וועגן די פּרטים.

ביי די באַגעגענישן מיט פּאָליוכינען פלעגט ביי קיסליאַקאָוון, קעגן זיין ווילן און אַלע באַוווסטזיניקע אויסרעכענונגען, אַנטשטיין א געפיל, וואָס פלעגט אים העלפן טרעפן, וואָס מ'דאַרף ריידן מיט אים און וואָס נישט. אַזאַ געפיל האָט זיך געוויס גע־האָט אויסגעאַרבעט ביי די פריערדיקע מקורבים־למלכות.

ס'ערשטע מאָל איז אַרויסגעקומען אַזוי: פּאָליוכין, פילנדיק זיך דאָ פרעמד און איינזאַם, האָט אגב־אורחא זיך געטיילט מיט קיסליאַקאָוון מיט עפּעס א געדאַנק.

קיסליאַקאָוו וואָס איז געווען „אָנגעלאָדן קעגן פּאָליוכינען, ווי קעגן א מענטשן וואָס האָט פאַר א ציל אים אַרויסצושטויסן פון דאַנען", האָט פון דער אונגעריכטקייט פון אַזאַ אַרט באַגיין זיך מיט אים, פלוצלינג דערפילט, אַז אים איז ווייך געוואָרן דאָס האַרץ און האָט אים געענטפערט מיטן זעלבן טאָן, וואָס יענער האָט גערעדט צו אים. פון דעמאָלט אָן איז פּאָלוכין צוגעוויינט געוואָרן צו קיסליאַקאָוון (ווי צו א מענטש, וואָס פילט און דענקט פּונקט אַזוי ווי ער) און האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים באַגיין מיט דער פרייהייט, מיט וועלכער ער פלעגט זיך באַגיין מיט די קאָמסאָמאָלצעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין מוזיי.

נאַטירלעך וואָלט פּאָלוכין, צוגעוויינענדיק זיך, גע־קאָנט אַזוי זיך באַגיין אויך מיט אַנדערע מיטאַרבעטער און טראָגן דעם זיי אַרויסגעשטויסן פון זייערע פּאָסטנס, ווען דאָס וואָלט געווען נייטיק אַלס עלעמענט, וואָס אַנטשפּרעכט נישט דעם גייסט פון דער צייט און די אויפגאַבן פון דער פּראָלעטאַרישער אויפבוי־אַרבעט, אַזוי אַז דאָסדאָזיקע אַרט באַגיין זיך מיט אים מיט צוויי־דריי פראַון האָט נאָך קיסליאַקאָוון פאַר קיין זאַך נישט גאַראַנ־טירט און דאָס געפאַר צו פאַרלירן דעם פּאָסטן איז דערמיט נאָך נישט באַזייטיקט געוואָרן; אָבער הייגט האָט פּאָלוכין אים דאָך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער מאַסע מיטאַרבעטער. קיסליאַקאָוו האָט זיך דערפילט ווי א שילער, וואָס האָט אומגעריכט פאַר זיך באַקומען די ערשטע אויסצייכענונג און מתנה. נאָר בלויז דער

אומשטאַנד, וואָס פּאָלוכין האָט, לויט זיין פּאַרטייאישער געוויינונג, אים געררופן מיט דעם פאמיליען-נאָמען חבר קיסליאַקאָוו, און נישט לויט זיין נאָמען און פאָטערס נאָמען — איז פאַר אים געווען א שטיק באַליידיקונג. „חבר קיסליאַקאָוו"—האָט אין זיינע אויערן געקלונגען ווי א באַליידיקונג, פונדעסטוועגן האָט ער, צו-זאַמען מיטן צופלוס פון א זיסן טעם פון לעבן, אויך דערשפּירט אין זיך אַ געפיל, וואָס האָט אים האַרציק-וואַרעם אויפגערודערט — אַ געפיל פון אַן אָנערקענדיקער דאַנקבאַרקייט צו דעמדאָזיקן מענטשן.

נאָר קיסליאַקאָוו האָט מיט אָנשטרענגונגען פון זיין ווילן באַלד דערשטיקט אין זיך דעם זעלבסט-אַנאַליז, וואָס האָט זיך אין אים גענהאָט אָנגעהויבן.

— שווער צו אַרבעטן אָן אייגענע מענטשן—האָט פּאָלוכין געזאָגט שטייענדיק נאָך אַלץ אויף איין אָרט און באַקוקנדיק דעם זאַל — דערצו נאָך פאַרשטיי איך גאָרנישט די צ־שטע צייט, וואָס צו טון. כ'זע דאָך, ווי זיי קוקן אויף מיר... זיי טראַכטן זיך: זיך אריינגערוקט דער פויער אין די פּאַלאַצן, ווי אַ חזיר אין די לעקעך-קראָמען. איר מיינט איך ווייס נישט און פאַרשטיי נישט? חוצדעם טראַכטן זיי זיך, אז איך האַלט נישט פון זיי און זייערע חברים און וויל זיי פון דאַנען ארויסשטויסן. נו יאָ, דאָס וועלן מיר נאָך זען. היינט רוף איך צונויף א פארזאַמלונג. איר וועט קומען, חבר קיסליאַקאָוו?

— געוויס, געוויס! — האָט קיסליאַקאָוו עפּעס דערשראָקן-אייליק זיך אָפּגערופן, באַמערקנדיק אָבער פאַר זיך אינדערזעל-בער צייט, וואָס ער, דער אינטעליגענט, וועלכער האָט פיינט יעדע מאַכט, איילט זיך און פלייסט זיך איצט, וועלנדיק זיך אויספיינען ווי אַ קאַנצעלאַריע-שרייבערל פאַר זיין גענעראַל.

איך זע, אז דאָ איז די טאָנגעבערין די אינטעליגענץ,-האָט פּאָלוכין ווייטער גערעדט — מ'דאַרף זיי אַביסל דורכרייניקן. כ'וועל זיי היינט וועגן דעם מיטיילן און זיי ווייזן, ווער עס איז דאָ דער באַלעבאָס: דער פּראָלעטאַריאַט, אָדער זיי.

פאַרוואָס אַזעלכעס איז געשען — דערפאַר נאָר, וואָס באַ-

לוכינען, אַלס אַ מענטשן פון מאַכט, איז פּשוט איינגעפאַלן אַ פאַנטאַזיע זיך אויסצוקלייבן קיסליאַקאָוון אַלס פאַרטרויונגס־מענטש און אים אויסטיילן פון דער גאַנצער מאַסע אינטעליגענץ אין אַ באַזונדערער רובריק, אָדער אין אים, אין קיסליאַקאָוון, איז אומבאַמערקט פאַר אים גופא, טאַקע געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אים ווירקלעך אויסגעטיילט און געמאַכט מער נאָענט צום פּראָלעטאַריאַט איידער צו דער אינטעליגענץ, — האָט ער נישט געוווּסט. נאָר פאַר אים איז דאָס געווען אַן אומגעריכטער אויפבליץ פון האָפענונג נאָך יענעם תּהום פון פאַרצווייפלונג, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען.

כּדי עפּעס צו ענטפערן אויף פּאָליוכינס לעצטע פראַזע, האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, באַמיענדיק זיך אָנצונעמען פאַר זיינע אַרבעט־חברים און אויף זיי מלמד־זכות צו זיין:

— געוויס, זיי איז שווער צו פאַרשטיין דעם גייסט פון דער עפּאכע, אין וועלכער מיר זענען איצט אַריינגעטרעטן, און זיי דאַכט זיך, אַז יעדע איבערקערעניש מיטגעוואַלט פּיוּט דערצו, וואָס די לאַגע ווערט נאָך ערגער ווי פריער, ד. ה. אַז דאָס ברענגט נישט קיין גוטס — אין דעם טרעט אַרויס דער מהות פונם אינטעליגענט. אין דעם ווייזט ער זיך אַרויס אַזוי בולט פון קאָפּ ביז די פיס, אָבער ווען מען וועט זיי אַ קוועטש טון אַ ביסל, וועלן זיי זיך אונטערגעבן.

— ריכטיק! אָט וועל איך טאַקע א קוועטש טון און וועמען ס'איז נישט צום האַרצן, דער זאָל זיך באַצייטנס אָפּטראָגן.

עמעץ איז דורכגעגאַנגען איבערן קאָרידאָר פאַרן זאַל. קיסליאַקאָוו האָט זיך אומגעקוקט און דערזען גוסיעוון. דאָס האַרץ האָט זיך ביי קיסליאַקאָוון שיער נישט איבערגעקערט ביים געדאַנק. וואָס אים איז געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז מען וועט אים זען רעדן מיטן נייעם דירעקטאָר (שוין נישט דאָס ערשטע מאָל) און מ'קאָן אים נאָך אפשר חושד זיין, אַז ער דערציילט אים סודות פון חדר.

דעריבער האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן איילן אַוועקצוגיין.

— וואָס, איר גייט אַרבעטן? — האָט פּאָלוכין געפרעגט.
— יאָ, שוין צייט.
— זעט-זשע אומבאַדינגט צו קומען.

XII

איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט זיך געאיילט אין בּיבּליאָטעקן-
זאַל. אים האָט זיך געוואָלט אַ קוק טון, וואָס גוסיעוו טוט. צי
דערציילט ער נישט אפשר די מיטאַרבעטער, אַז ער האָט אים,
קיסליאַקאָוון, גענזן געמיטלעך שמועסן מיטן נייעם דירעקטאָר.

גוסיעוו איז געזעסן אויף זיין אָרט. נאָר נעבן שאַנק מיט
זעלטענע עקזעמפּלאַרן איז געשטאַנען דער כמורנער גאַלאַכאָוו
און צוויי קלענערע מיטאַרבעטער, די וואָס זענען געקומען צו
קיסליאַקאָוון צו גאַסט אומגעבעטן. איינער פון זיי, מיטן פליכע-
וואַטן קאָפּ האָט זיך עפּעס געקאָכט און אינדערשטיל גערעדט.
גאַלאַכאָוו האָט, ווי זיין שטייגער איז, אים אויסגעהערט, קוקנ-
דיק אויף דער פּאָדלאָגע, און דער בעאַמטער מיטן צעשויבערטן
קאָפּ האָר האָט דאָ געהערט, וואָס דער פליכצוואַטער רעדט און
דאָ אויסגעשטעלט די אויגן אויף גאַלאַכאָוון, ווי ער זאָל זיך
אינפאָרמירן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף יענעם.

ווען קיסליאַסאָוו איז אַריינגעקומען, האָבן זיי אַביסל גע-
שמועסט צווישן זיך און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. דערביי האָט
גאַלאַכאָוו, צוגייענדיק צו זיין אָרט פאַרביי קיסליאַקאָוון — נישט
געווענדט זיך צו אים מיט קיין וואָרט אפילו.

קיסליאַקאָוון איז דאָס פאָרגעקומען פאַרדעכטיק. פאַרוואָס
האָבן זיי פאַרענדיקט רעדן פונקט ווען ער איז אָנגעקומען?
פאַרוואָס האָבן זיי גערעדט אינדערשטיל? קלאָר ווי דער טאָג, אַז
דאָס האָט מען גערעדט וועגן אים און מ׳האָט נישט געוואָלט

ער זאָל הערן, וואָס מען רעדט. און פאַרוואָס איז גאַלאַכאָוו פאַרבייגעגאַנגען פאַר אים שווייגנדיק?..

נאַטירלעך, האָט מען אויף יעדער פון אָט די פראַגן גע־קאָנט געבן אַ נאַטירלעכע דערקלערונג: מ׳האָט געענדיקט דאָס געשפרעך אין דער רגע, וואָס ער איז אַריינגעקומען, ווייל מ׳האָט דאָך געמוזט ווען עס איז ענדיקן. מ׳האָט גערעדט אינ־דערשטיל, ווייל אין ביבליאָטעקן־זאַל רעדן אַלע אינדערשטיל און זייט ס׳איז אָנגעקומען אויף זיין שטעל דער מענטש אין בלאָען פאַרטוך האָט מען דאָך אַ פשיטא שוין געמוזט אָנהייבן רעדן אינדערשטיל. גאַלאַכאָוו איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר קיסליאַקאָוון שווייגנדיק, ווייל ער איז בכלל אַ שווייגנדיקער. און אויב מ׳האָט אים שוין איינמאָל פאַרבעטן אויף אַן אָוונטברויט, קאָן מען דאָך פון אים פונדעסטוועגן נישט פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל קיסליאַ־קאָוון דערפאַר דאָס גאַנץ לעבן זיין דאַנקבאַר, ליבנסווירדיק און זאָל קיינמאָל נישט פאַרבייגיין נישט צוזאָגן קיסליאַקאָוון קיין זיס וואָרט.

דאָס אַלץ איז געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, אָבער קיסליאַקאָוון איז די זאַך דאָך פאָרגעקומען פאַרדעכטיק.

ער האָט געדאַרפט אָפּטראָגן אין אַרכיוו אַריין ביכער, וואָס ער דאָרט גענומען, ווייל ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען נישט די, וועלכע ער האָט באַדאַרפט האָבן, נאָר ער האָט מורא געהאַט אַוועקצוגיין, ווייל אים איז איינגעפאַלן, אַז די מיטאַרבעטער וועלן אין זיין אָפּוועזנהייט זיך צונויפריידן און גוסיעוו וועט אַלעמען דערציילן, אַז ער האָט אים געזען מיט פּאָלוכינען און געהערט זיין לעצטע פראַזע, ווי ער האָט אים געגעבן אַן עצה פּאָלוכינען אַ קוועטש צו טון די אינטע־ליגענץ.

אין דער טיר פון זאַל האָט זיך באַוויזן דער הויכער שוואַרצער קאָמסאָמאָלעץ מאַסלאָוו. ער האָט געהאַט אַן אויסער־געוויינטלעך קאַלטן און רויקן בליק, די קאַלטקייט פון זיין בליק איז נאָך מער אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך זיינע גלייכע שוואַרצע ברעמען, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעגאַנגען אויפן

אָרט פון שטערן, ווו ס'הויבט זיך אָן די נאָז. אים האָט מען נישט ליב געהאַט פאַר דידאָזיקע פאַרניכטנדיקע רויקייט און מ'האָט דעם איינדרוק געהאַט פון זיין קאַלטן אויסזען, ווי ער וואָלט אַלע אָנגעשטעלטע געהאַלטן פאַר מענטשן וואָס זענען אים אונטערגעוואָרפן און ער איז זייער נאַטשעלניק. באַזונדערס האָט קיסליאַקאָוו אים נישט ליב געהאַט. מאַסלאָוו האָט אין זיך געהאַט עפּעס אַ קראַפט, וועלכע האָט קיסליאַקאָוון געשטערט זיך צו באַגעגענען רויק און פראָסט מיט מאַסלאָווס אויגן.

— חברים, קומט זיך צוזאַמען — האָט מאַסלאָוו געזאָגט און ביים וואָרט, חברים, מער זיך געווענדט צום מענטשן אין פאַרטוך און צו די צוויי טעכנישע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן איבערגעקוקט אַ קאַסטן מיט צייטונגען איבער דער פּאָדלאָגע.

קיסליאַקאָוו האָט דאָס ערשטע מאָל עפּעס אַ קוק געטודרייסט אין די אויגן פונם קאָמסאָמאָלעץ, פונקט ווי ער וואָלט נישט געהאַט וואָס זיך אויסצובאַהאַלטן, נאָר באַלד נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, דערנאָך זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מינוט ביי זיין טיש, ברענגענדיק אין אָרדענונג די פּאַנאַנדערגעוואָרפענע פּאַפּירן. ער האָט עס געטון, כדי די חברים זאָלן נישט מיינען, אורטיילנדיק לויט זיין גיכער באַוועגונג, אַז ער פ ל י י ס ט ז י ך, און נאָכן אַרויסגיין פונם קאָמסאָמאַלעץ האָט ער זיך בכיון אַנידערגעזעצט און אַרויסרוקנדיק דעם אונטערשטן שופלאָד, אָנגעהויבן איבערצוקוקן עפּעס פּאַפּירלעך.

אינדעראמתן אָבער האָט ער גאָרנישט איבערגעקוקט — ער האָט נאָך געמאַכט אַן הפסקה, וואָס פּאַסט אין אַזאַ פאַל, אָן אָפּלייגעניש, כדי נישט אויפצושפּרונגען לויטן ערשטן רוף פון דער נאַטשאַלסטוואָ און נישט אַרויסצוגיין פריער פאַר אַנדערע.

נאַטירלעך האָט ער נישט געדאַרפט צופיל אָפּשטיין, ווייל גוסיצוון וואָלט דאָס געקאָנט פאַרקומען נאָך מער פאַרדעכטיק: מיטן דירעקטאָר שמועסט ער וועגן עפּעס אויג אויף אויג און ווען מ'דאַרף גיין אויף א פאַרזאַמלונג, — מאַכט ער אַן אָנשטעל אַז ער פייפט אויף דעם, אַז אַלץ פראָטעכט, גייט ער דער סאַמע לעצטער.

קיסליאַקאָוו איז שוין נישט אויף קאַטאָוועס געוואָרן אומרויק, וואָס ער איז אומעטום איינער. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַלע מיידן אים אויס און ווילן מיט אים נישט האָבן קיין מגע-ומשא.

פאָרויס איז אַוועק אַ גרופּע פון עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אויפגערעגט צווישן זיך גערעדט און באַהאַנדלט די געשעפענע לאַגע מיט שטילע שטימען; דערנאָך זענען געגאַנגען נאָך דריי, אויך צוזאַמען אַזוי, אַז קיסליאַקאָוו איז שוין אויסגעקומען אַליין צוצושטיין צו דער גרופּע פון פיר מענטשן, כּדי נישט צו גיין איינער אַליין.

און ער האָט געזאָגט צו זיך אין האַרצן:

— דאָס סאַמע ערגסטע איז — ווען אינם מענטשן טאָפּלט זיך אַלץ. דיין געוויסן דאַרף זיין דיין העכסטער ריכטער, באַלד דו האָסט אויסגעוויילט, אויף וועמעס צד עס זענען דייַנע סימפּאַטיעס און דיין וועג. — איז שוין נישטאָ וואָס צו טראַכטן. אין דעם פאַל ביסטו אויף פּיאַלוכינס צד, וועלכער האָט דיך נאַר-וואָס אויסגעטיילט פון אַלע. אין דער צייט, ווען אַלע, — אפילו די, וואָס זענען געווען ביי דיר צו גאַסט, — האָבן מיט דיר נישט אויסגעוועקסלט זיך מיט קיין איין וואָרט אפילו און דו ווייסט צומאָל נישט, וואָס זיי טראַכטן און קלערן.

פון דער אַנדערער זייט אָבער, זענען פּאַלוכינס באַציונגען צו אים געווען צופעליקע: ער האָט אים באַגעגנט צופעליק און גערעדט צו פּאַלוכענען אינם טאָן; דאָס איז יענעם געפעלן געווען ווען ער האָט צו אים גערעדט ליבלעך, אָבער מאָרגן, ווער ווייסט, קאָן ער אים אינגאַנצן פאַרגעסן. וואָס וואָלט געווען דעמאָלט?...

פריער, ווען ער האָט געטון זיין אמתע עובדא, האָט ער געהאַט אין זיך אַ פעסטן רעגוליאַטאָר, וואָס האָט באַשטימט, וואָס ער דאַרף יאָ טון און וואָס ישט. איצט האָט ער אין זיך נישט געהאַט אַזאַ רעגוליאַטאָר און אים איז דעריבער אויסגעקומען זיך אומצוקוקן אין אַלע זייטן און אָנצושטרענגען זיך ביים

קלערן און טראַכטן, וווהין אַ קער צו טון זיך, ווּעמען נאָכצו־ געבן, כּדי נישט אומצוקומען.

פון דער זייט האָט מען געוויס געזען זיין אָנגעשטרענגט אומרויִק פּנים, דאָס פּנים פון אַ מענטשן, וועלכער איז אַריינ־ געפאַלן אין פּחדנות און זיך פאַרלוירן ביז גאָר, טראָץ זיינע שטענדיקע אָנשטרענגונגען צו שאַפן אין זיך אַן איבערלעבכן אַנלעגנונגס־פונקט. צו דעם האָט ער זיך באַמיט צו געדענקען וועגן זיין מענטשלעכן ווערט, זיך באַמיט אַליין איינצורײדן, אַז מען דאַרף אויף אַלץ קוקן פון אויבן אַראָפּ. ער האָט אפילו געפּרווט טראַכטן וועגן זיין אומשטערבלעכער נשמה, וועלכע דאַרף זיך נישט איינקאָרטשן אין צוזויפקוועטשן פאַר נישטיקע ריין אויסערלעכע לעבנס־באַדינגונגען, נאָר שטיין העכער פון זיי.

די לעצטע געדאַנקען, ד. ה. וועגן דער אומשטערבלעכער נשמה, זענען שוין געווען גאָר אַ נייעס אין זיין לעבן, ווייל ער איז דאָך געווען נישט קיין גלויביקער און נישט געגלייבט אין השארת־הנפש, נאָר פּונקט ווי אַ קראַנקער, וואָס האָט שוין אויספּראָבירט אַלע לעצטע קוראַציע־מעטאָדן, כאַפּט זיך מיט אַ פאַרצווייפלונג וועגן אָן פּאָרן לעצטן מיטל און ווענדט זיך צו טרעפערס און צו אַ בעל־נס, — אַזוי האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר דידאָזיקע געדאַנקען, ווען קיין אַנדער זאַך האָט שוין גאָר־ נישט געקאָנט העלפן.

ס'איז געווען נאָך אַ שטאַנדפּונקט, וועלכער האָט אויף אַ געוויסער צייט ווירקלעך געהאָלפן: דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט געזאָגט און געמאַכט אַן אויספיר, אַז אַלץ גייט סיי־ווי־סיי צוגרונט. דעריבער דאַרף מען זיך בעסער עפּעס פאַרגעסן — אַלצאיינס, און וואָס, כּדי נישט צו זען, נישט צו הערן, נישט צו פילן, אַבי פאַרברענט צו ווערן, ווי אַ פייערווערק — און אַ סוף. אין דעם פאַל פלעגט אים אפילו אַרומכאַפּן עפּעס אַ תּאוהדיקער דורשט אומצוקומען און אויסגעמעקט צו ווערן פון דער וועלט. נאָר אויך דאָס פלעגט אים אויף לאַנג נישט קלעקן. ס'האָט נאָר געדאַרפט אונטערקומען עפּעס אַ נייע רע־

אַלע אומרויקייט אָדער סכּנה, ווי דאָסדאָזיקע מיטל האָט שוין אויך אויפגעהערט צוווירקן.

אפילו אַט איצט, ווען ער איז געגאַנגען צו דער פאַר־זאַמלונג אין דער גרויסער אוידיטאָריע, האָט ביי אים דאָס האַרץ געקלאַפּט אויף אַ זייער נישט אָנגענעמען אופן.

פון דער זייט האָט מען געוויס געקאָנט באַמערקן זיין אומרויקייט, טראַצדעם, וואָס ער האָט אָנגענומען מיטלען צו האַלטן פאַרבאָרגן זיין אינערלעכן צושטאַנד, ווי: דאָס באַטראַכטן די הענט זיינע, דאָס איבערבלעטערן זיין גאָטיק־ביכל, א. א. וו. דערביי האָט ער באַזייטנדיק אויפגעהויבן די ברעמען און עפּעס פאַרנאָטירט מיט אַ בליישטיפט אין ביכל, הגם צו נאָטירן איז לחלוטין נישט געווען וואָס, און ער האָט בלויז אַרומגע־נומען מיט ליניעס דאָס, וואָס דאָרט איז געווען פאַרנאָטירט פון פריער

אין דער אוידיטאָריע זענען געווען פאַרנומען כּמעט אַלע בענק, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט, אַנהייבנדיק פון דער עסטראַדע אינם אַמפיטעאַטער ביז אויבן אַרויף. און אַלע, וואָס זענען געזעסן, האָבן זיך אומגעקוקט אויף יעדן ניי־אָנגעקומענעם און אים באַגלייט מיט די אויגן אינדערצייט, ווען ער האָט זיך אויסגעקליבן אַן אָרט, אַריבערגעקראָכן פאַרביי די קני פון די, וואָס זענען שוין געזעסן אָדער, רויט ווערנדיק אונטער די בליקן, וואָס זענען געווען אויף אים געווענדט, געבעטן זיך ביי יענע, וואָס זענען געזעסן אויף די עקן באַנק, זיי זאָלן זיך אַ רוק טון.

קיסלי־אַקאָווין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן זיך צו אויפמערקזאַם, ווי ער וועט זיך זעצן.

ער האָט זיך דערמאָנט פאָלוכינס ווענדונג צו אים און זיך באַמיט איינצורעדן און איבערצייגן, אַז זיין געוויסן איז ריין, אַז ער האָט באַוווסטזיניק און פעסט זיך אויסגעקליבן אַ ריכטונג און זיינע סימפּאַטיעס זענען נישט קיין צופעליקע, דעריבער קאָן ער דאָ רעדן גאַנץ רויק. דאָס איז מער נוגע זיינע חברים, אָבער נישט אים.

אויף דער עסטראַדע איז געשטאַנען אַ טיש, באַדעקט מיט

ייִדישער צענטער
ביבליאָטעק
[illegible]

רויטן געוואַנט און פאַרן טיש זענען געזעסן צוויי קאָמסאָמאָל-צעס — מאַסלאָוו און טשוריקאָוו מיט טאַרטשענדיקע האָר, וואָס זענען געווען אָפּגעבערעגט פון דער זון. טשוריקאָוו האָט עפּעס נאַיוו אויסגעהויבן אינדערהייך די ברעמען, קוקנדיק אין אַ פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פאַר אים, און כסדר אַלץ געהאַלטן אין איין אויסגלייכן אויף זיך זיין בלוזע.

פונוואַנען האָבן זיי באַוויזן צו באַקומען דאָס געוואַנט? — האָט קיסליאַקאָוו זיך געטראַכט, אַביסל ברוגזלעך, אויף „זיי".

פּונקט פיר אַ זייגער איז דורך דער זייטיקער טיר אַריינגעקומען פּאָלוכין און איז אַרויף אויף דער עסטראַדע. קיסליאַקאָוו האָט דערפילט עפּעס אַ צופרידנקייט, וואָס מען פילט, ווען מען זעט אויף דער עסטראַדע אַ באַקאַנטן מענטשן, מיט וועלכן מ'האָט נאָר וואָס געהאַט אויג-אויף-אויג אַ אינטימען געשפרעך.

פּאָלוכין איז צוגעגאַנגען צום טיש און שנעל, גלייך ווי עס גייט אַריין אַ פּאָרזיצער פון אַ פאַרזאַמלונג, ווען אַלע זיצן שוין אויף די ערטער, איז ער, נישט פאַרלירנדיק קיין מינוט און נישט ווילנדיק זיך מיט באַקוקן די פאַרזאַמלטע, גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך אנגעשפּאַרט אָן די דלאָניעס אויפן טיש מיטן געוואַנט און איינביגנדיק זיך אַביסל פּאָרויס איבערן טיש, האָט ער געוואָלט אָנהייבן די זיצונג. צו אים איז אָבער צוגעגאַנגען דער ווייסער קאָמסאָמאָלעץ, צורעכטמאַכנדיק בעתן גאַנג זיין בלוזע, און האָט אָנגעהויבן עפּעס צו רעדן צו אים, ווייזנדיק עפּעס אַ פּאַפּירל.

מאַסלאָוו, צוגייענדיק צו פּאָלוכינען פון דער אַנדערער זייט, האָט אויך אַ קוק געטון אויף דעם פּאַפּירל. און זיי האָבן זאַלבעדריט אָנגעהויבן פאַרן שווייגנדיקן זאַל אינדערשטיל עפּעס צו באַהאַנדלען און צו באַראַטן. פּאָלוכין האָט בעת-מעשה פון צייט צו צייט אויפגעהויבן די אויגן אויף די שטאַרק באַזעצטע בענק פונם אַמפיטעאַטער און זיין גלעזערן אויג האָט געקוקט שאַרף און אומבאַוועגלעך, און דאָס לעבעדיקע אויג איז קאָנצענטרירט בעשפרונגען איבער די פּנימער פון די פאַרזאַמלטע,

ער האָט זיך צוגעהערט, לייכט איינבייגנדיק דעם קאָפּ, וואָס מאַסלאָוו האָט גערעדט צו אים, בעת דער ווייסער טשוריקאָוו האָט זיך באַמיט אים איבערצורייסן אינמיטן און עס נישט באַוויזן.

קיסליאַקאָוו איז געזעסן און האָט אומבאַוועגלעך געקוקט אויף פּאָלוכינען, ווי ווילנדיק, אַז פּאָלוכין זאָל זען, אַז ער, קיסליאַקאָוו געפינט זיך דאָ, און יענער זאָל זיך מיט אים באַגעגענען מיט זיין בליק.

פינוואַנען נעמט זיך צו זיי אַזאַ חשיבות, תקיפות רויקייט און פאַראַכטונג צו די, וועלכע זיי האָבן אַהער גערופן צו דער פאַרזאַמלונג נאָך די אַמט-שעהן? — האָט צו קיסליאַקאָוון זיך געווענדט איינער פון די מיטארבעטער, וואָס איז געזעסן הינטער אים.

אינדערזעלבער צייט האָט פּאָלוכין אָפּגעזוכט מיט די אויגן קיסליאַקאָוון און יענער, נישט ענטפערנדיק אויף פּאָלוכינס בליק און אגב אויך גאָרנישט אָפּענטפערנדיק אויף דער באַמערקונג פונם חבר, האָט דערשפּירט אין רוקן עפּעס אַזעלכעס, ווי מ׳וואָלט אים אַריינגעשרויפט אַ שטעקן צווישן די פּלייצעס.

ענדלעך איז פּאָלוכין פּטור געוואָרן פון ביידע קאָמסאָמאָלצעס און האָט זיך ווידער אָנגעשפּאַרט מיט די דלאָניעס אויפן עק טיש. דער זאַל איז שטיל געבליבן.

— חברים? — האָט פּאָלוכין אָנגעהויבן און געוואַרט ביז וואַנען ס׳וועלן שטיל ווערן די לעצטע באַוועגונגען, דאָס איבערשעפּטשן זיך און דאָס אַרומגיין פון די, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט צו קומען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן. דער זין פון זיין רעדע איז געווען אַזעלכער, אַז דער גאַנצער אינטעליגענטישער טייל באַאַמטע האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך.

— כ׳בין אַהער אָנגעקומען, כּדי צו אַרבעטן און אין אָנהייב האָב איך זיך נאָר צוגעקוקט צו אונדזער אינסטיטוציע און צו דער אָרדענונג, וואָס עס הערשט דאָ. איך וויל אייך איבערגעבן וואָס איך האָב דאָ געזען און געפונען, אויב איר וועט זאָגן, אַז איך רעד ריכטיק און יושרדיק, טאָ לאָמיר פאַריכטן

דאָס, וואָס דאָ איז נישט אין אָרדענונג, פאַריכטן, טראָצדעם ווידערשטאַנד פון אַ געוויסן טייל מיטאַרבעטער. ווי גרויס יענער טייל זאָל נישט זיין. ס'קאָן זיין, אַז מיר וועלן אים דערנאָך קלענער מאַכן.

די ערשטע רייען זענען געזעסן און געקוקט פאַר זיך מיט אַן אויסדרוק, וואָס האָט געזאָגט אַז אויב מ'האָט זיי אַהערגערופן און דאָ אַוועקגעזעצט, וועלן זיי זיצן, — אַ ברירה האָבן זיי און אַז דאס אייזל קאָן מען צופירן צום וואַסער, אָבער...

אָבער אין די ווייטערע רייען האָט פּאָלוכינס דאָזיקע פראַזע געצוווּנגען אַלעמען זיך אַ ריר צוטון און באַדייטנדיק זיך איבערקוקן צווישן זיך.

— מיינע באַאָבאַכטונגען גייען אין צוויי ליניעס — האָט פּאָלוכין ווייטער גערעדט, נישט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף דעם, וואָס די הינטערשטע רייען רירן זיך עפּעס און ווייזן אַרויס אַ אומרויִקייט — דאָס ערשטע איז נוגע די אַרבעט גופא, וועלכע מיר ווייזט זיך אויס פאַר אַ שענדלעכע אין אונדזער צוזאַמענזיין. „דאָ אַרבעט מען פאַר דער וויסנשאַפט” — זאָגט מען מיר און דידאָזיקע וויסנשאַפט איז אַזוי פאַרשטאָפּט און פאַרפּראָפּט, אין אָט די ווענט. אַז זי וועט קיינמאָל נישט דערגיין צו די מאַסן. צו וואָס־זשע דאַרפן מיר אַזאַ וויסנשאַפט?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פון זיין פראַגע, די ערשטע רייען זענען אָבער ווייטער געזעסן מיטן זעלבן אויסדרוק, וואָס אין אָנהייב. און ווי איינער האָט זיך באַפעסטיקט, מיט זיין בליק אויף עפּעס אַ פונקט — צי ער אויפן פיסל פון טיש, צי ער אויף דער שנור פונם געוואַנט, איז מען אַזוי געזעסן ווייטער, נישט אַראָפּנעמענדיק זיין בליק פון יענעם פונקט.

— מיר זאַמלען און זאַמלען, אָבער וואָס קומט פון דעם אַרויס דעם פּראָלעטאַריאַט. וואָס פאַרא נוצן האָט ער פון דעם, ווען ער האָט דאָך נישט קיין צייט אַריינצוקומען און צוזען, וואָס מיר האָבן צונויפגעזאַמלט, און מיר ווייזן גאָרנישט דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעזאַמלט. און

וואָס זאָלן מיר זיי ווייזן? צאַרישע געלעגערס און קריגן פון אַמאָליקע צייטן צו טרינקען וואַסער? דאָס האָט מען דאָך פאַר דער רעוואָלוציע אויך געוויזן.

קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ פרייען בליק פון אַ מענטשן, וואָס דאָס געוויסן איז ביי אים ריין, האָט זיך באַגעגנט מיטן בליק פון אַ מיטאַרבעטער, וואָס איז ביי אים געזעסן פון הינטן, (דאָס איז געווען אַ נידעריק-דענקנדיקער מענטש מיט אַ פליכיקן קאָפּ און מיט קליינע ווייסע וויעס) יע- נער, אויפהייבנדיק פאַרחידושט די וויעס, פון וואָס די גאַנצע דינע הויט זיינע פונם שטערן האָט זיך צונויפגעצויגן אין קליי- נע פאַלדן, — האָט שווייגנדיק באַדייטנדיק אַ קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון. קיסליאַקאָוו האָט אויף זיין מימיק נישט געענט- פערט.

— מיר דאַרפן זיך באַראַטן, וויאַזוי מיר זאָלן איצט אַרבעטן און וויאַזוי איצט צו ווייזן דעם פּראָלעטאַריאַט דאָס וואָס דאָ איז צונויפגעזאַמלט, — האָט פאָלוכין פאָרגעזעצט, בעת דער ווייַ- סער טשוריקאָוו האָט מיט אַן אויסזען פון אַ לעבהאַפטן הסכם, אַ קלאַפּ געטון מיט אַ בליישטיפט איבערן טיש. פּונקט ווי פאָלו- בין האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער טשוריקאָוו, האָט געטראַכט.

— דאָס איז די ערשטע ליניע, און די צווייטע ליניע איז— וואָס דאָ עקזיסטירט צווישן אַ געוויסן טייל מיטאַרבעטער עפּעס ווי אַ געהיימע אָפּגערעדטע זאַך... (די שיטערע וויעס פונם פלי- בעוואַטן מיטאַרבעטער. וואָס איז געזעסן הינטער קיסליאַקאָוון, זענען אינגאַנצן אַראָפּגעקראָכן אויפן שטערן). זיי ווענדן אָן אַלע אָנשטרענגונגען דערצו, אַז מ׳זאָל די נייע מיטאַרבעטער פון פּראָ- לעטאַריאַט, וואָס קומען אַהער אָן, אָוועקשטעלן אין אַזעלכע באַ- דינגונגען, ביי וועלכע יענע זאָלן בשום-אופן נישט קאָנען אַר- בעטן זיי קומען נישט די נייע מיטאַרבעטער פון פּראָלעטאַריאַט, חבריש צו הילף נישט מיט קיין אָנווייזונגען און נישט מיט קיין עצות און אַלע אַרבעטן זיי ווי אַמאָליקע באַאַמטע: אָפּגעזעסן דיין צייט און אַ סוף. ביי אונדז איז פאַר אַ חודש צייט נישט פאָרגעקומען קיין איין פאַרזאַמלונג, קיין איין געמיינזאַמער אויס-

פלוג און קיין איין עקסקורסיע. אלע לעבן איינזאם און אפגעזונדערט, איצט איז ביי אונדז פארטן א נישט באדייטנדיקער פראצענט פון קאמסאמאל, ווען איך בין אנגעקומען איז קיין קאמסאמאלעץ דא נישט געווען אויף קיין רפואה. צו ווילט איר זיך צוגרייטן א אויפלייזונג פון דער וואך דורך אן אנדערן — האט באלוכין פלוצלינג געזאגט, ווענדנדיק זיך צום גאנצן זאל און אויף זיין באק, ביים טויטן גלעזערנעם אויג האט עפעס א ציטער געטון — טא וועלן מיר זיין געצוווּנגען אייך צוצוגרייטן אזא ענדערונג — האט ער פמעט א געשריי געטון, מאכנדיק אין דער לופט אן אפגעהאקטע באוועגונג מיט דער האנט.

ער האט ווי פארלוירן דעם פאדעם פון געדאנק און האט איבערגעשטעלט פאר זיך אויפן טיש די קאראפקע מיט וואסער. דערנאך האט ער ווידער פארגעזעצט.

— דער ארבעטער־קלאס פירט דורך זיין אייזערנע ליניע און וועט קאנען אפטרייסלען פון זיך און באזייטיקן פון זיין וועג די אלע, וועלכע שטערן אים אין זיין ארבעט און שטעלן אריין שטעקנס אין די רעדער, וועלכע זענען לויט זייער מהות. נישט פעיק צו ווערן מיטגלידער פון קאלעקטיוו. מען שרעקט אונדז אן אז מיר וועלן זיך נישט קאנען באגיין אן זיי. ס'קאן זיין, אז צייטווייליק וועלן מיר מחמת דעם האבן שאדן, און א גרויס שאדן, דערפאר וועלן מיר וויסן, אז צו דער אייגענער קעשענע דארף מען נישט צושטעלן קיין וועכטער, ווייל פון טאש ארויס נעמט געלט נאר די אייגענע האנט. נישט אזוי?

ער האט ווידער געמאכט א שארפע באוועגונג מיט דער האנט אראפ צו א באדייטנדיקן טייל פון דער אודיטאריע, די קאמסאמאלצעס, טעכנישע אנגעשטעלטע און עטלעכע פון די מיט־ארבעטער האבן אנגעהויבן צו פאטשן בראווא.

דאגעגן דער אנדערער טייל, אפילו די וועלכע האבן עקשנותדיק די גאנצע צייט געקוקט אויף די פיס פונעם טיש און די שנורן פונעם טישטוך, האבן זיך אין שרעק איבערגעקוקט צווישן זיך, ווי עס קוקן זיך איבער זעלנער וועלכע האבן זיך רויק צעשאטן אין דער פאדערשטער קייט און אין דערזעלבער צייט האבן

זייערע חברים, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן פון היגטן אויף דער ערד פלוצלינג אַ שאָס געטון אויף זיי, אין דער פאָדערשטער קייט.

די ערשטע צייט איז פאַר אונדז נייטיק אָנצוונעמען צען מענטשן פון אונדזער סמיענע. און די אַלטע אַרבעטער וועט דעריבער אויסקומען זיך צו מאַכן ענג — זיי צו געבן פּלאַץ.

ער האָט זיך אָנידערגעזעצט. ווי שטענדיק, גלייך אָנרירנ-דיק זיך מיטן גאַנצן רוקן אין דעם אָנלען פון שטול, און באַ-טראַכט דעם זאַל אַזוי רויק, פּונקט ווי ער וואָלט גאָרנישט גע-האַט גערעדט.

אין אַ ווייל אַרום האָט ער זיך ווידער אויפגעהויבן און געזאָגט:

— ווער וויל זיך אַרויסזאָגן?

די גאַנצע אַנטעליגענץ האָט געשוויגן. אין דער אַנטשטאַ-נענער שטילקייט האָט זיך גאָר דערהערט די פראַנצויזישע שפּראַך פון מאַריע פּאַוולאָוונע, וועלכע האָט זיך מיט דער גאַנצער זייט אַ קער געטון אויף דער באַנק צו איר שכנטע און אויפגערעגט מיט איר גערעדט.

אַנדריי איגנאַטעוויטש איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט. אין זיין פּריציש הויכע פיגור איז געווען אַ באַשיידענע חשיבות און גלייכצייטיק אַ נישט פאַרבאָרגענע קנאה צו זאָגן עפּעס אַזעל-כעס, וואָס קאָן זיך אַרויסווייזן פאַר נישט אָנגענעם דעם „חבר דירעקטאָר".

די גאַנצע אינטעליגענץ האָט טאַקע אַזוי פאַרשטאַנען דעם אויסדרוק פון זיין פּנים און אַלע האָבן מיט האַרצקלאַפּעניש און בענטשנדיקע בליקן געוואַרט אויף זיינע דרייסטע רייד.

ער האָט איבערגעפירט זיין בליק איבער דער פאַרזאַמלונג און פּונקט ווי ער וואָלט דערפילט דאָ אַן אונטערשטיצונג האָט ער געזאָגט:

— אונדזער נייער חבר דירעקטאָר וויל צווינגען די וויסנ-שאַפט צו אַרבעטן אויף די פרייע פּלעצער...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע. אַלע זענען ווי

פֿאַרשטאַרט געוואָרן און האָבן נאָר שווייגנדיק זיך איבערגעקוקט און איִם געמאַכט א צייכן מיט די אויגן, געבנדיק אים צו פֿאַרשטיין, אַז זיי שעצן אָפּ ווי ס׳געהער צו זיין גוטמוטיקייט און אַז זייער גאַנץ מיטגעפֿיל איז אויף זיין צד.

— דאָס קאָן זיין וועט זיין עפֿעקטיש אין אַגיטאַטאָרישן זין און, אַזוי צו זאָגן, גיך געשאָסן נאָר די אמתע וויסנשאַפֿט וועט פֿון דעם נאָר ליידן, ווייל זי איז פֿרוכטבאַר נאָר אינדערשטיל און אין „לאַנגזאַמקייט”. נאָר אין דער שטילקייט און לאַנגזאַמקייט אַרבעטן זיך אויס און ווערן קאָנטראָלירט די העכסטע וויסנשאַפֿטלעכע וואַלאָרן.

ווי איבערצייגנדיק זיך אין דער וואַרעמער אונטערשטיצונג פֿונם גאַנצן אינטעליגענטישן טייל פֿון דער אוידיטאָריע, האָט ער זיך שוין נישט אומגעקוקט און, ווענדנדיק זיך בלויז צום פּרעזידיום, האָט ער ווייטער גערעדט:

— מ׳דאַרף אויך באַמערקן, אַז די וויסנשאַפֿט איז נישט קיין קאָאָפּעראַטיווער טיש (דער קאָמסאָמאָלעץ טשוריקאָוו, וועלכער האָט עפּעס געמאָלט אויף א פּאַפּיר, האָט ביי דידאָזיקע ווערטער א ציטער געטון און האָט אפילו געוואָלט אַ שפּרונג טון, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער אינדערגיך עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און דאָס איבערגעבן פּאָלוכינען. מאַסלאָוו און פּאָלוכין זענען געזעסן, נישט א ריר טוענדיק מיט קיין אבר, קוקנדיק רויק פֿאַר זיך, טראָצדעם, וואָס איבערן גאַנצן זאַל האָט זיך אַריבערגעטראָגן, אַ טייל אַ דערשראָקענער, און א טייל א באַגייסטער געפּליסטער).

— יאָ, נישט קיין קאָאָפּעראַטיווער טיש אויף אַוועצולייגן די פֿאַרקויפֿטע סחורות — האָט אַנדריי איגנאַטעוויטש ווייטער גערעדט — צו איר טאָר מען נישט אַזוי פֿריי אַוועקזעצן די אָדער אַנדערע, מ׳טאָר נישט נעמען און אָפּקאָמאַנדירן צו איר א בייטיקע „זמיאַנע” פֿון כּך-וכך מענטשן. מ׳טאָר עס נישט טון דערפֿאַר, ווייל די וויסנשאַפֿט האַלט זייער פֿון אינדיווידואַליטעט און באַציט זיך צו אים מיט יראת־הכבוד. דאָרט ווי די אינדיווידואַליטעט איז דערשטיקט און דערדריקט, איז די וויסנשאַפֿט

זיך גרויזאַם נוקס. מ׳קאָן אָנבויען וועלכע מען וויל וויסנשאַפטלעכע אָנשטאַלטן (ער האָט מיט דער האַנט געמאַכט אַ ברייטן זשעסט אַרום זיך) און מיט וואָס־נאָר מען וויל פאַר אַ הויכע נעמען זיי אָנרופן — דערפון וועלן אָבער קיין וויסנשאַפטלעכע וואַלאָרן נישט צוקומען.

אַרויסריידנדיק דאָס שוין מיט אַן אויפגערעגטער שטים (די הענט וואָס זענען איבערגעלאָפן אַראָפּ און אַרויף איבער די קנעפּ פון זיין מאַרינאַרקע, האָבן באַשיינפּערלעך געציטערט), האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. אין זאַל איז געוואָרן אַ פּיינלעכע שטילקייט. אַנדריי איגנאַטעוויטש האָט, וואַרשיינלעך געוואַרט, אַז דער גאַנצער זאַל וועט אויסברעכן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פון די, וואָס האָבן אים געמאַכט בענטשנדיקע און חשק־אונטערגעבנדיקע צייכנס מיט די אויגן.

נאָר דאָס איז נישט געשען, און אין זאַל איז געווען שטיל.

— חבר טשוריקאָוו, — האָט פּאָלוכין געזאָגט, צונופּוויקלענדיק אין אַ טראָמפּקעלע דאָס שטיקל פּאַפּיר, וואָס טשוריקאָוו האָט אים דערלאַנגט, — איר האָט דאָס וואָרט.

טשוריקאָוו איז גיך אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, פּונקט ווי ער וואָלט יעדע רגע געוואַרט, אַז מ׳וועט אים אַרויסרופן, האָט אַ צי געטון פון הינטן זיין בלוזע און אומקוקנדיק זיך אויפן פּרעזעס, אָנגעהויבן:

— מיר האָבן נאָר־וואָס געהערט אַ דערקלערונג פון איינעם פון די פאָרשטייער פון דער אָפּגעשטאָרבענער קאַסטע, דער קאַסטע פון די אַזוי גערופענע געלערטע. וואָס לייגט ער פאָר? „לאָזט נישט ארויס, זאָגט ער די וויסנשאַפט אויף די פרייע פלעצער...” ווו־זשע דען דאַרף זי זיין? אין די קאַבינעטן? דערדאָזיקער מענטש האָט זיך גאָרנישט גערעכנט מיט דער נייער באַוועגונג, וועלכע האַלט, אַז די וויסנשאַפט. איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק, זי האַלט נישט פון אַ וויסנשאַפט, וועלכע אַרבעט לשם עפּעס אַן אומבאַוווסטער צוקונפט און וועט נישט געבן קיין לעבעדיקע רעזולטאַטן די מאַסן, וועלכע ווילן אַליין דערגרייכן רעזולטאַטן און נישט וואַרטן אויף „לאַנגזאַמע” רעזולטאַטן גאַנצע צענדליקער יאָרן פון די „כהנים”.

ער האָט עס גערעדט מיט היץ און ברען, אומקוקנדיק זיך די גאַנצע צייט אויפן פּרעזעס, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך דערוויסן, צי ער רעדט וואָס מען באַדאַרף רעדן און צי האָט זיך שוין נישט געענדיקט די צייט, וואָס ער האָט צו רעדן.

— מיט די כהנים האָט מען איצט געמאַכט אַ סוף! — האָט טשוריקאָוו פאַרגעזעצט, — אויב זיי פאַרשטייען נישט די פאָדערונגען פון דער צייט, וועלן מיר זיי אַרויסיאָגן און די וויסנשאַפט וועלן מיר פונדעסטוועגן אַרויסטראָגן אויף די פרייע פעלדער.

ער האָט געענדיקט און זיך אַנידערגעזעצט אַזוי אומגעריכט, אַז די סימפּאַטיקער קאָמסאָמאָלצעס און טעכנישע אָנגעשטעלטע מיט נישט קיין באַדייטנדיקן טייל פון דער אינטעליגענץ האָבן דורכגעלאָזט דעם מאָמענט און נישט באַוויזן צו אַפּלאָדירן. אַ רגע איז אַריבער אין שווייגן און ערשט דאַן האָבן זיך דערהערט טריומפירנדיקע און אַרויסרופנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

טשוריקאָוו, וועלכער האָט זיך באַמיט אויסצוזען רויק, ווי פּאָלוכין און מאָסלאָוו, האָט אויפגערעגט צעשויבערט די האָר און זיך אומגעקוקט דאָ אויף איין זייט און דאָ אויף דער אַנדערער, פונוואַנען עס האָבן אים געמאַכט צייכנס די אייגענע מענטשן.

פּאָלוכין האָט, אויפשטייענדיק, געזאָגט:

— דער חבר טשוריקאָוו האָט אין עצם געזאָגט ריכטיק. איך האַלט, אַז ביידע צדדים האָבן געגעבן אַן אויסשעפּנדיקע אָפּשאַצונג, יעדער אויף זיין שטייגער. מעריך זיין וועלן מיר נישט. וועט די פאַרזאַמלונג באַוויליקן אָנצונעמען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע...

— ביטע — האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע שטימען.

— ...אויסהערנדיק דעם באַריכט פונם חבר פּאָלוכין וועגן דער קאָנסטרוקציע און אַנטוויקלונג פונם מוזיי דערקלערן מיר, מיטאַרבעטער וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אויף דער אַלגע־

מיינער פאַרזאַמלונג, אַז די אַרבעט אין מוזיי דאַרף גרונטלעך איבערגעבויט ווערן לויט די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם.

אין אַ סאָוויעטישן וויסנשאַפטלעכן אַנשטאַלט איז נישט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר יענער וויסנשאַפט, וועלכע אַרבעט „פּאַ-מעלעך" און גייט נישט אין פוס*) מיט דער מאָדערנישקייט, נאָר ציט צוריק.

מיר גרענעצן זיך אָפּ אַנטשידן פון יענעם טייל עלעמענטן וואָס זענען אונדז פרעמד און ווילן נישט האָבן קיין שום מגע-ומשא מיט יענע, (דער אונטעליגענטישער טייל פון דער פאַר-זאַמלונג האָט ביי דידאָזיקע ווערטער עמפּערט זיך איבערגעקוקט) וואָס האָבן די דרייסטקייט דורכצופירן אַן אידעאַליסטישע ליניע אין דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און שליידערן באַליידיקונגען אויפן אַדרעס פון די וויסנשאַפטלעכע סאָוועטישע אינסטיטוציעס.

— ווער איז קעגן דערדאָזיקער רעזאָלוציע? — האָט פּאַ-לוכין געפרעגט, אַרומפירנדיק זיין בליק איבער דער פאַרזאַמלונג דערביי האָט נישט נאָר זיין גלעזערנער בליק נאָר דאָסמאָל אויך דער לעבעדיקער געקוקט באַזונדערס שאַרף.

דער זאַל האָט גאַרנישט געענטפערט. אַלע האָבן גע-שוויגן.

— די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק — האָט פּאַלוכין געענדיקט.

*) אין קאָנטאַקט.

XIII

יעלענע וויקטאָראָווגע האָט פון סאַמע אינדערפרי אָן זיך אָנגעהויבן מכין צו זיין צו דער רייזע.

קודם־כל האָט זי די גאָלדענע זאַכן אַוועקגעטראָגן צו דער שכנטע זוועניגאָראָדסקע אויף אָפּצוהיטן. מיט דער זוועניגאָראָדסקע האָט זי, להיפוך צו די מחלוקות מיט די איבעריקע שכנים, געלעבט גאַנץ גוט און זיי זענען ביידע, קאָן מען זאָגן, צווישן זיך געווען זייער באַפריינדעט. זיי פלעגן זיך אפילו איינע דער אַנדערער אָנטרויען זייערע סודות. זי האָט צו איר אָפּגעטראָגן די טייערע חפצים, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אז דער מאַן קאָן נאָך פאַרגעסן, ווען עס איז צו פאַרשליסן דאָס צימער און מ׳קאָן אַזוי־אַרום די זאַכן אַוועקגנבענען. דער טאָג איז אָבער אויסגעפאַלן זייער אַן אומרויקער און די הכנות זענען שטאַרק געשטערט געוואָרן.

ערשטנס האָט מען געבראַכט א רעכנונג פון דער עלעקטראָווניע. היות דאָס געלט פאַר עלעקטרי האָט זי געהאַלטן און אויפגעמאָנט פון אַלע שכנים, האָט זי געוואָלט פאַרן אַוועקפאָרן רעגולירן דעם רעכענונג און פטור ווערן פון דעם עסק. האָט זיך אָבער דאַסמאָל איבערגעחזרט די געוויינטלעכע געשיכטע, וואָס יעדעס מאָל ביים איינצאָלן פאַר עלעקטרי: איינער פון די שכנים איז נישט געווען אינדערהיים און דאָס ווייב „ווייסט נישט״ (וואָס אייגנטלעך איז דאָ דאָ צו וויסן?), דאָרט איז דער מאַן יאָ אינדערהיים, — איז דאָס ווייב נישטאָ און דאָס געלט איז

בײַ איר. דער ווידער, ווי אויפצוהכעיס, האָט איצט קײן געלט נישט, דעריבער בעט ער, אויסצובאָרגן און באַצאָלן פאַר אים. און אין קיך האָבן די ווײַבער פון די שלאָסערס אויפגעהויבן אַ געשרײַ, הלמאי דער אָפּצאָל פאַר עלעקטרי ווערט נישט ריכטיק אײַנגעטײלט.

— איר ברענט דאָך אַזויפיל! — האָט אײן פרוי געשריגן, איבערגײַענדיק מיטאַמאָל אין אָפּאָזיציע — און ווען עס קומט צו צאָלן, ווילט איר אָפּקומען מיט שהיו-פּיו! און ווירקלעך, בײַ די שלאָסערס האָט אונטערן סופיט געברענט נאָר צו אײן לעמפּל וואָס האָבן אויסגעשטראַלט אַ געלבלעכן טריבן שײַן. און גײַן שלאָפן פלעגן די שלאָסערס מיט זײער הויז-געזונט צען אַ זײגער און וואָס אָנבאַלאַנגט די מולאַרזשעס, — פלעגן יענע אינגאַנצן נישט באַנוצן קײן עלעקטרי און אָפּעסנדיק אָוונטברויט פון געמײנזאַמען קעסעלע, פלעגן זײ גײן שלאָפן מיט די הינער צוגלײַך, ווען ס'איז נאָך געווען ליכטיק, כּדי מאָרגן אויפצושטײן פריער פון אַלעמען און אַוועקגײן צו דער אַרבעט. אויף דעם באָדן פלעגן פאָרקומען אַ סך מיספאַרשטענדענישן און מחלוקות צווישן די שכנים און יעלענע וויקטאָראָוונע אויף וועלכער ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט צו פירן די רעכענונגען פון דער עלעקטרי, האָט געהאַט פון די שכנים צו זינגען און צו זאָגן און שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פון אַזאַ „ערן-פּאָסטן". בעת די סקאַנדאַלן, וואָס פלעגן פאָרקומען בײַם אָפּרעכענען זיך פאַר דער עלעקטרי פלעגן זיך צונויפלויפן כּמעט אַלע שכנים און דאָס קלײנוואַרג. ס'פלעגט ווערן אַ אומבאַשרײַבלעכער טומל און געפּילדער. דער בולדאָג, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט אין צימער, האָט זיך דאָרט געבונטעוועט און געווילדעוועט, געדראַפּעט מיט די לאַפּעס די טיר, ווײַל ער האָט געוויס געמײנט, אַז מען באַלײדיקט די באַלעבאָסטע.

חוץ דעם, האָט סאָפיע פּאַוולאָוונע דיאַקאָנאַ, שוין דעם טאָג גראָד זיך צעקריגט מיט דער מיעסטשאַנקע צוליב דער קאָמורקע, פאַר וועלכע זײ האָבן שוין לאַנג געפירט צווישן זיך אַ קאַמף און אײנע אויף דער אַנדערער אָנגעגעבן אין געריכט. סאָפיע

פּאָוולאָוונע האָט געוואָלט אַריינלייגן וועש אין וואַנע איבערצו־וואַשן — איז שוין דאָרט געלעגן די וועש פון דער מיעסטשאַנקע; זי האָט עס פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן און דערנאָך צעבערעכנדיק די טיר פון קעמערל, איבער וועלכן מ׳האָט זיך אַרומגעקריגט, האָט זי פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן אַלע שמאַטעס פון דער מיעס־טשאַנקע, וועלכע זענען דאָרט געלעגן. יענע האָט דאָס דערזען און מיט א ווילדן געשריי. מיט וועלכן די אינדיאַנער וואַרפן זיך געוויס אויף זייערע קרבנות כּדי אַראָפּצונעמען פון זיי די גזשי־בעס, איז זי איר מיט די נעגל אַריינגעקראָכן אין די האָר...

ווען דאָס געשלעג אין קאָרידאָר האָט זיך געענדיקט, איז צו יעלענע וויקטאָראָווגען אַריינגעקומען אָנגעטון אין קאַפּעלוש און אין בלאָען ענגלישן אַנצוג, זוויענגיגאָראָדזקע, צו וועלכער זי האָט מיט א שעה צוריק אָפּגעטראָגן די גאָלדענע הפצים. זוויע־ניגאָראָדזקעס איידל און שיין פּנים מיט גאָלדענע האָר־לאָקן, וואָס האָבן זיך אַפּערגעשלאָגן פון אונטערן קאַפּעלוש, האָט געהאַט אַן אויסגעמאַטערט אויסזען. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און שווייגנדיק אַראָפּגענומען די הענטשקעס פון אירע דינע פינגער און איז, ווי ס׳האָט אויסגעזען, נישט אומשטאַנד געווען צו רעדן פון גרויס עגמת־נפש.

דערנאָך האָט זי אַראָפּגענומען די הענטשקעס, זיי אויסגעצויגן און אוועקלייגנדיק זיי אויף די קניען האָט זי גענומען דערציילן, אַז דער מאַן טרייבט זי אַרויס פון צימער און זי פון איר זייט, דערלאַנגט, אויך אין געריכט אויף איר מאַן, פאַרלאַנגענדיק מ׳זאָל אים עקסמיסירן.

— מען דאַרף קעמפן, — האָט זי געזאָגט פאַנאַנדערפירנדיק האָפנונגסלאָז מיט די הענט, — וואָס קאָן מען דען טון! ס׳איז דאָך פשוט א שרעק זיך צו דערמאָנען און שלום צו מאַכן מיטן געדאנק, ווי גיך אונדזערע אויסגעצייכנטע קעגנזייטיקע באַ־ציונגען, האָבן זיך געענדערט און נאָך וויאַזוי געענדערט! ערשט מיט א חודש צוריק האָט ער מיך נאָך אַזוי געפּיעשטשעט, נישט געלאָזט מיך אַריינלייגן קיין פינגער אין קאַלט וואַסער, געטון אַלץ וואָס איך האָב פאַרלאַנגט, און איך געדענק (זי האָט אַריינ־

געשלונגען די טרערן), ווי מיר זענען געשטאַנען ביים פענצטער און ער, דערציילנדיק מיר עפּעס, האָט מיך געגלעט איבערן קאָפּ.. און אָט איצט...

— גאָט מיינער, ער איז דאָך אַן אינטעליגענטנער מאַנספּער־שוין! — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע זיך געחידושט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, — ווי קומט עס וואָס ער באַהאַנדלט דיך אַזוי ברו־טאַל. כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, ער זאָל זיין אויף דעם פעיק. צי איז שוין נישט געבליבן קיין שום הייליקס און דער־הויבנס אין לעבן? קיין שום — כאָטש די קלענסטע־הייליקייט און אומעטום נאָר די אויסגערעכנטקייט און בלויז די אינטערעסן פון דער אייגענער פעל.

— אבער איצט, ווען ער האָט אין מיר דערהרגעט דעם גלויבן אינם מענטשן, — האָט זוויענינאָראָדזקע פאַרגעזעצט, איבער־פירנדיק אינדערגיך דאָס טיכל איבער די נאַסע אויגן, — איצט וועל איך שוין נישט אַלץ פאַרגעבן! לאָמיך בעסער הונגערן, פאַרקויפן די זאַכן, נאָר כ׳וועל אים שוין אַנלערנען, כ׳וועל אים פאַרסמען דאָס לעבן. כ׳האָב גוטע פריינט, וועלכע וועלן מיר אונ־טערשטיצן אויב נישט מאַטעריעל, טאָ לפּחות מאָראַליש.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט איר אויסגעהערט מיט א וואַרעם מיטגעפיל און איז אַליין אויך געווען גרייט זיך צו צעוויינען, און אויף זוויענינאָראָדזקעס ווערטער, אַז זי האָט גוטע פריינט וואָס וועלן איר שטיצן, האָט זי צערטלעך איר אַ גלעט געטון די האַנט. אינדערזעלבער צייט איז יעלענע וויקטאָראָוונען איינגעפאַלן אַ געדאַנק: צי האָט זי געטון קלוג, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אירע טייערע חפצים ביי דער פרוי זוועניגאָראָדזקע.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט מיט אזא שאַרפקייט זיך אַריינ־געשטאָכן אין איר מאַרך, אַז זי האָט בשום-אופן אים נישט גע־קאָנט פאַרטרייבן און פון אים פּטור ווערן. דער אויסדרוק פון מיטגעפיל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון איר פּנים און ס׳האָט זיך באַ־וויזן אַן אָנגעשטרענגטער און אומרויקער אויסדרוק. זי איז געווען אַזוי צערודערט אַז זי האָט איר שכנטע עטלעכע מאָל געענטפערט

ניִשט צו דער זאַך און האָט אַלץ געטראַכט וועגן די גאָלדענע חפצים, וואָס זי האָט ביי איר איבערגעלאָזט.

בעטן איצט צוריק די זאַכן, באַלד נאָכדעם, ווי זוויעגי־גאָראָדוקע האָט געזאָגט, אַז זי וועט אויס נויט פאַרקויפן זאַכן פון שטוב, — איז געווען נישט באַקוועם, נישט נאָר נישט באַקוועם, נאָר פאַר אַן אינטעליגענטנער פרוי לגמרי אוממעגלעך. און דאָ איז אַריינגעקומען די פּראָפעסאָרשע אין פּענסניי, אין איר אַלטמאָדיש קלייד, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַפטאַלין, און געפרעגט אַן עצה, מיט וואָס איז בעסער צו וואַשן די הינט. זוויעגיגאָראָדוקע האָט זיך באַלד געזעגנט, זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען.

XIV

איפּאָליט קיסליאַקאָוו, טראַכטנדיק וועגן דעם, אַז זיין פרוי האָט שוין געוויס געמאַכט אַלע הכנות און וועט אים שוין מער נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ, פאַרלאַנגענדיק יעדע רגע, אַז ער זאָל אַרומבינדן די וואַליזעס, איינפּאַקן די זאַכן א. א. וו. — איז געגאַנגען נאָך דער פאַרזאַמלונג אַ היים מיט אַזאַ געפיל, פּונקט ווי די בייזע געוויטער־כמאַרע, וואָס איז געהאַנגען איבער זיין קאָפּ וואָלט פּאַנאַנדערגעפלאָסן און אויפן הימל וואָלט אָנגעהויבן שיינען די זון. און הגם דער טאָג איז היינט אויך געווען א כמורנער, האָט ער זיך שוין באַפרייט פון יענער דרוקנדיקער שטימונג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אינדערפרי. ער איז שוין נישט געווען אין כעס אויף די דורכגייער, וועלכע ער האָט באַגעגנט און זיי האָבן אים שוין נישט געגרייצט. מיט אַ גרייטקייט, וואָס האָט אים אַליין געווירט, איז ער אָפּגעטרעטן אָן א זייט און זיי געלאָזט דורכגיין. ער האָט אפילו געהאָלפן עפּעס א זקנה אַריבערצוטראָגן איבער דער גאַס אַ שווערן קאָרב צום טראַמוואַי.

און אין דערהיים האָט אויף אים געוואַרט די פאַרשטייענדיקע פרייהייט און איינזאַמקייט צוליבן אַוועקפאָרן פון זיין פרוי.

אים האָט אַביסל נישט אָנגענעם באַאומרויקט נאָר איין זאַך— וואָס ער האָט מיט גאָרנישט אויסגעדרוקט זיין מיטגעפיל אַנדריי איגנאַטעוויטשן צוליבן פּאַראַט, וועלכן ס'איז בנוגע אים באַגאַנ־

די גאַנצע אינטעליגענטע גרופּע, ווייל קיין איין לעבעדיקע האַנט האָט זיך בעת דער אָפּשטימונג נישט אויפגעהויבן און קיינער האָט נישט געשטימט קעגן דער רעזאָלוציע. בפרט נאָך, ווען ער האָט געזען א סך פון יענע, וועלכע האָבן נישט אויפגעהויבן די האַנט לטובת אים, זענען צו אים צוגעגאַנגען און אים אויסגע־דרוקט זייער מיטגעפיל און סימפּאַטיע, נאָך דער פאַרזאַמלונג. וואָס אָנבאַלאַנגט אים, קיסליאַקאָוו, האָט ער עס נישט געקאָנט טון ווייל איבערן קאָרידאָר איז דעמאָלט דורכגעגאַנגען פאָלוכין. וואָס וועט איצט וועגן אים אַנדריי איגנאַטעוויטש טראַכטן און וואָס פאַר א מיינונג וועט ער וועגן אים האָבן?

חוץ דעם, האָט אַביסל קאָליע געמאַכט די שטימונג אויך דאָס, וואָס אים וועט אויסקומען צו באַגלייטן די פרוי אויפן וואָקזאַל, זי אריינזעצן אין וואַגאָן צוזאַמען מיט די מומע אין די הינט. אים איז אפילו איינגעפאַלן, כדי פון דעם פטור צו ווערן, אפשר זיך צו מאַכן פאַר קראַנק, צו זאָגן, אז ער פילט זיך עפּעס נישט גוט, מיט איין וואָרט צו זען זיך אַרויסצודרייען פון דער־דאָזיקער באַגלייטונג.

ער איז שוין געהאַט צוגעגאַנגען צום הויז, ווו ער האָט געוווינט, ווי ער האָט פלוצלינג, גאַנץ אומגעריכט פאַר זיך, פאַר־קירעוועט אָן א זייט. די מעשה דערפון איז געווען, וואָס ער האָט דערזען פאַר זיך א דאַמע, וואָס איז אים געגאַנגען אַנטקעגן. דאָס איז געווען די פרוי פון זיינעם א באַקאַנטן, אַן אינזשיניער, וועל־כער איז געזעסן אין טורמע. מ'האָט שוין לאַנג געדאַרפט איר באַזוכן און ער האָט עס ביז איצט נישט געטון און דעריבער איז אים געווען עפּעס נישט באַקוועם מיט איר זיך צו באַגעגע־נען. און ער וואָס פלעגט פריער זיין ביי זיי אָפט, האָט זיך איצט געוואָרפן ווי אַן אָפּגעבעריטער אָן א זייט יעדעס מאָל, ווען ער האָט דערזען אויף דער גאַס די פרוי פונם דאָזיקן אינזשי־ניער. שלעכט איז געווען דאָס, וואָס זי האָט וועגן אים געקאָנט מיינען מי־יודע וואָס, — נישט קיין גוטע זאַכן. זי האָט זיך גע־קאָנט טראַכטן: ער פלעגט זיין ביי אונדז ווען אַלץ פלעגט זיין כשורה, ווען מיר פלעגן אים מכבד זיין מיט טיי און קאָניאַק און

איינגעמאַכץ און ווען מיט אונדז האָט פּאַסירט דאָס אומגליק, זע־נען זיך אַלע גוטע פריינט פאַנאַנדערגעלאָפן, אָן אונדז פאַרגעסן און קיינער פון זיי שמעקט נישט אַריין צו אונדז האָט פּאַסירט דאָס אומגליק, זענען זיך אַלע גוטע פריינט פאַנאַנדערגעלאָפן, אָן אונדז פאַרגעסן און ציינער פון זיי שמעקט נישט אַריין צו אונדז.

קיסליאַקאָוו איז ווירקלעך נאָך קיין איינמאָל זייט דעם אַרעסט פונם אינזשעניער, ביי איר נישט געווען, ווייל אים איז געווען נישט באַקוועם זיך צו ווייזן ביי איר אין זיין לאַגע פון א שמח-בחלקו. מ׳האָט געדאַרפט איר אויסדריקן מיטגעפיל און ער קאָן נישט דידאָזיקע מלאכה, ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט ביי אים אַרויסקומען נישט געשיקט און נישט נאַטירלעך.

יעלענע וויקטאָראָוונע, אַרומגעכאַפּט פון א רייזע-פיבער, האָט שוין געהאַט איינגעפּאַקט אַלע אירע זאַכן, ווען דער מאַן איז געקומען צו גיין. זי האָט אויף אים אויפמערקזאַם א קוק געטון און געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

— וואָס זאָל זיין?

— דו זעסט עפּעס אויס אַפּאַטיש און פויל

— כ׳פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען.

— וויבאַלד אַזוי, פאָר נישט מיך באַגלייטן און בלייב אין דערהיים.

— וואָס דיר קאָן איינפאַלן. פאַרסט אַוועק אויף א גאַנצן חודש און איך זאָל נישט פאָרן דיך באַגלייטן?

יעלענע וויקטאָראָוונע איז צו אים צוגעגאַנגען און שווייגנ־דיק אים א קוש געטון אין קאָפּ.

אויף דער פּאָדלאָגע איז געשטאַנען די וואַליזע א פאַרוסי־נערנער רונדער פּאַק מיט בעטגעוואַנט צונויפגעצויגן און אַרומ־געבונדן מיט שטריק. אויף א שטול איז געשטאַנען א קייבערל פול און האַרט אָנגעלאָדעוועט מיט צדה-לדרך. די היבש זענען גע־ווען אָנגעטון אין פרישע בלאָע שטענגעס און זיי זענען ביידע פייערלעך געזעסן אינמיטן צימער און נישט אָפּלאָזנדיק די אויגן

פון דער באַלעבאָסטע, אויף איר געקוקט — זיי האָבן אַפּנים פאַר־שטאַנען, אַז זיי מאַכן אַ ווייטע נסיעה.

נאָר ווען אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ קלונג אָדער אַ גערויש, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון מיט אַ געבילעריי צו דער טיר און אין אַ מינוט אַרום זיך צוריקגעקערט, דרייענדיק מיט די וויידלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך אַנטשולדיקט פאַרן טומל וואָס זיי האָבן געמאַכט.

דער צוג איז אָפּגעגאַנגען צען אַ זייגער. מ'איז געפאָרן אין אַ טאַקסע אַזוי, אַז מ'האָט דרייסט געקאָנט אַרויספאָרן צו דער באַן האַלב ניין אַ זייגער, אָבער יעלענע וויקטאָראָווגע וואָס האָט שטענדיק מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן, האָט געפאָדערט, אַז די טאַקסע זאָל צופאָרן נאָך איר אַכט אַ זייגער.

— מיר וועלן דאָך צופאָרן צום וואָקזאַל אין פינף מינוט, צו וואָס־זשע, סתם אַזוי דאַרטן צו זיצן אַ גאַנצע שעה! — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, פילנדיק, אַז אין אים הייבט אָן אויפצוקאָכן אַ צערייצטקייט קעגן אַזאַ אומזיניק איילן זיך צום באַן און די נוצלאָזע מחלוקות קעגן זיין ווייבס עקשנות. ווייל ער האָט גע־ווּסט, אַז אין אַ סך זאַכן וויל זי אים בשום־אופן נישט נאָכ־געבן, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין גערעכט.

נאָר ער האָט באַשלאָסן זיך איינצוהאַלטן און איר נאָכ־געבן, אַבי זי זאָל נאָר וואָס גיכער אַוועקפאָרן און ער זאָל כאָטש איין חודש אין יאָר לעבן במנוחה אַליין און האָבן די מעגלעכקייט רויק צו טראַכטן און דענקן, צו לייגן זיך שלאָפן דאַן, ווען עס ווילט זיך שלאָפן, און לייענען נישט האָבנדיק זי שטענדיק פאַר די אויגן — זי זאָל אים שטערן שורה ביי שורה.

היינט אירע טענות צו אים? וואָס איז דאָס — פלעגט זי אויף אים זיין ברוגז און זאָגן — אַ גאַנצן טאָג ביסטו אין מו־זיי אויף דיין אַמט און איך קוק דיך נישט אָן פאַר די אויגן און ווען דו קומסט שוין אַ היים, גראָבסטו זיך איין אין בוך און מ'קאָן מיט דיר קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן.

יעלענע וויקטאָראָווגע האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינע און געזאָגט:

— ווען ס׳רוקט זיך נאָר אָן די רגע פון מיין אָוועקפאָרן, ווערט מיר יעדעס מאָל אזוי שווער מיט דיר זיך צו שיידן און מיר בענקט זיך אזוי. כ׳בין דאַכט זיך איצט גרייט צוריק פאַ־באַנדערצופּאַקן די וואַליזע מיט די קלומפּקעס און צו בלייבן אין דערהיים. און דאָ קומט נאָך איצט צו די זאָרג וועגן דיין געזונט. דו זאָגסט דאָך, אז דו פילסט זיך נישט גוט. כ׳בין צוליב דעם אזוי אומרויק. איבער דער שטאָט גייט אַרום שקאַרלאַטין. אפשר... די שעה זאָל נישט זיין...

— נאַרישקייטן. כ׳פיל זיך שוין, דאַכט זיך, בעסער. האָב קיין מורא נישט, ס׳וועט מיר גאָרנישט זיין. דער רוח וועט מיך נישט נעמען.

— ווען מען פאָרט אוועק — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע ווייטער זיך געמאַכט ווייך און געטריי — הייבט מען ערשט אָן צו פילן, ווי מען איז נישט גערעכט צום אייגענעם גורל און ווי אונדזערע תּרעומותן צו אים זענען נישט קיין בארעכטיקטע. מען ליידט פון ענגשאַפט, פון פאַרשידענע קלייניקייטן, אָבער מען פאַרגעסט אינגאַנצן, וואָס פאַרע גליק דאָס איז צו וווינען מיטן מענטשן, וועמען מ׳האָט ליב, אונטער איין דאַך און צו וויסן, אז יעדער געדאַנק זיינער געהערט דיר — האָט יעלענע וויקטאָראָוו־נע זיך צודרשנט און אוועקגעלייגט דעם מאַנס הענט צו זיך אויף די קני, פעסט זיי צודריקנדיק מיט איר האַנט.

— איצט, ווען מ׳זעט אַרום זיך אזעלכע זאַכן — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע פאַרגעזעצט (זי האָט אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ אינדערזייט, ווו ס׳געפינט זיך די זוועניגאָראָדזקעס צימער) — נאָר דאַן שעצט מען אָפּ ווי ס׳געהער צו זיין און אין דער פו־לער מאָס אזעלכע באַציונגען, ווי די אין וועלכע מיר לעבן ביי־דע צווישן זיך. און איך זאָג נאָך און נאָך אַ מאָל, אז איצט אינם דאָזיקן גרויזאַמען לעבן, דאַרף מען זען מיט אַלע קרעפטן אָפּצוהיטן די גשמה פון עגאָיזם און פאַרגרעבטקייט, צו היטן די ליבע, ווי די סאַמע קאָסטבאַרסטע זאַך און זיך פעסטער האַלטן אייגער אָנם אַנדערן.

נאָר ביים דערמאָנען זיך אָן די זוועניגאָראָדזקעס האָט זי

עפּעס מיטאַמאָל אומרויִק זיך פֿאַרטראַכט אויף אַ מינוט, דערנאָך צום מאַן געזאָגט:

— כ׳האָב אָפּגעגעבן אַנע ניקאָלאַיעוונען מײַנע גאָלדענע זאַכן און די מתּנה, וואָס איך האָב דיר געמאַכט — דעם גאָלדענעם זייגער — אים צו פֿאַרבאַהאַלטן בײַ איר, ווײַל די גײַסט אַוועק פֿון דערהיים און לאָזט שטענדיק אַלץ איבער נישט פֿאַרשלאָסן. ווי מײנסטו — מאַכט נישט אויס?

אויף אַ רגע האָט קיסליאַקאָוו דערפֿילט אַ שטאָך פֿון באַליידיקונג פֿונעם שטענדיקן פֿאַררופֿן זיך אויף זײַן צעשטרייטקייט (פּאַסירט האָט עס נישט מער, ווי איין — צוויי מאָל, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער און איבערגעלאָזט די שאַנק אָפֿן, איז פֿון דעמאָלט אָן גילט ער פֿאַר אַ צעשטרייטן) נאָר ער האָט זיך ווידער אײַנגעהאַלטן און רויִק געזאָגט:

— געוויס, מאַכט עס נישט אויס — זי איז דאָך אַן אינטעליגענטע פֿרוי, ווי שעמסטו זיך נישט אַפֿילו וועגן דעם צו טראַכטן.

— ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין בזיון צו האָבן בנוגע דעם אַ פֿאַרדאַכט, וואָלט איך דאָך אָפּגענומען בײַ איר די זאַכן צוריק. הייסט עס, אַז מ׳קאָן זיי איבערלאָזן, האַ?

און הגם ס׳איז אויסגעקומען, אַז אַ פֿרעמדע פֿרוי טרויט מען מער ווי אים, דעם באַלעבאָס, אויף וועמענס געלט ס׳איז אַלץ דאָ אײַנגעקויפֿט געוואָרן, איז קיסליאַקאָוון דאָך אויסגעקומען צו זאָגן, אַז מ׳קאָן די זאַכן איבערלאָזן בײַ דער פֿרוי זוועניגאָראָדזקע. פֿאַרפֿירן איצט אַ געשפּרעך וועגן זײַן רעכט אויף אַכטונג, וואָלט געווען נישט באַקוועם און אַפֿילו געפֿערלעך ווײַל יעלענע וויקטאָראָוונע וואָלט געקאָנט ווערן אויפֿגערעגט און וואָלט נאָך אָפּגעלייגט איר רייזע.

פֿאַרן סאַמען אָפּפֿאָרן, ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט פֿאַרנומען אַרײַנצוזעצן זיך אין טאַקסע, האָט זיך פֿון קאָרידאָר דערהערט אַ פֿאַרצווייפֿלט געשריי פֿון דזשערי און כאַראַקטעריסטישע קולות פֿון אַ היציקער מחלוקה. יעלענע וויקטאָראָוונע, אַ קלאַטש טוענדיק מיט די הענט, האָט זיך אַ לאָז געטון אַהין,

פּונקט ווי זי וואָלט דערהערט הילף געשרייען פון איר בן-יחיד. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דזשערי, וועלכער האָט געהאַט אַ טבע אַרומצולויפן און נישט געקאָנט בלייבן לאַנג אין צימער, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף נאַטאַנזאָנס הינט (אַ דייטשן „שעפּסן הונט״, ענלעך צו וועלף) און צווישן זיי איז אַנטשטאַנען אַ מחלוקה. פון גאַנצן קאָרידאָר זענען זיך צונויפגעלאָפן די קינדער און מיט זייער פּיפּעריי און אָנרייצן די הינט איינעם אויפן אַנדערן, האָבן זיי בײַ די כּלבים פאַנאַנדערגעפלאַקערט די ליידנשאַפטן. אַפילו די יאַפּאַנער מיט אַראָפּהענגנדיקע אויערן און טעמפּע שנוקעס, פאַרלאָזן אין זייער צימער, האָבן אויפגעהויבן אַ געביל און דערנאָך אַ קוויטשעריי — אַ פּנים זיי האָבן זיך אויך צווישן זיך צעקריגט.

די באַלעבאָסטעס זענען גלייכצייטיק אַרויסגעלאָפן פאַנאַנדערנעמען די הינט און האָבן זיך דורכגעזידלט צווישן זיך.

דזשערין האָט מען מיט אַ פאַרבלוטיקט אויער אונטערגעכאַפּט אונטערן בויך און אים אַוועקגעטראָגן, ער האָט געבילט איבער די באַלעבאָסטעס פּלייצעס און זיך געריסן, צו שלאָגן זיך מיט זיינע שונאים. מ׳האָט אים באַלד אַרומגעוואַשן דאָס אויער מיט קוואַס-באָרני און פאַרבונדן מיט מאַרלע.

קיסליאַקאָוו האָט בכלל נישט געקאָנט ליידן קיין הינט. ער האָט זיך שטענדיק געשעמט און אים האָט פאַרדראָסן, ווען יעלענע וויקטאָראָוונע, גייענדיק מיט אים שפּאַצירן, האָט מיטגענומען מיט זיך אויך די הינט. זי פלעגט בעטן שפּאַצירן פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך, נאָר רעדן מיט איר איז דעמאָלט געווען פולשטענדיק אָן זין, ווייל איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אויף די הינט: זיי זאָלן, חלילה, נישט אַנטלויפן און זיך נישט „פאַרגעסן״ דורך אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַנדערע הינט אויפן וועג.

ווען ער פלעגט דאַן אויפהערן רעדן, נישט ווילנדיק קאָנקורירן מיט די הינט, און געווינען איר אויפמערקזאַמקייט, פלעגט זי באַלד זאָגן:

— נו, איך הער, וואָס דו רעדסט.

ווען דאָס פלעגט פאָרקומען אויף דער זומערוווינונג, פלעגט ער שטענדיק אויסכאַפּן איראָנישע בליקן פון פויערישע פרויען, וועלכע האָבן אין די גערטנער געפּעלעט דאָס גראָז. זיי פלעגן מיט אַ חוזק־שמייכל לאַנג נאָכקוקן די פעטלייביקע און קורצע פּריצה, וועלכע איז אַרויסגעקומען אויפן שפּאַציר מיט איר משפּחה.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט אָדער געהאַט אַ אומדערשיטערלעכן מוט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג, אָדער זי האָט פּשוט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַאָבאַכטונגס־פעיקייט, נאָר זי האָט קיינמאָל נישט באַמערקט דידאָזיקע חוזק־בליקן און איז שטענדיק געווען רויק.

איצט אָבער איז געווען נאָך ערגער: נאָך ווייניק, וואָס זיי זענען געפאָרן צו דער באַן מיט דער מומע, מיט די הינט און באַגאַזש — איינער פון די הינט איז נאָך געווען מיט אַן אַרומגעבונדן אויער. הייסט עס, אַז דעם גאַנצן וועג ביזן וואָקזאַל וועלן ווייסע חברה פון זיי לאַכן אין די פויסטן און זיי נאָך אויספייפן, אַלע וועלן אויף זיי טייטלען מיט די פינגער. און די אייגענע שכנים וועלן זיך אויסשטעלן ביים אַרויסגאַנג און וועלן זיך צוקוקן. ווי יעלענע וויקטאָראָוונע, פונקט ווי אַן אַמאָליקע פּריצה, קלייבט זיך אין איר גוט און נעמט מיט מיט זיך אַ האַפּטע הינט. „אויף צו געבן פרעסן די הינט קלעקט זיי געלט, אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַנוצן עלעקטריע שעמט מען זיך נישט, איינדרשטיל, איינצושרויפן איבריקע לעמפּלעך. ס׳וואָלט געווען אַ יושר אַרויפצולייגן אויף זיי אַן אָפּצאָלונג פון צוויי מאָל אַזויפיל פאַר דעם צימער — האָבן וועגן די קיסליאַקאָווס זיך געטראַכט זייערע שכנים.

און ווירקלעך, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען זיך אַריינזעצן אין דער טאַקסיווקע, האָבן די קינדער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס ביים טויער, דערזעענדיק, דזשערין מיט אַ פאַרבונדן אויער, אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און זיך געהאַלטן ביי די זייטן. זיי האָבן אָנגעהויבן פון הינטן אומבאַמערקבאַר זיך צו רייצן מיט אים, פון וואָס דזשער? איז שיער

נישט משוגע געוואָרן און האָט אַזוי הילכיק געבילט. אַז מ'האָט געקאָנט הערן אויף דער צענטער גאַס אוודאי. און יעלצנע חיקסאָראָוונע האָט בשום-אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיטן הונט איז געשען.

קיסליאַקאָוו האָט צו אַלע צרות נאָך געמוזט זיך צוריק־קערן אין שטוב אַריין נאָך אַ פאַרגעסן פעקל.

אַרויפלויפנדיק די טרעפ, האָט ער דערזען אין קאָרידאָר אַ דאַמע פונם ניינטן נומער. זי האָט איצט נישט געטראָגן קיין לילאָווען קאַשנע, ווי ער פלעגט זי שטענדיק זען אין די מאָרגן־שעהן, נאָר אין אַ גראָען קאָסטיום און אין אַ היטעלע אין קראַטן, וואָס האָט איר זייער נעפאַסט איבער די אויגן אין דער האַלבפינצטערקייט פון קאָרידאָר, זענען געווען פאַרשאָטנט מיטן דאַשעק, נאָר קיסליאַקאָוו האָט אויפגעכאַפּט איר פאָרזיכ־טיקן שמייכל, ווען ער האָט זיך פון דער ווייטן מיט איר באַ־גריסט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, האַלטנדיק זיך פאַר דער קלאַמקע, אָבער די טיר נישט געעפנט און געקוקט אויף דער דאַמע בעת זי, אַריינלייגנדיק דעם שליסל, האָט גע־עפנט די טיר פון איר צימער. ער האָט געוואַרט, אַז זי זאָל זיך אומקוקן אויף אים. זי האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך באַמיט זיך צו פאַרבאַהאַלטן פון זיין בליק, איז גיך אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער און שטיל פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר

קיסליאַקאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ, וואָס אין לעבן איז שיין און פיין, גייט פאַרביי אָן אַ זייט פון אים, ווו עס מיידט אים אויס, און אים איז באַשערט צו לעבן מיט אַ מענטשן, וועלכן ער דאַרף איינגאַנצן נישט האָבן. ער האָט באַ־קומען רחמנות אויף זיך אַליין. איז נאָך אַ געוויסער צייט גע־בליבן שטיין ביי דער טיר מיט דער האָפנונג, אַז די יונגע פרוי וועט נאָך אַרויסקומען, נאָר זי האָט זיך נישט באַוויזן מער. ער האָט גענומען דעם פאַרגעסענעם פאַקעט און אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן מיט איבּ איבער די שטיגן.

— ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן?! — האָט יעלצנע

וויקטאָראָווגע אַ געשריי געטון. ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן זיינע פיס.

— כ'האָב באַלד נישט געקאָנט געפינען דעם פּאַק און אים געמוזט זוכן.

— כ'האָב דאָך שטענדיק געזאָגט, אַז דו קאָנסט קוקן אויף אַ זאַך און זי נישט זען. מיט דיר ווען מען האָט אפילו צום ציג מיט אַ שעה פריער, מוז מען אים אויך פאַרשפּעטיקן.

אים איז אויסגעקומען אָנצונעמען דעם פאָרוווּרף, איר גאָרנישט ענטפערנדיק, ווייל ער האָט אַליין אויסגערעדט אויף זיך דאָס. וואָס איז גאָרנישט פאָרגעקומען. אַליין זיך אַרויסגע-שטעלט אין אַזאַ נישט גינסטיקן ליכט נאָר ער האָט דאָך נישט געקאָנט זאָגן.

— דעם פּאַקעט האָב איך באַלד געפונען, נאָר כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט, דערזעענדיק די שכנטע און זיך פאַרטראַכט וועגן דער אומזיניקייט פון מיין צוזאַמענלעבן מיט דיר, ווייל דו ביסט פאַר מיר לגמרי נישט אינטערעסאַנט.

אויפן וואָקזאַל זענען זיי געקומען צופאָרן פופציק מינוט פאַרן אָפּגיין פון צוג (ווי מ'האָט געקאָנט דערוואַרטן). זיי זע-נען געזעסן ביים פענצטער מיט די זאַכן און די הינט, האָבן געטרונקען נאַרזאָן, וועלכן זיי האָבן נישט געוואָלט טרינקען און האָבן נישט געוווּסט פון וואָס צו רעדן.

די מומע אין אַ הוט פון פאַרן מבול-צייט איז געזעסן מיט אַ פרומען אויסדרוק אויפן פנים און האָט אַ נדערשטיל עפּעס פאָרגעוואָרפן דעם בולדאָג, וועלכער האָט אָפּגעקערט פון איר אָן אַ זייט זיין גראָבע מאָרדע און געקוקט אויף איר נאָר מיט איין אויג, אויפהייבנדיק די ברעם.

קיסליאַקאָוו האָט געפילט אַ צעררייצטקייט קעגן זיין ווייב. דערפאַר, וואָס זי האָט אים געצוווּנגען צו קומען אַהער אַזוי פרי און אויך דאָ זיך אַגב נאָך געיאָגט אָפּצוגעבן די זאַכן און איז געווען אַזוי צערודערט. זי האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז דער טרעגער זאָל ערגעץ נישט אַוועקגיין. דער צוג וועט אָנ-קומען און ער וועט נישט זיין. געררייצט האָט אים אויך דאָס,

וואָס זי האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי לעכערלעך און קאָמיש זי זעט אויס מיט איר פּעטלייביקייט, מיט אירע הינט און צע־טראָגנקייט. און גלייכצייטיק האָט זי אַזאַ אויסזען, ווי זי זאָל אויף קיין רגע אפילו נישט צווייפלען, אַז דער מאַן ליבט זי, אַז זי איז פאַר אים די אינטערעסאַנטסטע פרוי.

כּדי נישט צו זיצן מיט אַן אויסזען פון אַן אינטעליגענטן פּאַסאַזשיר און זיך נודן פון נישט וויסן, וועגן וואָס צו רעדן מיט איר, די לעצטע פאַר מינוט פאַר איר אָפּפאָרן, האָט קיסליאַקאָוו געוואָלט אויפשטיין און זיך דורכגיין. יעלענע וויק־טאָראָוונע האָט אים אָבער דאָס נישט געלאָזט טון.

— גיי נישט אַוועק, כ׳בעט דיך. עס וועט אָנקומען דער צוג און דו וועסט פאַרשווונדן ווערן, ווי דאָס איז מיט דיר פּאָרגעקומען מיטן פאַרגעסענעם פּאַקעט: ביסט אַוועק אויף אַ מינוט און פאַרפאַלן געוואָרן.

— כ׳וועל שוין זען, ווען דער צוג קומט אָן און וועל מיך באַווייזן, — האָט קיסליאַקאָוו ווייך געזאָגט און געפילט אַז ער וועט שוין צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרזוימט ביים אָראָפּבריינגען דעם פאַרגעסענעם פּאַקעט, האָבן צו זינגען און צו זאָגן אויף עטלעכע חדשים.

— אַלצאיינס. גיי נישט אַוועק.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, פּונקט ווי זי וואָלט געוועזן זיכער, אַז אירע פאַראָרדענונגען וועלן אויסגעפירט ווערן און זי האָט זיך פאַרזאָרגט און אַנט־רויק, זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

— טו בעסער אַ קוק, ווו דער טרעגער איז.

ווען מ׳האָט זיך אַריינגעזעצט אין צוג איז יעלענע וויקטאָ־ראָוונע, איבערלאָזנדיק די מומע אין וואַגאָן צו היטן די זאַכן, אַרויסגעגאַנגען אויפן פּלעצל. כּדי דאָרט צו שטיין ביז דער צוג וועט זיך אַ ריר טון אָפּצוגיין, ווי עס זענען זיך נוהג די פאַר־ליבטע פּאָרלעך. דערנאָך צו פּאָכען איינער צום אַנדערן מיט די טיכלעך, ווען דער צוג וועט אָנהייבן אָפּציפּאָרן. און לאַנג גאָך

זיך ארויסרוקן, פּאַכען און דערמיט באַווייזן, ווי שטאַרק די ליבע איז צווישן זיי.

קיסליאַקאָוו איז געשטאַנען אויפן פּעראָן. יעלענע וויקטאָראָוונע, געמענדיק אין אַכט, אַז ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען, האָט אים געבעטן און אים איינגערעדט, ער זאָל אַ היימגיין, נאָר ער אויפהייבנדיק דעם קראַגן פונם פּאַלטאָ אַרום האַלדז און האַלטנדיק פעסט צו די לאַצן אונטער דער גאָמבע, איז פונדעסטוועגן נישט אַוועקגעגאַנגען, כּדי צו ווייזן זיין ווייב, ווי ליב זי איז אים און ווי שטאַרק ער זאָרגט זיך וועגן איר.

צייטנווייז האָט ער זיך אומגעקוקט אויפן גרויסן רונדן באַן-זייגער, וואָס איז ליכטיק פון אינעווייניק, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די ווייזערס באַוועגן זיך גאָרנישט און שטייען כּסדר אויף איין אָרט... נאָך פינף מינוט געבליבן, ביז צום אָפּגיין פון צוג. נאָר דידאָזיקע פינף מינוט וועלן, ביי דעם אומגעלומפּערטן איינס קעגן אַנדערן, אויסווייזן גאַנצע פינף שעה.

אַזוי ווי ביידע האָבן נישט געוווּסט, פון וואָס צו ריידן, האָבן זיי, כּדי נישט צו שווייגן, גערעדט וועגן דעם, וועגן וואָס זיי האָבן שוין צו אָפט גערעדט, אַזוי אַז וועגן דעם איז שוין לגמרי געווען איבעריק צו רעדן און טראַכטן דעם, איז זיי אויסגעקומען איבערצוחזרן און נאָכאַמאָל מעלה-גרה צו זיין יענע אַלטע טעמעס.

— פאַרוואָס-זשע איז דער צוג נאָך נישט גרייט געמאַכט? — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע איבערגעפרעגט, — געקלונגען דאַכט זיך האָט מען שוין?

אַ חידוש, כ׳לעבן, — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט, אַ קוק טוענדיק דורך דער זייט דורך די פענסטע אויפן באַן-זייגער — שוין אריבער דאַכט זיך איבעריקע צוויי מינוט און דער צוג רירט זיך גישט פון אָרט. „הערט נאָר, וואָס איז די מעשה, וואָס דער צוג גייט נישט אָפּ? — האָט ער זיך געווענדט צו אַ דורכגייענדיקן קאָנדוקטאָר, — די צייט ווען ער דאַרף אָפּגיין איז דאָך שוין לאַנג אַריבער.

— דערדאָזיקער זייגער לויפט אויף גאַנצע צען מינוט, —

האָט געענטפערט דער קאָנדוקטאָר, נישט אָפּשטעלנדיק זיך און פליכטיק אומקוקנדיק זיך אויפן באַן־זייגער.

און ווען דער צוג האָט זיך שוין ענדלעך א ריר געטון, איז קיסליאַקאָוו אים א געווויסע צייט נאָכגעגאַנגען און געפאָכעט מיטן טיכל, אָפּגייענדיק אַלץ מער צום קעגנזייטיקן עק פּעראָן, כדי וואָס לענגער צו זען זיין ווייבס פּראָפיל פון די וואַגאָן־הענטלעך אַפער, וואָס האָבן זיך, וואָס מער דער צוג האָט זיך דערווייטערט, אַלץ מער אויסגעגליכן.

און ווען דער צוג איז געגאַנגען אין א שנעלן טעמפּאָ און ער האָט שוין געקאָנט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער האָט שוין פאַר־לוירן דעם ווייבס פּנים פאַרן בליק און קאָן איר שוין נישט באַ־מערקן, איז ער אַרויס אויפן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל און אַריינגע־שפּרונגען אין א טראַמוואַי, וואָס איז אָנגעפאָרן אין שטאָט אַריין.

שוין אויפן וועג אַהיים זיצנדיק אין טראַמוויי, האָט ער געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר א גליק עס איז ווען מען לעבט אונטער איין דאַך מיט א מענטשן, וועלכן מ׳האָט ליב און די ווייסט אַליין נישט, וואָס דו טראַכסט וועגן אים און וועגן דיין צוזאַמענלעבן מיט אים.

אַריינגייענדיק אין זיין וווינונג, האָט קיסליאַקאָוו מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דערזען אין א שפּאַרינע פון דער טיר א טעלעגראַמע. עפענענדיק זי, האָט ער איבערגעלייענט:

„נאָכן טויזנטן קומען מיר צוריק. ריקאַרדי“.

XV

פּאָליט קיסליאַקאָוו איז געפאָרן אַ היים מיט אַ געפיל פון אומגעדולד. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער דורכלעבן דאָס פאַרגעניגן פון בלייבן ענדלעך אַליין. ער איז געוואָרן מיד און צערודערט פון די אוממעגלעכקייט צו בלייבן איינזאַם מיט זיך אַליין.

ווען ער איז אָבער אַריינגעגאַנגען אין צימער און צוגעגאַנגען צו די פּאָליצעס מיט ביכער, האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַז אַ קוק טוענדיק אויף די ביכער, איז ביי אים אַנטשטאַנען אַ באַשטימטע געפיל פון לאַנגווייליקייט צר האָט נישט געהאַט וואָס צו טון מיט זיך. אים האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צו קיין שום בוך. דאָס ליידיקע צימער האָט אים נישט פאַרשאַפט קיין שום פרייד, נאָר עפּעס ווי באַלאָדנט מיט דער טויטער שטילקייט, וואָס האָט דאָרט איצט געהערשט און אים האָט געצויגן זיך אויפצוהייבן און אוועקצוגיין ערגעץ אין עק וועלט.

ס׳ווייזט אויס אַז אין דער צייט פון דער לאַנגער הפסקה, האָט זיך ביי אים אינעווייניק אַלץ אָפּגעשטעלט און דאָרט איז שוין נישט געווען קיין שום באַוועגונג.

ווען דאָ זענען אַרום אים געווען דאָס ווייב די מומע און די הינט, האָט ער נאָך געהאָפט, אַז אין אים איז נאָך אַלץ לעבעדיק, אַז אים שטערן נאָר די לעבנס-באַדינגונגען, נאָר איצט האָט ער דייטלעך דערפילט, אַז אינערלעך, איז ער אינגאַנצן פוסט.

קיסליאַקאָוו האָט שוין פון לאַנג באַמערקט געפערלעכע סימפּטאָמען: ער האָט קיין איין שעה אינגאַנצן נישט געקאָנט אָפּזיצן איינער אַליין, אים האָט אַלץ געצויגן עפּיס ערגעץ אויף דער גאַס, אין טעאַטער, פּונקט ווי צוליב אינערלעכער סטאַגנאַציע זענען פאַר אים נייטיק געווען שטענדיקע אויסערלעכע צערייצונגען און עמאָציעס.

איפּאָליט קיסליאַקאָוו, האָט אין די יאָרן פון זיין יוגנט, אָנגעהערט צו יענער גרינטלעכער מאַסע פון דער אַלטער סטודענטנשאַפט, וועלכע האָט געלעבט מיט די אַלע אינטעליגענטישע טראַדיציעס. ער האָט וואַרעם מיטגעפילט און סימפּאַטיזירט די טעטיקייט פון אַלע פּאָרשריטלעכע פּאַרטייען, ווייל ער האָט געוווסט, אַז זיי אַרבעטן אויסצוראָטן יעדן מין געוואַלטאַט אויף דער ערד. ער האָט געהאַלטן די העלדן פון דער רעוואָלוציע פאַר מערטירער, וועלכע גייען מיט מסירת-נפש צו יעדער העלדןטאַט. און אין דערדאָזיקער שטענדיקער גרייטקייט זייערער צו שטאַרבן פאַר זייער אידעאַל איז געווען דאָס, וואָס עס האָט מער פון אַלץ צו זיי צוגעצויגן. און הגם דאָסדאָזיקע מיטגעפיל און סימפּאַטיע זענען געווען ריין פּלאַטאָנישע, האָבן זיי דאָך אין אים דערצויגן א שנאה און האַס צו יעדער געוואַלטאַט איבער דער פּערזענלעכקייט פונם מענטשן, און די קינפטיקע רעוואָלוציע האָט זיך אים פאָרגעשטעלט קודם-כל, אַלס די באַפרייונג פון דער פּערזענלעכקייט פון כלערליי אונטערדריקונגען מצד דער מלוכישער מאַכט און דורך וועמען דאָס זאָל נישט זיין אפילו.

ווען אָבער ס׳איז געקומען די רעוואָלוציע, האָבן אירע העלדן אַרויסגעוויזן מער חשק צו לעבן אוןווירקן, איידער צו שטאַרבן מיט א פּאַסנדיק וואָרט אין מויל. נאָכמער, זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן אונטערצודריקן די מענטשן-קלאַסן, וואָס פאַר זייער באַפרייונג האָבן זיי, די רעוואָלוציאָנערן, כלומרשט געקעמפט. די וועלכע וואָלטן לויט דער אינטעליגענטישער אידעאָלאָגיע, געדאַרפט באַקומען די פולע פרייהייט, צו וואָט פאַר א קלאַס זיי זאָלן נישט געהערן און וואָס פאַר אַן איבערצייגונגען זיי זאָלן נישט האָבן. דערביי האָט נאָך די פּערזאָן גופא בכלל נאָך נישט פאַר-

קומען ביי דער נייער מלוכה-אָרדנונג יענץ אָרט, וועלכע זי האָט לויט אַלע מענטשלעכע און געטלעכע רעכט, געדאַרפט פאַרנעמען. און נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן גאָרנישט קיין פיינע זאַכן.

דאָס פאָלק, דער פראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געווען אַזוי שיין און רירנדיק כל-זמן עס האָבן אים אונטערדריקט אַנדערע קלאַסן, האָט איגנאַנצן אויפגעהערט צו זיין שיין און רירנדיק ווען ער האָט אַליין אָנגעהויבן אונטערצודריקן דידאָזיקע קלאַסן, זיינע פריערדיקע אונטערדריקער, געגעבן צו וויסן וועגן זיין עקזיסטענץ אויף א סאַמען דירעקטן אופן; ד. ה. ער האָט אָנגעהויבן זיך ווייזן אין שטיוול און „קאָסאָוואָראָטקעס” אין אַלע אינסטיטוציעס און דאָרט פאַרנעמען אַלע שטעלעס.

קיסליאקאָוו איז ביז דער רעוואָלוציע געווען א באַן-אינזשעניער און האָט ליב געהאַט די ש י נ ע ס, ליב געהאַט זיי מיט יענער ליבע, וואָס עס קאָן זיין נאָר פאַרשטענדלעך פאַר א קאָמוניקאַציע אינזשיניער.

באַרייזנדיק רוסלאַנד פאַר דער מלחמה אין דער לענג און אין דער ברייט אויף דער אַרבעטביים בויען באַנען, פלעגט ער צייטנווייז אָפּזיצן גאַנצע נעכט איבער מאַפּעס.

אים האָט צו זיך געצויגן סיביר. דאָרט בויען — האָט געהייסן, נישט פשוט בויען, נאָר איינגעמען, באַקעמפן די וויסטע און שאַפן א ניי לאַנד.

בעת דער מלחמה האָט ער אויסגעפירט א פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע. — מיט אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע און שנעלקייט און זינט דעמאָלט קלאָר דערפילט זיין אמתן וועג. אויף אים האָט אויסערגעוויינטלעך שטאַרק געווירקט דער גלויבן פון יענע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, און זיין באַגאַבטקייט און דאָס האָט צען מאָל שטאַרקער געמאַכט זיינע קרעפטן.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו טרוימען וועגן סיביר.

זען, ווי אויפן אָרט פון דער געוועזענער וויסטע קומט אָן אַן אַרמיי איינגעמער און דעראָבערער — ערד-גראָבערס, טישלער, ברוקיר-אַרבעטער, ווי עס הייבט זיך אָן צו רירן דער שלאַנג

פון דער קינעטיקער ליניע און דער גלייכער שטח באַדעקט זיך מיט בערגלעך און משופעדיקע ערד-וואַלן, אויף וועלכע עס גריבלען מחנות מענטשן, וואַרטן אויפן זיס אויפרעגנדיקן מאָמענט, ווען מ׳הייבט אָן אויסצולייגן די שיגעס און ענדלעך דערזעט מען דעם לאָקאָ-מאָטיוו, וועלכן מ׳לאָזט גיין דאָס ערשטע מאָל איבער דער ניי-ער ליניע — נאָר א קאָמוניקאַציע-אונטערנעמער ווייסט, וואָס פאַר אַן עמאָציעס עס לעבט דעמאָלט איבער דער, וואָס בויט א וועג און א באַן.

און דידאַזיקע שאַפונג פון נייע וועלט-אַרטעריעס איז אַמאָל געווען דער אינהאַלט פון קיסליאַקאָווס לעבן. ער האָט זיך גע-פילט ווי אַן אָנפירער פון מיליטער, וועמעס פערזענלעכקייט מאַכט געהאָרכזאַם און איבערגעגעבן א גאַנצע אַרמיי מענטשן.

נאָר שוין אין די ערשטע חדשים פון דער רעוואָלוציע האָט ער דערפילט, אז זיין פערזענלעכקייט איז עפּעס ווי אָפּגע-בליאַקעוועט געוואָרן, פון אַן אַרמיי-אָנפירער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א געוויינטלעכן זעלנער, אין א דורכשניטלעכן אַרבע-טער און ער האָט זיך געפילט באַליידיקט און באַעוולט.

ער האָט נישט געקאָנט אָן א גרויל באַטראַכטן, אז ער וועט איצט מוזן בעל-כרחה אַריין אין א באַרירונג מיט דער אַר-בעטער-מאַסע, זיין אונטער איר קאָנטראָל און אפילו זיך צו חנפענען צו איר. און דערנאָך, ווען ער וואָלט געוואָלט גיין אין קאָנטאַק מיטן אַרבעטער-קלאַס, ד. ה. אין א פולער איינ-שטימונג מיט זיינע אידעאַלן און שטרעבונגען, וואָלט אים דורכויס אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, האַלטן רעדעס, און אויב שוין יאָ האַלטן רעדעס פאַר דער עפנטלעכקייט, הייסט דאָך עס, רופן צו געוואַלטאַטן, ווייל די רעוואָלוציע איז אוועק אויף דער ליניע פון א בירגער-קריג און דערמיט האָט זי צעניכטעט געמאַכט אַלע גרונט-פּרינציפּן פון דער אינטעליגענטישער אידעאָלאָגיע: „גערעכטיקייט פאַר אַלעם אָן אונטערשייד פון קלאַסן“

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין זאַך און זיין לעבנס-ציל, איז געווען פאַר אים דער סאַמער עיקר אין זיין לעבן, האָט ער באַשלאָסן, זיך אָפּצוזאָגן דערפון און צו רעזיגנירן דע-

ריבער, איבערצוּוואַרטן און זיך צוצוקוקן צו דער אויסשטאַטונג פון דער גאַנצער באַוועגונג, וואָס איז פון אים אַליין נישט געווען געווענדט. דאָס איז פשוט א נאַטור קאַטאַסטראָפע, ווי אַן ערד-ציטערניש. און וואָס מער ער האָט באַגעגנט מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּ-געזאָגט פון זייער זאַך און לעבענס-ציל און רעזיגנירט דעריבער צוליב דיזעלבע טעמים, ווי זיינע, אַלץ מער האָט זיך ביי אים באַרויקט דאָס געוויסן: נישט ער אַליין געפינט זיך דאָך אין אַזא לאַגע.

און היות ווי עסן און טרינקען האָט מען דאָך געמוזט, האָט ער באַשלאָסן אָנצוקומען צרגעץ אין א נייטראַל אָרט. ער ער וועט איצט אַרבעטן נאָר אַזויפיל, וויפיל עס איז נייטיק צו קאָנען ווי עס איז פאַרדינען אויף די נייטיקע באַדערפענישן און נישט שטאַרבן פון הונגער און פאַרן פאַרדינסט, געבן זיי אַנ-שטאַט אמתע שאַפונג, אויף וועלכער ער איז פעיק — פ אַ ל ס י-פ י ק אַ ט ן. אַזאַ פאַלסיפיקאַט, איז פון זיין שטאַנדפונקט געווען זיין אַרבעט אין מוזיי, וווהין ער איז אָנגעקומען דורך זייגעם א באַקאַנטן, באַמיענדיק זיך צו האַלטן בסוד זיין אמתע ספּעציאַ-ליטעט.

נאָר ער האָט ווייטער געגלייבט, אַז זיין אוצר איז גאַנץ און ליגט ביי אים איינעווייניק, אין האַרצן, פונקט ווי א מלבוש, וואָס מען האָט דורכגעשאָטן מיט נאַפטאַלין, כדי אים צו באַהאָ-רענען פון מאָלן. און דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין האָט אים אפילו איצט געצוווּנגען צו קוקן מיט פאַראַכטונג אויף אַלע איבעריקע מענטשן, באַזונדערס אויף די זעלבע אינטעליגענטן, וועלכע אַמ-טירן פשוט נישט האָבנדיק אין זיך גאָרנישט.

און אַט איצט, נאָכן צוריקקומען פון וואָקזאַל, האָט ער דערשפּירט א גרויל, אַז ער האָט אין זיך גאָרנישט, אַז ער האָט, וואָס אנבאַלאַנגט דעם, געלעבט אין טעות...

און אַט די פולע פוסטקייט, וועלכע ער האָט אנטדעקט אין זיך נאָך דער פרויס אַוועקפאָרן, האָט אים שטאַרק דערשראָקן.

חוצדעם, וואָס ער איז אַליין געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, איז דער קלאַס ביי וועלכן ער האָט זיך אָנגעהאַלטן, אַלץ פאַר-

מינערט געוואָרן מיט יעדן טאָג אין צאָל. דעריבער איז פאַלוכין
געווען נישט נאָר קיין עווענטועלער שטיץ- און אָנלעענונגס-פונקט
אויף צו ראַטעווען דאָס לעבן זיינס בפועל-ממש, נאָר אויך אַ
האָפענונג אויף א גייסטיקער פאַרייניקונג מיטן לעבן, וואָס האָט
זיך אוועקגערוקט פאַרויס.

XVI

די באַציונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט מיט פאָלוכינען האָבן באַגינסטיקט די מעגלעכקייט זיך צו פאַרייניקן מיטן נייעם לעבן. דאָס אינטעליגענטיש געווויסן זיינס איז לויט דער טראַדיציע זייער איבערקלייבעריש צו דער פראַגע וועגן דער ערלעכקייט פונם געדאַנק, וועגן דער אויפריכטיקייט פון די קעגנזייטיקע באַציונגען און פאָדערט נאָך דערצו נישט פאַראינטערעסירטקייט, באַזונדערס, ביי פיינטלעכע באַציונגען.

איפּאָליט קיסליאַקאָוו, האָט דערווייל זיך נישט געפרעגט, ווי ווייט זיינע באַציונגען צו פאָלוכינען זענען אויפריכטיק און נישט פאַראינטערעסירט. ער האָט קודם-כל דערפילט די פרייד פון ראַטעווען זיך און אין אים האָט זיך אויפגעהויבן א געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו פאָלוכינען, וואָס איז געווען ענלעך צו ליבע.

ער האָט זיך מיט א מונטערע שטימונג געקליבן צו גיין אין מוזיי אַריין, ווו ער האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט פאָלוכינען אין ביי דער דאָזיקער באַגעגעניש מיט אים האָט געזאָלט פאַרשטאַרקט ווערן זייער פריינטלעכער בונד, וועלכער איז אַ מיטל אויפסניי צו קומען אין באַרירונג מיטן אמתן לעבן.

נישט אַרויסגייענדיק פון צימער, האָט ער פלוצלינג דערפילט ווי עס נאָגט אים אונטערן האַרצן (א סימן פון עפּעס אַזעלכעס, וואָס עס גייט נישט כשורה), פון עפּעס א פאַרגאַנגענעם אומרויקן אומשטאַנד.

ער האָט זיך דערמאָנט: דאָס איז געווען די באַציונג צו אים מצד די חברים זיינע. ס'קאָן זיין, אַז אים האָט זיך נאָר אַזוי אויסגעוויזן און אַז אינדעראמתן איז זייער באַציונג צו אים גאָרנישט אַזאַ, ווי אים ווייזט זיך אויס. ס'קאָן אָבער זיין, אַז זיי האָבן טאַקע יאָ עפּעס באַמערקט, און לויט זייער שטייגער אויסגעטייטשט דאָס, וואָס זיי האָבן באַמערקט און אַצינד טראַכטן זיי וועגן אים: „נו, זאָגט אַליין, צי קאָן מען נאָכדעם האָפן אויף די מענטשלעכע אָנשטענדיקייט. אים האָבן מיר דאָך געהאַלטן — און געהאַט אַ גרונט צוהאַלטן פאַר אַן אַייגענעם מענטשן, פאַר אַן אונדזעריקן, וואָס אין זיין אָנוועזנהייט דאַרף מען זיך נישט אומקוקן און נישט מורא האָבן, און אָט ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער איז געוואָרן אַ פאַררעטער.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים אַזוי צעררודערט און געמאַכט אַזוי צעשטרייט. אַז גייענדיק איבערן קאָרידאָר, האָט ער אַליין נישט באַמערקט, ווי זיין פוס איז אַריינגעפאַלן אין עפּעס, און פון הינטן האָט זיך דערהערט אַ געשריי.

— וווהין קריכט איר? איר זעט נישט — דאָ איז דאָך פאַרב!

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קינדער האָבן אויסגעפאַרבט עפּעס אַ בויגן פּאַפּיר און איבערגעלאָזט ביים שאַנק אַ בלעכענע שאַכטל מיט פאַרב.

קיסליאַקאָוו איז אַזוי ווייט געווען פונם געדאַנק, וואָס פאַר אַ שייכות צו אים קאָן האָבן דידאָזיקע פאַרב און דערדאָזיקער בויגן פּאַפּיר, אַז ער האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין שום אַכט און איז אַרויס פון קאָרידאָר.

— אַ חידוש, כ'לעבן! — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, — וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש, שטענדיק צו זיין אָפּהענגיק פון יענעמס מיינונג? קאָן איך דען נישט האָבן מיינע אייגענע סימפּאַטיעס, שליסלעך, מיין אייגענעם אויסוואַל און ריכטונג אינם לעבן? און צו וואָס זיך אומקוקן אויף יעדן שריט? באַלד דו האָסט באַשלאָסן צו גיין אין אַ באַשטימטער זייט, טאָ גיי! איך קאָן אַנטשיידן, קוקנדיק זיי גלייך אין די אויגן אַריין און

זאָגן, אַז איך האַלט פּאַלוכינען פאַר אַ פיינעם מענטשן און דערפאַר בין איך מיט אים באַפריינדעט.

און זיי קאָנען אויף דעם זאָגן:

— דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן פיינקייט, נאָר וועגן אי־בערציייגונגען און וועגן קלאַסן־אַנגעהעריקייט. הייסט עס, אַז איר פאַראַט אונדז, אייער אייגענעם קלאַס, ווערנדיק פריינטלעך מיט דעם, וועלכער איז באַרופן אונדז אָפּצוראַמען פון דער ערד און פון אונדז צו מאַכן אַ תל?

אויף דעם קאָן ער ענטפערן, אַז די איבערציייגונגען קאָ־נען זיך ביים מענטשן ענדערן, און אַז זייער אָפט טרעפט זיך, אַז אַ מענטש ווערט פאַרפרעמדט צו זיין אייגענעם קלאַס און גייט אַריבער אויפן צד שכנגד מיט וועלכן עס האָבן זיך ביי אים אַרויסגעוויזן געמיינזאַמע איבערציייגונגען.

נאָר דאָ איז דער ענין קאָמפּליצירט געוואָרן דורך דעם, וואָס מ׳האָט אים געקאָנט פרעגן:

— זאָגט נאָר, כ׳בעט אייך שוין לאַנג, ווי די איבערציי־גונגען זענען ביי אייך געוואָרן געמיינזאַם מיט יענעם קלאַס? וויפיל איז דען אין דעם, ווי איר זענט אַליין געוואָרן אויפגעבראַכט, דערפון, וואָס דער מענטש אַלס פּערזענ־לעכקייט איז ביי אונדז פאַרשקלאַפט און ערשט נעכטן האָט איר זיך געהקרבנט אויף דער טעמע מיטן אייזל, וועלכן מ׳קאָן ברענגען צום וואַסער א. א. וו.

אויף וועגן פּאַלוכינען האָט איר אַליין קורץ פאַר דעם ערשט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז ער איז אַ פּרא־אדם, וועלכער וועט צוליב זיין עם־הארצות חרוב מאַכן דעם ענין, ווייל ער פאַרשטייט אין אים גאָרנישט, ווייסט נישט אפילו מיט וואָס מען עסט עס".

דאָס איז, ליידער געוואָרן אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אמת, ווייל ער האָט געהאַט אַ באַזונדערער פעיקייט אַלץ אַרויס צוזאָגן אָפן (וואָס אויף לונג — דאָס אויף דער צונג) און זיך אָפּרעדן דאָס האַרץ פאַר יענעם, וועלכער האָט זיך אים אויס־געוויזן צו זיין אַ גוטער מענטש (אַ צעטרייסלט נערוון סיסטעם).

ער האָט, ווירקלעך, געזאָגט גאַלאַכאָוועןן וועגן פּאַלוכינען אינם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען, אַז דאָס איז אַ פּראָ-אַדם וועלכער איז מסוגל, צוליב זיין עם-האַרצישקייט א. א. וו. איצט קאָן גאַלאַכאָוו אין אַ סאַמען נישט פּאַסנדיקן מאָמענט זאָגן פּאַלוכינען:

– ווייסט איר, וואָס דערדאָזיקער פּאַרשוין האָט וועגן אייך געזאָגט?

דידאָזיקע השערות האָבן ביי אים צוויסגערופן אַ פּאַרלוירנקייט און אים געהאַלטן אין אַ קרענק׳עכער געשפּאַנטקייט, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער אַ דראָט, וואָס איז געווען איבערגעצויגן איבער אַן אָפּגרונט און האָט ריזיקירט, יעדע רגע ביי יעדן אומפּאָרזיכטיקן שריט, אַראָפּצופאַלן און דערהרגעט צו ווערן.

און אים איז, מחמת דעם, אויסגעקומען צו פילן אַ שטענדיק האַרצקלאַפּעניש און וואַרטן אויף אַ שענדלעכע רעוואָלוציע אויב נישט פון איין צד, טאָ פון ערגעץ אַנדערש.

דאָסמאָל איז אַלץ אַוועק וווּנדערבאַר, גינסטיק און כשורה. ער איז אַריין דורכן פּאַראַדן אַריינגאַנג „קעמפּנדיק” אַ געווויסע צייט מיט דער מאַסיווער טיר, וועלכע האָט אים, ביים פּאַרמאַכן זיך, אַ שלעפּ מיט געטון מיט זיך, האָט אָפּגעגעבן סערגיי איוואַנאָוויטשן דעם פּאַלטאָ, אויסדריייענדיק אים, ווי זיין שטייגער איז, מיטן פּאַרלאַטעטן אָרט אינעווייניק אַריין און פּלוצלינג דערזען אויף די שטיגן פּאַלוכינען.

יענער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אים:

– גוט, וואָס איך האָב אייך באַגעגנט, חבר קיסליאַקאָוו.

ביי קיסליאַקאָוון האָט תחילות דאָס האַרץ אָנגעהויבן דערשראָקן און שטאַרקער צו קלאַפּן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז פּאַלוכין וועט אים אויספרעגן, וואָס פאַר אַן איינדרוק אויף אים האָט געמאַכט די פּאַרזאַמלונג, און דאָ קאָן נאָך דערהערן עמיצער פון די אייגענע מענטשן, דורכגייענדיק דורכן צימער אין ביבליאָטעק-זאַל אַריין, וואָס ער רעדט מיט פּאַלוכינען וועגן דעם. חוצדעם איז זיין געהער, ווי געוואָרן פּאַרלעצט און באַ-

ליידיקט דורך פּאָלוכינס ווענדן זיך צו אים מיט די ווערטער „חבר קיסליאַקאָוו" דאָס האָט אים מיט עפּעס באַליידיקט.

פּאָלוכין האָט אָבער אָנגעהויבן רעדן נישט וועגן דער פאַרזאַמלונג. זיי זענען ביידע געגאַנגען איבערן קאָרידאָר, פּאָלוכין פון פאָרנט, און אַרייננקומענדיק אין ערשטן זאַל, האָט האָט פּאָלוכין זיך אָפּגעשטעלט.

— איר געדענקט, דאָס פאַריקע מאָל האָט איר מיך געפרעגט, וואָס איך באַקוק דאָ, און איך האָב אייך געזאָגט, אַז עפּעס אַ געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן אין קאָפּ.

— יאָ, איך געדענק...

— און אָט, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אַהער געקומען און אַ קוק געטון, וואָס דאָ טוט זיך, און וואָס דאָ געפינט זיך, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז נאַרישקייט.

— וואָס איז נאַרישקייט?

— אָט די גאַנצע זאַך. וואָס טוען מיר דאָ? עפּעס היטן מיר דאָ אָפּ סאַמע קברים! נאָך ווייניק, וואָס מ'היט דאָ אָפּ קברים, היט מען נאָך אָפּ עפּעס רעליקוויעס. אָט, למשל, דידאָזיקע צאַרישע היטלען... באַלד מיר באַציִען זיך צו זיי מיט אַזאַ יראת-הכבוד — וועלן דאָך אויך זיי אַנדערע אויך קוקן מיט יראת-הכבוד יענע, וועלכע קומען אַהער.

— גאַנץ ריכטיק, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

— דאָ זענען אַלץ די אַמאָליקע דורות, הייסט עס, אַז מיר זענען דאָ — אין דער פאַרגאַנגענהייט. די אַמאָליקע דורות ליגן דאָ אָן באַוועגונג און מ'דאַרף זען זיי צו צווינגען זיך צו באַוועגן. בין איך גערעכט?

— ריכטיק — האָט קיסליאַקאָוו נישט באַלד אָפּגעענטפערט ווייל ער האָט די ערשטע רגע נישט פאַרשטאַנען פּאָלוכינס געדאַנק, נאָר אַרויסווייזן דאָס האָט ער זיך נישט דעצידירט.

— מ'דאַרף דעם מוזיי מאַכן פאַר אַזאַ אינסטיטוציע, אַז ער זאָל נישט זיין באַרופן אָפּצוהיטן די פאַרגאַנגנהייט, נאָר ער זאָל אָנווייזן פון וואַנען און וווּהין מיר גייען, נישט אַזוי?

— ריכטיק.

קיסליאַקאָוו האָט ווידער געזאָגט: „ריכטיק". נאָר געזאָגט האָט ער עס נישט מיט אַ מאָל נאָר פאַרטראַכטנדיק זיך אַביסל. און קיסליאַקאָוו האָט אָפּהאַלטנדיק זיך אַביסל מיטן ענטפער, געהאַט דערביי אַזאַ כּוונה: ער האָט מורא געהאַט, אַז פּאָלוכין זאָל נישט מיינען, אַז ער קלערט גאָרנישט אַריין אין עצם-הענין און איז איינשטימיק מיט אים, נאָר כּדי נישט ווידערצושפּרעכן דעם נאַטשאַלניק.

— מיר זענען איצט נישט אַזוי רויק, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען דערלויבן אַזאַ לוקסוס, ווי קברים, און מיר זאָלן נאָך דערצו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טון. מיר דאַרפן לויט די מוסטערן באַווייזן דעם גאַנצן וועג, איבער וועלכן מיר זענען פריער געגאַנגען און איבער העלכן מיר גייען איצט. אָט דאָס וועט זיין דער עכטער מוזיי. וועלכן מיר באַדאַרפן צו האָבן! — האָט פּאָלוכין געזאָגט, מאַכנדיק ביי יעדן וואָרט אינדערהייך און אַראָפּ מיט די הענט מיט אַן אויסגעשטעלטן ווייז-פינגער, ווי אַ רעגענט אין קירך.

פּאָלוכין האָט געהאַט א מאָדנע זשעסטיקולאַציע מיטן ווייזפינגער, דערביי האָט ער אונטערגעבויגן דייקובעריקע פינגער.

קיסליאַקאָוו האָט אָנגעהויבן כּפרשטיין, אָס פּאָלוכין וויל און אין דער זעלבער רגע, האָט ער דערפילט, אַז ער הייבט זיך אָן דערנטנטערן צום לעבן, וואָס איז פון אים אַוועקגעגאַנגען.

— כ'פאַרשטיי — האָט ער געזאָגט. — מ'דאַרף דעם מוזיי צווינגען צו אַרבעטן אין קאָנטאַקט, ד. ה. אין הסכּם מיט דער גאַנצע ביוראָ-אַרבעט, וואָס ווערט געפירט אין לאַנד, און אין לעבעדיקע בילדער אָנצומערקן נישט נאָר די פאַרגאַנגענהייט, נאָר די גאַנצע באַוועגונגס-ליניע, איינשליסנדיק אויך די איצטיקע צייט מיט אירע דערגרייכונגען און דעראָבערונגען. און אפילו די פאַרגאַנגענהייט דאַרף מען אַזוי צוזאַמענגרופּירן, אַז מ'זאָל קאָנען זען די געשיכטע, ד. ה. די באַוועגונג און נישט קיין אַנדערע היטלען.

— ביסט דאָך, כ'לעבן, גאָר א ווילער יונג, ברודערקע! האָסט מיטאַמאָל אַלץ תּופס געווען! — האָט פּאָלוכין העכסט צו-

פרידן א זאָג געטון, א קלאַפּ טועגדיק איבער דער פּלייצע קיסליאקאָחן, און יענער האָט דערפילט א צופלוס פון זייער א קאָמפּליצירטע פרייד. דאָס איז געווען די פרייד צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען פּאָלוכינען און וואָס ער וועט נאָך פון איצט אָן ווערן נע:טער צו אים.

— ווייסט איר וואָס? — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, — איך וועל זיך פאַרנעמען אָט מיט וואָס: כ'וועל מאַכן א פּלאַן פון רעאָרגאַניזירן דעם מוזיי.

— אויסגעצייכנט! מאַך עס ברודער, מאַך!

— און אָט די קירכן-מאָלעריי וועל איך אַוועקוואַרפן.

— אויף כפרות מיט איר, וואָס מיר דאַרט פאַר א מאָלעריישמאָלעריי, — האָט פּאָלוכין געזאָגט, א מאַך טוענדיק מיט דער האַנט — אָט דו, זע איך ביסט א לעבעדיקער מענטש; אָבער אַלע חברים דיינע זענען קברנים און מער גאָרנישט. נישט אַזוי אפשר? און מיר דאַרפן נישט אַזעלכע מענטשן. און די פּראַנצויזישע שפּראַך דאַרפן מיר אויך אויף כפרות — האָט פּאָלוכין געענדיקט, געבנדיק, אפנים אָנצוגעהערן מכח מאַריע פּאַוולאָוונע.

— יאָ, נעווים — איז קיסליאַקאָוו געווען איינשטימיק — דאָ דאַרף מען אויסקלייבן אַנטשפּרעכנדיקע מיטאַרבעטער, בעסער פון אַלעמען זענען דאָ אויפן ארט יונגע-לייט און יונגע פרויען.

פון הינטן איז פאַר יי פאַרבייגעגאַנגען גוסיעוו און קיסליאַקאָוו האָט דערפילט עפּעס אַ נישט אָנגענעם נאָגן אין רוקן. שוין עפּעס דאָס צווייטע מאָל, ווי גוסיעוו איז דאָ דורכגעגאַנגען. ער וועט אַוועק און זיך טיילן מיט גאַלאַכאָוון מיט זיין איינדרוק און יענער וועט אים זאָגן:

— גאָט אין הימל, וואָס פאַר אַ מענטשן זענען עס איצט געוואָרן: ערשט נישט לאַנג האָט ער זיך אויסגעדרוקט וועגן דעם דירעקטאָר, ווי וועגן אַ ווילדן מענטשן, וועלכער וועט מאַכן אַ תל פונם גאַנצן עסק און איצט איז ער שוין מיט אים „קנעפּל בקנעפּל״ — באַפריינדעט געוואָרן מיט אים.

—איר ווייסט, אַנדריי זאַכאַראָוויטש, — האָט קיסליאַקאָוו

געזאָגט, — אַז דאָס באַגעגעניש מיט אייך איז פאַר מיר אַ גרויסע אומדערוואַרטונג.

— וואָס איז דען?

— ווען איר זענט אַהערגעקומען, האָב איך זיך געטראַכט: דערדאָזיקער מענטש, וואָס איז לחלוטין נישט באַקענט מיט אונדזער זאַך, וועט פון איר מאַכן אַ תל — און אָט ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות! איר האָט באַלד דערזען, וואָס דאָ טוט זיך און וואָס מען דאַרף דאָ און מיך ממש אָנגעצונדן.

ער האָט עס געזאָגט אינסטינקטיוו, פון שטאַרקן באַגער צו זיין אויפריכטיק, נאָר ס'איז אויסגעקומען אָן אַ שום אויסגערעכנטקייט פון זיין זייט, אַזוי, אַז ווען גאַלאַכאָוו וועט ווירקלעך וועגן אים דערציילן פּאָלוכינען, וועט יענער אַ שמייכל טוענדיק נאָר מיט זיין לעבעדיקן אויג, ענטפערן.

— איך ווייס, ער האָט מיר וועגן דעם אַליין געזאָגט.

— נו, הייסט עס, אַז איר נעמט זיך אונטער? — האָט פּאָלוכין געפרעגט.

— געוויס!

— גוט, אַרבעט ברודערקע, אַרבעט!

XVII

צומאָרגנס איז געקומען צופאָרן אַנדריי נעזנאַמאָוו און קיסליאַקאָוו האָט זיך אין אָוונט געקליבן צו אים צו גאַסט.

ער האָט זיך ווירקלעך געקליבן ד. ה. זיך באַמיט אָנצוטון. וואָס בעסער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ביי אַרקאַדיס נאַכלעסיקייט, וואָס שייך זיך אָנטון גוט, וועט ער, קיסליאַקאָוו, אויף זיין יונגע פרוי מאַכן אַן אָנגענעמען איינדרוק אַלס אַן אָנשטענדיקער מענטש, וואָס קליידט זיך אָן מיט געשמאַק.

נאָר דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה. ערשטנס ווען ער האָט אָנגעהויבן, איילנדיק זיך, אָנטון די קאָמאַשן, האָט זיך — מעשה־שטן איבערגעריסן דאָס שנירל, אַזוי, אַז ס'איז אויסגעקומען עס צוצובינדן. ס'האָט זיך באַקומען אַ קניפּל מיט ווייד־לעך. ער האָט אָפּגעשניטן די ווײדלעך — האָט זיך פאַנאַנדערגעבונדן דאָס קניפּל. און חוצדעם האָבן די אָפּצאַסן פון די שיך, וואָס זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון גיין איבער די אַספאַלטענע טראָטואַרן, געהאַט אַ קלאָגעדיק אויסזען און זענען געווען רויטלעך, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד יעדעס מאָל זיי צו רייניקן און פוצן פון הינטן. די שעלקעס זענען אויך קאַלי געוואָרן...! קאַלי געוואָרן און אָפּגענוצט זענען אויך געוואָרן אַנדערע טיילן פון זיין גאַרדעראָב... דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען דער געדאַנק וועגן דער לאַטע אויף זיין פּאַלטאָ...

ער האָט אראָפּגענומען די פּענסנע, אַביסל אַרייב געטון די נאָז אויף וועלכער ס'איז געווען אַ רויטער צייכן, ווי פון אַ קניפּ — פון דער צוגויפקוועטשונג פון די פּענסנע און האָט זיך אָנגעהויבן ראַזירן, נאָר דאָ האָט זיך אים אומגעקערט דאָס מעטאַלישע וואַסער-בעכערל אויף דער קאָמאָדע. באַלד האָט זיך פון יענער זייט וואַנט, פון דער מיעסטשאַנקעס צימער, דערהערט:

— אפשר דאַרפט איר הייס וואַסער? איך האָב מיין טשאַיניק.

דאָ האָט ער פאַרשטאַנען, ווי שאַרף מען הערט אַלץ ביי דער מיעסטשאַנקע, וואָס דאָ קומט פאָר אין צימער, ביי אים — באַלד זי האָט לויטן קלונג פונם אומגעפאַלענעם בעכערל דער־הערט און זיך אָנגעשטויסן, אַז ער קלייבט זיך ראַזירן.

ער האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט אויף דער וואַנט און דערזען אויף איר, אפילו אָן פּענסנע, מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, צוויי זייער גרויסע וואַנצן.

זייט די מיעסטשאַנקע האָט זיך אַהער איבערגעצויגן, האָט די גאַנצע וווּנונג געליטן פונם דאָזיקן בייזן אָנשיקעניש — פון די וואַנצן. אויסראָטן זיי איז געווען אוממעגלעך...

אַרקאַדיס ווּוינונג איז געווען גענוג ווייט פון אים, אויף דער סאַדאָווע גאַס, נאָר קיסליאַקאָוו האָט באַשלאָסן גיין צו אים צופוס, כדי ביז ער וועט אַהין אָנקומען, זאָל ביי אים אָפּ־געקילט ווערן די באַקן, וואָס זענען געוואָרן רויט, ווי אַ בוראַק פון צופיל אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט געמאַכט ביים אָנבליקן זיך.

אַרקאַדי נעזנאַמאָוו, ווי קיסליאַקאָוו האָט אים געקענט אין די יונגע יאָרן, איז געווען אַ גרויסער, ווייט נישט שלאַנקער בחור, אַ ביסל אַ פאַרשלאָסענער אין זיך און אַ שעמעוודיקער, נאָר זייער אַ גוטער און מיט אַ סך גלויבן אינעם מענטשן. זיינע פּרינציפּיעלע באַציונגען צו מענטשן זענען שטענדיק געווען שטרענגע. נאָר וועגן די, וועלכע זענען געווען אַרום אים און מיט וועלכע אים פלעגט אויסקומען צו האָבן צו טון, פלעגט מע

נישט אַנדערש זיך אָפּרופן, ווי ווענן א זייער פיינעם מענטשן! אָדער, „דער קלוגסטער קאָפּ"!

אין די סטודענטישע יאָרן האָבן זיי, ער און קיסליאַקאָוו, געלעבט צוזאַמען. אַרקאַדי איז אַרומגעלאָפן געבן זיינע לעקציעס ווינטער אין אַ דינינקען פּאַלטאָ און צעריסענע קאַמאַשן, האָט פיינט געהאַט די בורזשויען און איז געווען שטאָלץ, וואָס ער איז אַ קבצן.

ער האָט שטענדיק געטרוימט פון יענער צייט, ווען דער הוראַגאַן פון לעבן וועט פאַנאַנדער־וואַרפן איבערן ווינט דאָס טעמפּיקע, זאַטע לעבן, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין זעלבסט־צופרידענער אומבאַוועגלעכקייט.

אין די פריינטלעכע דיסקוסיעס מיט קיסליאַקאָוון איז ער קיינמאָל נישט געווען איינשטימיק מיט אים אין איין זאַך: קיס־ליאַקאָוו האָט אויפן ערשטן פּלאַץ געשטעלט די פּערזענלעכקייט און איר רעכט, אַרקאַדי אָבער האָט געהאַלטן און זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז אויפן ערשטן אָרט דאַרפן אַוועקגעשטעלט ווערן אמת און גערעכטיקייט.

אַרקאַדי האָט געהאַט א שנאה צו דעם, וואָס ס'איז אינם אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרן און צו אַלץ, וואָס האָט זיך איינ־געשטעלט: ער פּלעגט זיך שטענדיק קאָכן, אָנצינדן זיך און אין אַלע היגזיכטן איז ער געגאַנגען קעגן שטראָם, ווי ער פּלעגט זיך אויסדריקן. ער האָט געפירט אַ לעבן פון א פּרוש, פּלעגט זיך טיילן מיט די חברים ביז די קאָפּיקע. פּלעגט זיך זידלען, ווען דער חבר פּלעגט צוזאָגן איינגיכן אָפּגעבען דעם חוב. ער פּלעגט שלאָפן אויף הוילע ברעטער. נאָר וואָס ער האָט פיינט געהאַט תכלית־שנאה, צום שאַרפסטן, איז געווען די רעליגיע.

אַרקאַדי האָט פאַרנומען צוויי צימערן אויפן צווייטן שטאָק פון א דריי־שטאָקיקער מויער, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן אַ גרויסן הויף:

אינדרויסן איז שוין געווען פינצטער.

דאָס אָרט איז געווען א פאַרכמורעטס.

קיסליאַקאָוו, צוגייענדיק צום הויז, האָט געפילט ווי זיין

הארץ הייבט אים אָן צו קלאַפּן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און די רויטקייט פון די באַקן, וואָס איז אים שוין געהאַט אָפּגעקילט געוואָרן גייענדיק צו אַרקאַדין, האָט ווידער אָנגעהויבן אַרויסטרעטן און זיך צעוואַרעמען. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וויאַזוי ער וועט זיך איצט באַגעגענען מיט זיין אַלטן חבר און זיין פרוי. צי האָט זי דערפילט דעם טאָן פון זיין דעפּעשע, ווו ס'איז געווען געזאָגט: „מיט א באַזונדער אומגעדולדיקייט דערוואַרט איך אייך ביידע. איך קוש".

ביים אַריינגאַנג האָט זיך געטראָגן א ריח פון אייל-פאַרב און ס'איז געווען אָנגעמיסטיקט פון הובל-שפּענדלעך, אפנים מ'האָט דאָ געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דעם רעמאָנט.

ער האָט געעפנט די גלעזערנע טיר פון פאָדערשטן אַריינגאַנג און נישט ווילנדיק איז ער געבליבן שטיין, כדי א קוק צו טון אויף זיין אָפּשיין אין שויב ביים שיין פונם לעמפּל. די באַקן זענען ביי אים נאָך אַלץ געווען רויט. אפילו די אויערן האָבן זיך אויך פאַררייטלט. ער האָט צו זיי צוגעלייגט די האַנט, כדי זיי אָפּצוקילן אָבער פון דעם זענען זיי געוואָרן נאָך רויטער.

אין ברייטן קאָרידאָר פון צווייטן שטאָק זענען, ווי אין א האָטעל, פון ביידע זייטן געגאַנגען טירן. די ווענט זענען געווען נאָר וואָס אויסגעקאַלעכט און די טירן האָט מען נאָך געהאַלטן אין פאַרבן: אויף דער טיר פון אַרקאַדי נעזנאַמאָוס וווינונג זענען געווען צוגעאָגלט צייטונגען, כדי די, וואָס קומען צו אים, זאָלן זיך נישט אויסשמירן מיט דער פייכטער פרישער פאַרב. די טיר איז געווען אָפן פון צימער אַרויס האָט מען געזען נאָך נישט קיין פאַנאַנדערגעפּאַקטע וואַליזעס. אויפן פענצטער איז געשטאַנען אַן אָנגעצינדן ליכט: די עלעקטרי איז געווען קאַליע. אויפן טיש, אינמיטן צימער, איז געלעגן אויף א פאַפּירל קעלבאַס און ס'איז געשטאַנען א פוסט גלאָז מיט א פאָדסטאַווקע. ווייזט אויס, אז מ'האָט דאָ קורץ פאַר דעם געטרונקען טיי.

אינמיטן צימער איז געשטאַנען א מענטש אין א פאַנאַנדערגעגאַרטלטער לייוונטענער בלוזע, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט האָר, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען איבערן שטערן, און זיך געפּאַ-

רעט בײם פּאַנאַנדערפּאַקן אַ הילצערנעם קאַסטן, און פון זײן אײבערשטער ברעט האָט ער מיט אַ צװאַנג אַרױסגעצױגן צװעקעס, שטעלנדיק זיך מיט דער קני אױפן דעקל.

קיסליאַקאָװ האָט לױט דער גרױסער פיגור און די האָר, באַלד דערקענט אַרקאַדי נעזנאַמאָװן.

קיסליאַקאָװ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַרקאַדי האָט אױפן דאָזיקן קלאַפּן, אױפגעהױבן דעם קאָפּ און אָפּװאַרפנדיק צום קאַרק צו די האָר, אַ שמײכל געטון מיט עפּעס אַ שטיל װײך שמײכעלע:

— ס'פרײט מיך דיך צו זען.

קיסליאַקאָװ האָט פון דער ערשטער מינוט אָן דערזען, אַז אַרקאַדי האָט זיך שטאַרק געענדערט. פריער װען ער װאָלט דערזען זײן גוטן פרײנט אַרקאַדין, װאָלט ער אַ געשרײ געטון, מיטן גאַנצן קול: „אַ אָט איז ער דער שװינדלער!" — אָדער עפּעס ענלעכס צו דעם. איצט איז אַרקאַדי געװען אַ ביסל צעטראָגן און מיט עפּעס אַ מאָדנע פאַרלױרנקײט האָט ער זיך אָנגעהױבן אומצוקוקן אין שטוב, זוכנדיק װי אַװעקצוזעצן דעם גאַסט, און ס'איז איצט שױן נישט געװען צו באַמערקן אין אים די פריערדיקע התפעלות; ער האָט שױן נישט געפילדערט װי אַמאָל...

אַרקאַדי האָט געהאַט לאַנגע האָר, װעלכע ער האָט געהאַט אַ טבע בעת אַ געשפּרעך אַראָפּצװאַרפן מיט דער האַנט אַראָפּ-צו, און אַ קלײן בערדל, װעלכס ער פלעגט כסדר אַגב צופּן. ער איז געװען װײט נישט קײן שלאַנקער און די מלבושים זענען אױף אים „געהאָנגען װי אַ זאַק". ער איז געװען אַ צעשטרײטער און אַ גוטער מענטש. שטענדיק זענען אים די קלײדער זײנע געװען עפּעס נישט אין אָרדנונג, שטענדיק פלעגט ער עפּעס פאַרגעסן בײם אָנקלײדן זיך, אָדער ער פלעגט עס אָנטון מיטן אונטערשלאַק אַרױף...

— װאָס זיצטו עפּעס בײ אַ ליכט?

— די קאָרקן פון עלעקטרי זענען איבערגעבערענט געװאָרן. טײ װילסטו?

— נײן, װאָס פאַר אַ טײ! — האָט קיסליאַקאָװ געענטפערט,

מיט אַ מונטערער העכערער שטים, ווייל ער האָט געמיינט, אַז אין אַנדערן צימער, פון יענער זייט פאַרמאַכטער טיר, געפינט זיך אַרקאַדיס פרוי, — לאָז נאָר אויף זיך אַ קוק טון — האָט ער געזאָגט, נעמענדיק דעם פרייַנט זייַנעם פאַר די עלנבויגנס און אַ קער טוענדיק אים מיטן פּנים צום פייער. — יאָ, ביסט אויך, ברודערקע, פאַרעלטערט געוואָרן... מיין דעפעשע האָט איר באַקומען? -- האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט אַלץ מיט דער זעלבער העכערער שטים.

— יאָ, יאָ, אַ דאַנק דיר, מיר האָבן זי באַקומען. איך און טאַמאַרע, האָבן זיך ביידע געריסן קיין מאָסקווע, ווי אין אַ צוגעזאָגט לאַנד... אָבער דו גייסט דאָך געקליידט עלעגאַנט: אַ קראַגן אַ קראַוואַט, אַ גוטע מאַרינאַרקע האָט אַרקאַדי באַמערקט, באַקוקנדיק זיין פריינט.

— און איך, ווען דו וואָלסט געוווסט, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד איך האָב אויף אייך געוואַרט — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

— יאָ, מיין טייערער, שוין אַזויפיל יאָרן, ווי מיר האָבן זיך נישט געזען. וואָס־זשע, דו אַרבעטסט?...

— איך אַרבעט — האָט קיסליאַקאָוו נישט גערן געענטפערט — נו, וואָס הערט מען עפּעס אין פּראָווינץ?

— שלעכט. דער עיקרשט איז שלעכט דערמיט, וואָס דאָרט איז לחלוטין נישט פאַראַן קיין געזעלשאַפט: אַלע זיצן אין זייערע נאָרעס און קיינער האָט מיט קיינעם נישט קיין שום געמיינזאַמע אינטערעסן. און דעריבער, ווען מען קלייבט זיך שוין צונויף, טוט מען עס נאָר כּדי צו טרינקען שנאַפּס. און טריגקען טרינקט מען ווילד אָן אַ שיעור, אָן אַ מאָס, אפילו פרויען און מיידלעך אויך — האָט אַרקאַדי דערציילט, צוזעצנדיק זיך אויפן קאַסטן מיט דער צוואַנג אין די הענט — וואָס־זשע ווילסטו: אין לעבן איז נישט פאַראַן קיין אידייע, און אַן אידייע איז, ווי עמעץ האָט געזאָגט, דער גאָט פונם לעבעדיקן מענטשן.

— יאָ, דאָס איז ריכטיק.

— נו, אָט... דערפאַר אינטערעסירט קיינעם נישט קיין

זאַך. אַ חוץ ווייס מען; ווייטער אינטערעסירט זיך קיינער נישט מיט גאָרנישט. דאָס אַלגעמיינע געפיל ביי דער אינטעליגענץ איז אַזאַ פונקט ווי זיי וואָלטן געווען זיין קנעכט פון מצרים, וועלכע מען האָט צוגופגעיאָגט צו בויען אַ פּיראַמיד, וועלכע וועט אויך ווערן זייער קבר. ס׳קומט אויס, פאַרשטייסטו מיך, ווי אַלע וואָלטן זיך אַנטוישט און אויף אַלץ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — דאָ פאַלן זיי אַריין אין אַ פּחד, דאָ שטרעבן זיי זיך צו פאַרגעסן — האָט אַרקאַדי געזאָגט. אַז מ׳זאָל טוען עפּעס, טוען בפּועל-ממש — זעט מען נישט. איינער דעם אַנדערן גלייבט נישט, אַלע קוקן זיך אום אַרום זיך... און אָט אַזוי זיצן מיר זיך און באַקוקן איינער דעם אַנדערן. פון דער גאַנצער שטאָט מענטשן, פון דער אינטעליגענץ נאַטירלעך, האָבן ביי מיר אי־בערגעלאָזט אַ ליכטיקן איינדרוק נאָר צוויי מענטשן: דאָס זענען זייער ווילע מענטשן, מיט גייסטיקע אַספּיראַציעס. זיי האָבן אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט, ווי עס איז צו אָטעמען. צוויי מענטשן נאָר אין אַ גאַנצער שטאָט, דו פאַרשטייסט, וואָס דאָס הייסט? נאָר צוויי!...

אַרקאַדי האָט נישט איבערגעפרעגט זיין פריינט, צי ער איז אַ קאָמוניסט, אָדער נישט. דאָס איז אים נישט אַנגעגאַנגען און קיסליאַקאָוון איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק: „דער מענטש איז אין אַ גוטער שטימונג, פריילעך, הייסט עס — אַז ער האָט זיך איינגעאָרדנט (זיך צוגעשמירט), האָט פּרנסה. דעריבער האָט ער כּדי זיך נישט אויסצוווייזן אַרקאַדין פאַר אַ פרעמדן, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, ברודערקע, ס׳איז נישט גוט. דאָ איז אויך דאָס זעלבע. מ׳אַרבעט נאָר צוליבן שטיקל ברויט, ווייל, ווי דו האָסט גאַנץ ריכטיק באַמערקט, ס׳איז נישט פאַראַן קיין אידייע, קיין אידעאַל. ביי יעדן איז זיין אידייע דערהרגעט און אין קיין פרעמדע אידייע קאָן נישט געבוירן קיין גלויבן. צי קאָן מען דען וועגן דעם טראַכטן, ווען מען ווייסט, אַז ס׳האָט נישט קיין צוקונפט.

ער האָט עס געזאָגט, מיט דער כּוונה, אַז טאָמער וועט

אַרקאַדי אים פרעגן: „חער און וואָס ביסטו אַצינד"? -- זאָל ער זיך קאָנען פאַרופן אויף אויסערלעכע אומשטענדן, וועלכע האָבן אים געצוווּנגען צו פאַראַטן זיין זאַך.

אַרקאַדי האָט זיך אויפגעהויבן פון קאַסטן און מיטן צוואַנג אין די הענט אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן איבערן צימער, קוקנדיק זיך אונטער די פיס.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווייַלע, — די רוסישע אינטעליגענץ, ווי מיר פאַרשטייען זי, האָט זיך אָנגעהויבן אינדערצייט פון ביעלינסקי און זיך געענדיקט אין די טעג פון לענין. צי וועלן מיר קאָנען געפינען אַ ניי באַוווסטזיין (ווייל דאָס אַלטע איז געשטאָרבן)? אויב מיר וועלן נישט קאָנען געפונען, וועלן מיר זיך דעגענערירן, ווייל קיין שום סאָציאַלע גרופּע קאָן נישט עקזיסטירן אָן אַן אידייע.

אין אים איז געווען אַ רויקייט, וואָס איז קיסליאַקאָוון געווען פרעמד און דידאָזיקע רויקייט פון זיין פריינט האָט קיסליאַקאָוון געצוווּנגען צו זיין רעדעוודיקער און אַרויסגערופן ביי אים אַ שטרעבונג צו זען וואָס גיכער זיך צו אַנטפּלעקן פאַר אַרקאַדין, אים באַווייזן זיין אמתן מאָראַלישן און אידייעשן פּרצוף, ד. ה. אַז ער האָט מיט גאָרנישט פאַראַטן זיינע אַמאָליקע אינטעליגענטישע אידעאַלן, די עשרת-הדברות פון דער אינטעליגענטישער אידעאָלאָגיע און איז זיי טריי געבליבן. חוצדעם האָט ער גערעדט מיט היץ און באַגייסטערונג, וועלכע ער האָט אין זיך געפילט און אויך מחמת דעם, וואָס אין צווייטן צימער, פון יענער זייט טיר איז געווען אַרקאַדיס פרוי. און באַלד זי האָט דיזעלבע אָנשויונגען, וואָס אַרקאַדי, איז אים געווען אָנגענעם, וואָס זי הערט איצט, וואָס ער רעדט. וואַרשיינלעך טוט זי זיך איצט אָן צוליב אים.

פרעגן וועגן איר האָט נישט געפאַסט. אַרקאַדי קאָן נאָך מיינען, אַז ער איז הויפּטזעכלעך געקומען צוליב איר. דעריבער האָט קיסליאַקאָוו זיך נאָר צוגעהערט, צי וועט זיך נישט פאַרנעמען פון יענער זייט טיר א באַוועגונג. נאָר דאָרט איז אַלץ געווען שטיל.

— ווען מיט עמיצן טרעפט אַן אומגליק, ווערן אַלע באַקאַנטע זײַנע אָפּגעקילט צו אים און הייבן אים אָן באַלד אויסצומײַדן, כּדי עס זאָל זיי נישט אויסקומען צו העלפן דעם פּאַראומגליקטן און צו האָבן אויף אים מיטלייד — האָט ק׳סליאַקאָוו פאַרגע־זעצט.

— יאָ, דאָס איז א שרעקלעכע זאַך, — האָט אַרקאַדי באַמערקט, קוקנדיק פאַרטראַכט דורך די פענסנע ערגעץ אינדער־ווייט.

— און וואָס פאַר א מאָראַליש פאַנאַנדערפאַלן זיך! אָט איז בײַ אונדז אין הויז פאַראַן א פּאָר־פאָלק: ביידע שיינע נאָך יונגע אינטעליגענטע מענטשן, וואָס האָבן נאָך נישט לאַנג פאַר דעם געדינגט אַלעמען פאַר א בײַשפּיל און אַלע האָבן זיך גע־קאָנט בײַ זיי אָראָפּנעמען אַ מוסר. איצט גטן זיי זיך, ער טרײַבט זי אַרויס פון דער וווינונג, כּדי דאָרט זיך צו באַ־זעצן מיט זײַן בייער פרוי און זי גיט אָן אויף אים אין געריכט— מסתמא וועלן זיי זיך פּראָצעסירן צוליב די זאַכן פון דער ווירט־שאַפט און מעבל.

אַרקאַדי האָט זיך קרענקלעך פאַרוּבצלט.

— דערמאָן זיך נאָר, וואָס דאָס איז: פּראָצעסירן זיך אי־בער מעבל־שטיק, מיט א מענטשן, מיט וועלכן דו האָסט געהאַט געמיינזאַמע גײַסטיקע ווערטפולע זאַכן.

— דערפאַר פּראָצעסירן זיי זיך, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג אַזעלכע געמיינזאַמע גײַסטיקע זאַכן נישט געהאַט. דאָס איז אַ געמיינזאַמע אַנטאַרטונג — האָט אַרקאַדי געזאָגט. דערנאָך, פאַר־טראַכטנדיק זיך א ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן:

— יאָ, דו ביסט גאַנץ גערעכט. ס׳איז טאַקע אמת, וואָס גאָט איז אוועק פון אונדזער לעבן און ס׳איז געבליבן בלויז אַ חיה, וואָס קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ.

— נו, און ווי איז די אַלגעמיינע לאַגע?

— די אַלגעמיינע לאַגע? — האָט קיסליאַקאָוו א קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און איידער ער האָט זיך באַוויזן צו באַ־דענקען, האָט זײַן צונג אַליין אַרויסגערעדט:—וואָס מעל, דרייסיק

רובל א פוד. עס בליט די קאַזיאָנע שאָפונג און די פּערזאָן פונם מענטשן מיט איר איניציאַטיוו איז אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אין א שפּאַרינע, אין א לאָך אַריין. מען באַמיט זיך נאָר, וואָס מער אָנצובויען. נאָר אויסבויענדיק שטיינערנע בנינים, פאַרניכטעט מען אינגאַנצן די פּערזאָן פונם מענטשן און זיין נשמה.

— זיי מיינען, אַז מיט צוואַנג קאָן מען אַלץ טון. ס'איז פאַראן א גוט פראַנצויזיש שפּריכוואָרט...

— ווו איז דיין ווייב? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט, באַשליסנדיק ביי זיך, אז איצט קאָן מען שוין וועגן איר ביי אים פרעגן ס'פּאַסט אפשר נישט, איצט וועגן איר נישט צו פרעגן.

— זי איז אַוועקגעלאָפן צו אירע טעאַטער־חברטאָרינס. זי איז דאָך אַן אָנפאַנגערין אַן אַרטיסטין און איצט וואַרפט זי זיך אַהין און אַהער און קאָן זיך אין ערגעץ נישט איינאָרדענען. מיר ווערט צייטנווייז שרעקלעך, ווען איך דערמאָן זיך אָן אירע זוכענישן און ס'טוט מיר ווי דאָס האַרץ פון רחמנות צו איר.

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט א שטאָך פון באַליידיקונג. ער האָט אַוועקגעשיקט די דעפּעשע מיט אַזא וואַרעמער אינטימער ווענדונג, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר איר, און זי האָט אפילו נישט געפונען פאַר מעגלעך צו בלייבן דעם אָוונט אינדערהיים, הגם זי האָט געוווסט, אַז ער וועט קומען.

ער האָט געטרוימט וועגן א פיינע פּאָעטישע פריינטשאַפט מיט איר, וועגן א האַלב־ברודערלעכער פריינטשאַפט. ווייל ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן זיין פריינטס ווייב אין קיין שום אַנדערן זין.

זי וואָלט פאַר אים געקאָנט זיין עפּעס ווי א מין שוועסטער מיט א נישט באַמערקלעכער שאַטירונג פון אַן אַנדער דערשטיקטן געפיל, וואָס וועט נאָר פאַרשטאַרקן און פאַרשאַרפן זייער נאָענטקייט.

— אָט איז איר פּאָטאָגראַפיע, — האָט אַרקאַדי געזאָגט.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער. אין דער האַלב געעפנטער טיר האָט קיסליאַקאָוו דערזען א נישט באַדעקט געלע־גער — א פנים נאָך פון דערפרי, — א גרויסן פּאָטעל פון ניסני־

האַלץ, באַשלאָגן מיט אַ גרינעם ריפּס, פאַנאַנדערגעוואָרפענע זאַקן איבער די שטולן און אויך אַנדערע טיילן פון ווייבערישע מלבושים, ער האָט זיך אומגעקוקט אין צימער — און דאָ איז נישט געווען צו זען קיין שפּורן פון קיין ווייבערישע האַנט, באַנעמענדיק למשל, דעם קעלבאַס אויפן פּאַפּירל.

אַרקאַדי האָט געבראַכט און דערלאַנגט זיין פריינט דעם ווייבס פאָטאָגראַפיע און אַליין האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין קאַסטן, ווי נישט ווילנדיק שטערן דעם איינדרוק און גלייכצייטיק וואַרטנדיק אַפּנים אויף זיין אורטייל.

קיסליאַקאָוו האָט אויף דער פאָטאָגראַפיע דערזען אַ פרוי, גיכער אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק. זי האָט געטראָגן אַ ווייסינקע בלוזקע און לאַנגע זאָקן, איבער די קני, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטערן קורצן קליידל. זי איז געווען אָראָפּגענומען זיצנדיק אויף אַ פּאַרקן, — ס׳ווייזט אויס, זי האָט זיך פאָטאָגראַפירט ערגעץ־ווו אויף אַ זומער־וווינונג.

דאָס ערשטע אויף וואָס ס׳האָבן זיך פאַרהאַלטן קיסליאַקאָווס אויגן, זענען געווען אירע פיס. געוואָרפן אין די אויגן האָט זיך וואָס אַזאַ פיין מיידל האָט געהאַט אַזעלכע פולע פיס, אינגאַנצן קיילעכיקעביים איינבייג פון די קניען.

— נו, וואָס? — האָט אַרקאַדי געפרעגט.

— זייער אַ שיינע, — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט און זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, אַז אים וועט געוויס נישט אויסקומען מיט אַזאַ שטאָלץ צו פרעגן ביי אַרקאַדין, ווי עס געפעלט אים זיין פלונתטע, יעלענע וויקטאָראָוונע.

אַרקאַדין איז, אַפּנים, געווען זייער אָנגענעם צו הערן זיין פריינטס מיינונג, נאָר, כדי דאָס אַרויסצווייזן, האָט ער זיך געפּאָרעט אַרום קאַסטן. ער האָט געדאַרפט אויפהייבן דעם דעק פון קאַסטן, די צוואַנג האָט אָבער דערצו נישט געטויגט, ווייל ער האָט נישט געקאָנט פאַרכאַפּן די קעפּ פון די צוועקעס, וואָס זענען געווען אַריינגעקלאַפּט אין ווייכן האָלץ.

ער האָט נישט געפונען קיין שום אַנדער זאַך אונטער דער האַנט, וואָס זאָל אים קאָנען פאַרטוישן די צוואַנג

— אָט נעם און פּרוּוו מיט דעם, — האָט קיסליאַקאָוו גע־זאָגט, אַרויסנעמענדיק פון אונטער דער מאַרינאַרקע זיין קינזשאַל.

אַרקאַדי האָט נישט א קוק טוענדיק אויפן קינזשאַל, איט גענומען און מיט זיין הילף אויפגעהויבן אב־סל דעם דעק פון קאַסטן. נאָר אָנשטאָט צו גיין אינדערהייך, האָט דער קינזשאַל זיך א גליטש געטון אָן א זייט איבער דער שפּאַרינע. אַרקאַדי האָט א געשריי געטון, פאַרקוועטשנדיק דער איינגעשניטענעם פינ־גער.

בלוט האָט א שפּריץ געטון און אָנגעהויבן קאַפּן אויף דער פּאָדלאָגע און אויף דעם אַרומשלאַג פונם פּאַטעל און ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער דורכצוואַשן די וווּנד און זי אַרומבינדן, איז אויף דער פּאָדלאָגע געבליבן א גאַנצע סטעזשקע פון טראָפּנס בלוט.

— וואָט פאַר א נישט געשיקטער דו ביסט, — האָט קיס־ליאַקאָוו געזאָגט.

ער איז אַלץ געזעסן און געוואַרט, אפשר וועט שוין אַריינ־קומען די באַלעבאָסטע, ס׳איז שוין אָבער געווען עלף א זייגער און האַלב צוועלף פאַרמאַכט מען דאָס טויער און דאַן מוז מען געבן דעם סטרוזש (דוואָרניק) „אויף טיי”, אויב ס׳פאַלט נאָר נישט אויס קיין גליק, ווען צוזאַמען מיט אים גייען דעמאָלט אַריין נאָך עטלעכע מענטשן: דאַן קאָן מען זיך ווי עס איז „דורכשמוגלען”, נישט געבנדיק דעם סטרוזש קיין גראָשן, ווייל מען קאָן נישט חיסן, ווער עס האָט אָנגעקלונגען דער ערשטער.

קיסליאַקאָוון האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט נישט באַ־געגנט קיין שום אויפמערקזאַמקייט פון טאַמאַרעס זייט און זיין גאַנצע פּסיכישע אָנלאָדעניש איז געגאַנגען לאיבוד.

— דו מוזט איר, מיין טייערער, פאַרציילן: זי איז מיט אַזאַ גיריקייט געפאָרן קיין מאָסקווע און אָנגעקומען אַהער, אַז זי האָט נישט געקאָנט בלייבן זיצן אינדערהיים דעם אָוונט, — האָט פאַר־שעמט און פאַרשולדיקט אַרקאַדי געזאָגט, אַרויסבאַגלייטנדיק זיין פריינט.

קיסליאַקאָוו איז געגאַנגען און געטראַכט וועגן דער ענדע,

דונג, וועלכע ער האָט באַמערקט אין אַרקאַדין. ס'ווייזט אויס, אז אַרקאַדי האָט זיך אַ קער געטון צו דער רעליגיע, בעת ער, קיסליאַקאָוו, האָט אַזעלכע געפילן, ווי רעליגיעזע, נישט פאַרשטאַנען.

נאָר אויב זיי ביידע האָבן געהערט צו פאַרשידענע פּאָזיטיווע אינהאַלטן, האָבן זיי דערפאַר געהאַט אַ געמיינזאַמע נעגאַטיווע באַציונג צו דער נייער מלוכה־אָרדענונג. חוץ דעם צייכנט זיך אָן אינטעליגענטער מענטש אויס מיט טאָלעראַנץ צו די מיינונגען פון אַנדערע און קאָן מיטן לעבהאַפטן מיטגעפיל אויסהערן דאָס, וואָס אים אַליין איז פרעמד, נאָר וואָס עס איז נאָענט פאַר זיין פריינט.

XVIII

אויף מאָרגן איז קיסליאַקאָוו אַוועק צו זיין פריינט אַביספּריצר, כּדי גיכער צו טרעפן טאַמאַרן, אויב זי וועט וועלן וויהין עס איז אַרויסגיין אין אָוונט.

ווען ער איז אָבער געקומען, איז זי שוין ווידער נישט געווען אינדערהיים.

אַרקאַדי האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער און האָט אויסגעזען צו זיין אין אַ פאַרלעגנהייט.

— זי האָט דאָך געזאָגט, אַז זי וועט קומען פינף אַ זייגער, נאָר מן-הסתם האָט עפּעס פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

אַרקאַדי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וווּ ביי אים זענען געשטאַנען פאַרשידענע פּרעפּאַראַטן, ער האָט אַ מיש געטון אַ פלעשל מיט עפּעס אַ פליסיקייט און געקוקט אויף דעם אונטערן שיין פונם טאָג-ליכט. ער האָט געהאַט אַן אויסזען, ווי ער וואָלט געוואָלט דערציילן זיין פריינט דאָס, וואָס ביי אים איז אויפן האַרצן און וואָס עס פאַרשאַפט אים אַזויפיל דאגות, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט אויף דעם דעצידירן.

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— מיך באַאומרויקט זייער די סביבה, אין וועלכער זי פאַרקערט... איך באַזיץ איצט דריי קאָסטבאַרקייטן, צוליב וועלכע איך לעב אויף דער וועלט: דאָס זענען מיין וויסנשאַפט, דיין פריינטשאַפט און שליסלעך, — טאַמאַרעס ליבע. איך האָב שטענדיק

געקיקט איך אַ פרוי, ווי אויף אַ באַשעפעניש, וואָס איז איידעלער און בעסער פאַר אונדז, ביי מיר פלעגט זיך קיינמאָל נישט מיטן געדאַנק בנוגע דער פרוי פאַרבונדן עפּעס נישט קיין ריינע מחשבות הלילה, איך האָב מיר שטענדיק פאָרגעשטעלט די פרוי, ווי אַ שוועסטער, מוטער, פריינט. זי איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס עס האָט מיך געמאַכט בעסער און איידעלער — האָט אַרקאַדי גערעדט, ווי זיין שטייגער איז, אַביסל פאַרלעגן, פאַרשעמט, ווען ס'פלעגט אים אויסקומען אַרויסצוזאָגן זיינע הייליקסטע געדאַנקען, פאַר וועלכע ער פלעגט זיך שעמען.

— נו, דו וועסט, מיט איין וואָרט, זאָגן, אַז אויך אין דעם, אין מיין גלייבן אינם מענטשן, בין איך, ווי שטענדיק, דער זעלבער לעכערלעכער אידעאַליסט...

— ניין, כ'וועל גאָרנישט זאָגן, אַז דו ביסט אַ לעכערלעכער אידעאַליסט — האָט קיסליאַקאָוו זיך אָפּגערופן — אידעאַליסטן זענען איצט אויף דער גאַנצער וועלט נישט בנמצא, אַז זיי זענען אין אַזאַ נישטיקער צאָל, אַז אַזעלכע מענטשן קאָן מען נאָר שעצן ווי זעלטענע בריליאַנטן.

— גיי שוין, גיי...

— יאָ.

— יאָ, איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער סביבה, אין וועלכער זי פאַרקערט. וואָס קאָן מען זאָגן וועגן אָט דער סביבה? דער היינטיקער דור איז נישט אַריינגעפאַלן נישט אַהין און נישט אַהער: פון דעם אַלטן איז ער אַוועק און דאָס נייע לעבן האָט זיי נישט אַריינגענומען אין זיך. און די מענטשן פון היינטיקן דור זענען געבליבן מאָראַליש נאַקעטע. זיי טראָגן נישט אין זיך קיין שום ווערטפולן געדאַנק, קיין שום ערנסט, העכער געפיל. זיי זענען צו דעם נישט פעיק און פאַר זיי איז די הויפּט אויפגאַבע — זיך נאָר דורכצושלאָגן אין לעבן אַריין און אויסקעמפן פאַר זיך, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען עס זאָלן נישט זיין, אַן אומגעזעצלעך אָרט אין אים. דערביי, — האָט אַרקאַדי געזאָגט אָפּשטעלנדיק זיך און איינקוקנדיק זיך אין קיסליאַקאָוון, — דורכשלאָגן זיך אין לעבן אַריין הייסט גאָרנישט אויף זייער

שפראַך פאַרווירקלעכן עפּעס אַן אידייע, נאָר איינאָרדנען זיך אין סאַמען פּרימיטיוון, חיהשן זין.

אַלע אירע חברטאָרינס, לויט ווי איך ווייס, קוקן אויף אַלץ מיט אַ צינישער פּשטות. צונויפגיין זיך מיט אַ מאַנספּערשוין און אים זיך אָפּגעבן איז פאַר זיי אַ גאָרנישט. אַ מאָל, ווען אַ פרוי איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ מאַנספּערשוין, האָט זי אים אָפּגעגעבן איר גאַנצע נשמה, צונויפגיסנדיק זיך מיט אים אין אַלע פיינסטע טיפקייטן פון איר ווען און איצט האָבן די פרויען נישט אין זיך אַזעלכעס, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט אוועקגעבן און זיי קוקן אויף יעדן בונד צווישן אַ פרוי מיט אַ מאַנספּערשוין, ווי אויף אַ לייכט פאַרגעניגן אָדער ווי אויף אַ מיטל זיך איינצואָרדענען.

— און דער מאַנספּערשוין? ער איז אויך נישט קיין צדיק ער באַציט זיך פונקט אַזוי צו דער פרוי ער נעמט שטענדיק דאָס, וואָס עס לאָזט זיך לייכט נעמען און וואָס שעצט ער איצט מער פון אַלץ אין דער פרוי?

אַרקאַדי האָט זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטון אויף זיין פריינט.

— די פיס... — האָט ער געזאָגט, אָפּוואַרטנדיק אַ געוויסע צייט — ער קוקט נישט אויפן פנים, נישט אין די אויגן, נישט אין איר נשמה, נאָר קודם-כל אויף די פיס.

— יאָ, דאָס איז שרעקלעך.

— און אָט איצט ווערסטו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ צרה פאַר מיר איז צו טראַכטן: ס׳קאָן אונטערקומען עפּעס אַן אויסוואורף, פאַר וועלכן זי וואָלט געוועזן „אַ זיסינקע” און מיר אַ שפּיי טון אין דעם דווקא, וואָס איז מיר הייליקער פון אַלץ. מיך פריידט זייער, וואָס דאָרט אין פּראָווינץ זענען ביי אונדז געוועזן מישוק און לעוואַטשקאַ, וועלכע זענען פאַר טאַמאַרן געווען די מעבערישע געזעלשאַפט און זי אָפּגעהיט פון די פאַרשידענע גאָרנישטן. און חוצדעם היט זי אָפּ, נאַטירלעך, אויך די ליבע צו מיר. נאָר מיך שרעקט, וואָס אין איר איז נישט פאַראַן קיין גייסטיק אינערלעכן לעבן, זי קאָן קיין מינוט נישט בלייבן אַליין מיט זיך, זי

מוז שטענדיק האָבן אויסערלעכע צערייצונגען, איר ציט שטענדיק צו אַנטלויפן ערגעץ־וווּהין. אינדערהיים איז זי נישט קיין באַלעבאָסטע, שלאָפט ביז צען אַ זייגער, איך אַליין קאָך קאַווע... דערביי רייצט און אונטערדריקט איר די אָרעמקייט, די אוממעגלעכקייט צו האָבן, ווי ס׳געהער צו זיין, זיידענע זאָקן. זי איז עגאָיסטיש, ווייל און גוט איז זי נאָר מיט יענע, וועלכע זי האָט ליב, די איבעריקע עקזיסטירן פאַר איר גאָרנישט. און חוצדעם צייכנט זי זיך אויס מיט אַזעלכעס, וואָס באַאומרויקט מיך באַזונדערס: דאָס איז איר גרויסע זינלעכע נייגעריקייט... אָט האָט אָנגעהויבן רעגענען — האָט אַרקאַדי צוגעגעבן, צוגייענדיק צום פענצטער, וואָס פון יענער זייט פון זיי האָט ווירקלעך געראוישט אַ רעגן איבער די בלעטער.

— נאָר וואָס עס ראַטעוועט זי און היט זי אָפּ פון שלעכטס און בייזס — איז עפּעס איר קינדערשע תּמימותדיקייט, וועלכע לעבט זיך איין אין איר מיטן פולן וויסן וועגן אַלע דערשיינונגען פון לעבן — האָט אַרקאַדי צוגעגעבן.

פלוצלינג האָט ער, אָנשפּיצנדיק די אויערן און זיין גאַנצע פאַרזיכטיקייט, זיך צוגעהערט צו דער זייט פון דער אריינגאַנג־טיר און אַ זאָג געטון, לייכט אָפּאָטעמענדיק:

— נו, געלויבט דער אויבערשטער, זי איז שוין דאָ! קום ביטע, שוין לאַנג צייט — האָט ער געזאָגט, עפענענדיק די טיר אין קאָרידאָר.

XIX

...יף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ הויך מיידל מיט אַ ווייס פּנים און פּוכקע ליפּן.

— כ'בין אינגאַנצן דורכגענעצט — האָט זי, צעלאַכנדיק זיך, אַ געשריי געטון. זי האָט פונם ערשטן בליק באַמערקט די אָנוועזנהייט פון אַ נייעם מענטשן אין צימער און, הגם זי האָט זיך נאָך מיט אים נאָך נישט באַגריסט, איז געווען באַשייפּער־לעך צו זען, אַז איר אויפלעבונג און לוסטיקייט באַציען זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס נישט צו דעם, וואָס זי איז דורכגע־נעצט געוואָרן, נאָר צו דער אָנוועזנהייט פון גאַסט, פון וועלכן זי האָט אַ סך געהערט פונם מאַן און מיט וועלכן איר איז פאַרגעשטאַנען נענטער זיך צו באַקענען.

— איך בין נישט אַליין — האָט טאַמאַרע געזאָגט — כ'האָב אומגעריכט באַגעגנט אויף דער גאַס דעם פעטער בישוק פונקט אין דער רגע, ווען ס'האָט אָנגעהויבן גיסן דער רעגן און ער האָט, מעשה־גביר, מיך צוגעשטעלט אַהיים אין אַ טאַק־סובקע. מיר זענען דורכגענעצט געוואָרן, נאָר ביז מיר זענען צוגעלאָפן צום טויער.

— גיי שוין אַריין, גיי אַריין! — האָט געשריגן אַרקאַדי וועלכער איז געוואָרן שטאַרק רירעוודיק און פאַרשמאַיעט — און איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, כדי מקבל־פּנים צו זיין זיין פריינט און אונטערהעלפן דער פרוי אַראָפּצונעמען די אייבער־שטע מלבושים

— לאָז, לאָז נאָר, — האָט טאַמאַרע אָנגעהויבן שרייען — כ'וועל דיך באַשפּריצן.

זי האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַראָפּגעשלעפּט פון די העלע האָר, לויט דער מאָדע אָפּגעשוירן, דעם נאַסן קאַפּעליוש און איינקוועטשנדיק דאָס קורצע קליידל צווישן די קני האָט זי אָפּגעטרייסלט די וואַסער-טראָפּן פונם קאַפּעליוש אויפן טעפּיכל.

דער וואָס איז געקומען מיט איר צופאָרן, איז געווען אַ הויכער, מיט אַ ברייטער ברוסט אין אַ בלויער בלוזע, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ דינענקען רימענדל. ער האָט זיך באַגריסט מיטן באַלעבאָס, און זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין, ווייל ער האָט זיך ערגעץ געאיילט.

— ציגעשטעלט זי גאַנצערהייט — איצט טראַג איך זיך אָפּ — האָט ער געזאָגט.

— זייער אַ פיינער מענטש — האָט אַרקאַדי געזאָגט, ווענדענדיק זיך צו קיסליאַקאָוון, ווען דער פעטער מעשוק איז אוועקגעפאָרן צוריק.

אַרקאַדי איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. וואָס האָט, ווי ס'ווייזט אויס, זיך גענומען דערפון, וואָס זיין ווייב איז צוריקגעקומען און וואָס זי וועט זיך באַלד באַקענען מיט זיין פריינט קיסליאַקאָוו. ער האָט זיי אַלץ נאָך נישט באַקענט און איז נאָך אַלץ געווען פאַרשמאַיעט אַרום זיין ווייב, העלפנדיק איר אַראָפּנעמען פון זיך דעם בלאָען זשאַקעט. זי איז געבליבן אין אַ ווייסער בלוזע מיט אַן אָבגעלייגטן קראַגן און אין אַ בלאָ קליידל, וואָס איז איר קוים דערגאַנגען ביז די קני.

— נו, וואָס-זשע. באַקענט זיך שוין, — האָט אַרקאַדי געזאָגט, איבערפירנדיק זיין בליק פון דער פרוי אויף זיין פריינט, פונקט ווי צווישן זיי איז שוין געווען אַ בונד פון קרובהשאַפט.

טאַמאַרע האָט דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געטון אויפן גאַסט און אים אויסגעשטרעקט איר גרויסע האַנט, ענדלעך צו אַ מענערישער, מיט אויספּאָלירטע נעגל, איינבייגנדיק זיך מיטן רוקן אַביסל צוריק. ביי איר איז פאַרפאַלן געוואָרן דער געהויבענער טאָן און זי האָט אַ סעקונדע-צייט געקוקט קיסליאַ-

קאָוון אין די אויגן אַריין מיט אַן אָפֿענעם נישט זיך זשעניר־דיקן בליק.

איר פּנים האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינט־לעכע ווייסקייט און דעסטאָ בולטער זענען אויף אים אָנזעעודיק געווען אירע פּוכקע ליפּן, וועלכע זענען געוואָרן נאָך רויטער און זאַפטיקער, און זי פּלעגט זיי האַסטיק אָפּלעקן מיטן שפּיץ צונג אירן.

און נאָך אַמאָל זענען, דאָס ערשטע אויף וועלכן ס׳האָבן זיך קעגן זיין ווילן, אָפּגעשטעלט קיסליאַקאָווס אויגן, — געווען אירע פיס, באַדעקט מיט פיינע זיידענע זאָקן. די פיס אירע זענען, ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע געווען פולע און רונדע ביז די קני. באַזונדערס, ווען זי פלעגט זיך זעצן און שטייף אָנצי־ען אויף די קני דאָס קורצע קליידל אירס.

— דער רעגן האָט אונדז דורכגענעצט בוכשטעבלעך אין איין מינוט, האָט טאַמאַרע געזאָגט, — נאָר איך וועל באַלד מאַכן טיי. איר ווילט טיי?

— פרעגן נישט, נאָר גרייט צו, — האָט אַרקאַדי אַ גע־שריי געטון, מאַכנדיק זיך שטרענג, ווי ער וואָלט דערמיט זיך געוואָלט באַרימען פאַר זיין פריינט, ווי אַזוי ער באַגייט זיך מיט זיין פרוי.

— כ׳מאַך, כ׳מאַך באַלד! — האָט טאַמאַרע פון איר זייט געהאָרכזאַם האַסטיק אַ געשריי געטון און איז אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער, נאָר, פאַרמאַכנדיק נאָך זיך די טיר, האָט זי באַ־וויזן אַ קוק צו טון אויף קיסליאַקאָוון נישט מיט יענעם אָפּי־ציעלן שמייכעלע, מיט וועלכן זי האָט זיך צו אים געווענדעט בעתן געשפרעך, נאָר מיטן פאַרלאַנג פון אַ פרוי צו באַטראַכטן אַ מענטשן, מיט וועלכן איר וועט אויסקומען אָפט זיך צו באַגע־גענען.

בלייבנדיק אַליין, זענען ביידע פריינט פאַרשוויגן געוואָרן און נישט געהאַט פון וואָס צו רעדן. פונקט ווי די גאַנצע אַט־מאָספערע פון צימער וואָלט זיך געענדערט, איז אין צימער אַריין גאָר אַן אַנדער שטימונג, וואָס האָט אינגאַנצן צוגעצויגן

אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַט די צוויי מענטשן און שוין נישט איבערגעלאָזט קיין אָרט פאַר זייערע מאָנסבילשע געשפּרעכן.

און וויפיל אַרקאַדי האָט נישט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער איבערגעריסענער רויקער שטימונג, איז פונדעסטוועגן געווען צו זען, אַז ער איז אָפּגעשטויסן געוואָרן פון די שינעס פון אַ פריינדלעך געשפּרעך. ער האָט אַלץ אומרויק אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער, רייבנדיק די הענט און ווען נישט ווען אַרויסגערעדט:

— אָט אַזוי זענען אַצינד די עסקים...

מ׳האָט געזען, אַז ער איז צעטראָגן אַביסל, ווייל ער האָט געוואַרט, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין ווייב וועט מאַכן אויף קיסליאַקאָוון, אָבער ער האָט בכוון געמאַכט אַ גלייכגילטיק פּנים, פּונקט ווי ער וואָלט וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט.

ער האָט זיך אַפילו אָפּגעשטעלט ביים פענצטער מיטן רוקן צו קיסליאַקאָוון און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויפן רעגן, וועלכער האָט שטראָמענווייז געגאָסן אויף די שויבן.

— יאָ, דיך קאָן מען מקנא זיין, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, פילנדיק, אַז זיין פריינט וואַרט אויף זיין מיינונג וועגן טאָמאַרן.

— אַרקאַדי האָט שנעל און מיט אַ אויפגעשיינט פּנים זיך אַ קער אום געטון פון פענצטער.

— זי איז דיר געפעלן? טאַקע באמת?

— אַ מערקווירדיקע פרוי... — האָט קיסליאַקאָוו זיך אָפּגערופן, וויסנדיק, אַז אַרקאַדי וועט שוין געוויס איבערגעבן טאַמאַרן זיין מיינונג וועגן איר, און אים האָט זיך געוואָלט זאָגן עפּעס אָריגינעלס און אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין זייער אָנגענעם פאַר איר, ווי פאַר אַ פרוי, כדי זי זאָל זיך מיט אים פאַראינטערעסירן.

— אירע אויגן — זענען תמימותדיקע און נאַיווע; אויגן ווי פון אַ קינד און די ליפּן, ווי אויך דער נידעריקער טייל פונם פּנים מאַכן אַן איינדרוק פון אַ פרוי מיט גרויסע ליידנ-

שאַפטן, פון אַ אומרויקער, נישט שטאַנדהאַפטער און באַפעלערי־ שער פרוי. נאָר דאָס, קאָן זיין, וועט אין איר קיינמאָל זיך נישט אַרויסווייזן, ווייל איבער דעם אַלעם דאָמינירט אין איר תמימותדיקייט, וואָס ווייסט נישט פון קיין שלעכטס.

אַרקאַדי, וואָס האָט געוואַרט אויפן סוף פון זיין פריינטס רייד, מיט אומגעדולד און פריידיקן אויסדרוק, האָט אים מיטן גאַנצן כּוח אַ קלאַטש געטון איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— אַ מערקווירדיקע כאַראַקטעריסטיק! תמימות, משמעות וואָס ווייסט נישט פון קיין שלעכטס. דאָס איז אַ קינד, אַ נאַריש קינד, הגם אָפט אַ קאַפּריזעס. ניין. דו האָסט זי אויסגעצייכנט כאַראַקטעריזירט.

און ער האָט אפילו געמאַכט אַ באַוועגונג אַריינצולויפן אין צווייטן צימער, ווו טאַמאַרע איז געווען.

— זאָג איר נאָר נישט, דו הערסט? — האָט קיסליאַקאָוו אים געבעטן.

— פאַרוואָס?

— אַזוי, מען דאַרף נישט.

— גוּ, גוט, געפּועלט... — האָט אַרקאַדי געזאָגט און קיס־ ליאַקאָוו האָט לויט זיין פּנים געזען, אַז ער וועט איר אומבאַ־ דינגט יאָ דערציילן.

— חוצדעם, האָט זי אַ פּרעכטיקע פיגור! וואָס פאַר אַ הענט! אין זיי פילט זיך אי ווייבלעכקייט און גלייכצייטיק אויך אַ מענערישע קראַפט.

אייגנטלעך וואָלט ער געדאַרפט זאָגן, אַז מער פון אַלץ באַוווּנדערט ער אירע שיינע פיס. נאָר וועגן דעם איז געווען אוממעגלעך צו זאָגן דעם מאַן, וועלכער איז דערצו נאָך געווען זיין גוטער פריינט.

טאַמאַרע איז פון שלאָפצימער אַריינגעגאַנגען אין קאָרי־ דאָר, ווו ס'איז געווען די געמיינזאַמע קיך, און, צוריקקומענדיק האָט זי זיך אָנידערגעזעצט צום טיש, זשמורענדיק די אויגן אויף אַרקאַדין, וועלכער האָט נאָך אַלץ אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער.

קיסליאַקאָוו האָט באַמערקט, אַז ווען זי האָט געקוקט פון

דערווייטן, האָבן אירע אויגן קורטזיכטיק זיך געשטשורעט און דאָס האָט איר זייער געפּאַסט, הגם זי האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן איר קורצזיכטיקייט.

— מ'דאַרף פאַרקאָכן טיי, — האָט אַרקאַדי געזאָגט און, עפּענענדיק דעם קרעדענץ, האָט ער אָנגעהויבן איבערשיטן טיי פון אַ טיטל אין אַ גלעזערנע טיי-פּושקע.

ס'האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז, נישט געקוקט אויף אַרקאַדיס לייכטן שרייען און בייזערן זיך, איז טאַמאַרע נישט געווען קיין באַלעבאָסטע און האָט נישט געקאָנט פירן די ווירטשאַפט. זי איז געזעסן ביים טיש און איר איז נישט איינגעפאַלן אַפילו אַ קלער צו טון נישט אַרויסצווייזן זיך מיטן מינדסטן חשק אויפצורוימען אַביסל אין שטוב, פּונקט, ווי דאָס וואָלט נישט געווען איר זאַך.

דערנאָך, ווען די דינסט האָט אַריינגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר, האָט אַרקאַדי אָנגעהויבן פאַרקאָכן טיי און דערלאַנגען טאַמאַרן דאָס געשיר און זי איז נאָר געזעסן און צוגענומען די פּאָדסטאַווקעס.

— נו, וואָס הערט זיך, ווי גייען דיינע עסקים? — האָט אַרקאַדי געפרעגט זיין ווייב — איז עפּעס פאַראַן אַ האָפענונג?

איבער טאַמאַרעס רויקן פּנים איז פּלוצלינג אַריבער אַ קרענקלעכע גרימאַסע.

— כ'בין אָפּגעזעסן פינף שעה אין דערדאָזיקער שרעקלעכער בערזע. מוסיאָ האָט מיך באַקענט מיט עטלעכע רעזשיסאָרן אַלע זאָגן צו, נאָר נישט איצט. מוסיאָ וויל מיך באַקענען נאָך מיט אַ קינאָ-רעזשיסאָר, אַן אויסלענדער, וועלכער וועט פאַרן אָפּפאָרן אַראָפּנעמען אַ בילד קיין אָדעס. לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן! — האָט זי פּלוצלינג כמעט אַ געשריי געטון.

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט אַן אַנטוישונג פון דעם, וואָס זי האָט אויף אים כמעט נישט געקוקט, פּונקט ווי אין צימער וואָלט געזעסן אַ געוויינטלעכער מענטש, וואָס איז פאַר איר גאָרנישט אינטערעסאַנט. און אַרקאַדיס פראַגע וועגן אירע עסקים

האָט אַ פּנים איינגאַנצן אַרויסגעשטויסן פון איר אויפמערקזאַמקייט יעדן געדאַנק וועגן דעם גאַסט.

— איך בין אָבער גליקלעך, — האָט פלוצלינג טאַמאַרע געזאָגט — גליקלעך, וואָס איך בין אין מאָסקווע. כ׳האָב מיך דאָך אַזוי געריסן. אַזוי געשטרעבט אַהער! וואָס פאַר אַ קלאָגלעך נישטיק לעבן דאָרטן איז ביי אונדז אין פּראָווינץ צווישן דער אינטעליגענץ — איר קאָנט זיך עס נישט פאָרשטעלן!

רעדנדיק וועגן דעם, האָט זי זיך געווענדט צו קיסליאַקאָוו.

— איר וועט דאָרט נישט הערן קיין איין אינטערעסאַנטן געדאַנק, איר וועט נישט זען קיין איין בולטע פּערזענלעכקייט. נאָך אין די ערשטע טעג פון באַקענען זיך צווישן זיך באַמיען זיך די מענטשן אַרויסווייזן זיך פון אַ גוטער זייט, זאָגן אַרויס קלוגע געדאַנקען, און דערנאָך... — זי האָט האָפנונגסלאָז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— נו, און וואָס וועסטו זאָגן מכּוח ליאָוועטשקן און דעם פעטער מישוק? — האָט אַרקאַדי געזאָגט און צוגעגעבן. — באַזונדערע מענטשן און פיינע מענטשן, אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ פיינע — עס זענען פאַראַן. נאָר דער אַלגעמיינער פאָן נאַטורלעך... איז נישט קיין שיינער. די צרה איז, וואָס דער חוטשדרה איז איבערגעבראָכן...

אויף אַרקאַדיס ווערטער האָט טאַמאַרע גאָרנישט געענטפערט. זי איז געווען פאַרנומען מיטן אָנגיסן טיי און, צוזשמורענדיק די אויגן, האָט זי באַקוקט דעם טיש, קאָנטראָלירנדיק, צי אויף אים געפינט זיך אַלץ, וואָס דאַרף זיין.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס אָרעם ווערן אינם מענטשן-מאַטעריאַל, איז אַ פּועל-יוצא פון דעם, וואָס געזעלשאַפטלעכע טענדענצן האָבן די אויבערהאַנט איבער דער פּערזאָן, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט — אויב די פּערזאָן געפינט נישט פאַר זיך קיין שפּיז, הייבט זי אָן צו דאַרן און קווארן און ווערט אויסגעלאָשן און פאַרוואַנדלט אין אַ גאָרנישט, וואָס האָט נישט קיין אייגענע געדאַנקען און קיין שום אויפגאַבן. די גאַנצע קאָסמישע באַווע-

גונג, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, איז דאָך א רעזולטאַט פון, אַזוי צו זאָגן, א נישט געפּלאַנעוועטע איבערבאַוועגונג פון באַזונדערע יחידים, אָבער בשום-אופן נישט פון די מאַסן. די מאַסע גייט שטענדיק אַהין, וווהין עס הייסט גיין אַ שטאַרקער יחיד. און ווי־באַלד דער יחיד קאָן זיך נישט אַרויסווייזן און נישט אויספירן זיין באַרוף, הייסט עס, — אַז די זאַך גייט צום אָפּשטעלן זיך, צו פאַרניכטן דעם יחיד און אַ דאַנק דעם, וועלן מיט דער צייט די מאַסן אָפּגעשטעלט ווערן אין זייער באַוועגונג.

— דאָס איז זייער ריכטיק! — האָט טאַמאַרע באַמערקט און עפּעס מאָדנע אויפמערקזאַם און מיט עפּעס אַ לייכטער באַוווּנדערונג אַ קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון.

— איך בין אָביסל נישט מסכים, — האָט אַרקאַדי געזאָגט, אָנשניידנדיק קעז, ביי אַזאַ באַציונג צום יחיד, וואַקסט אויס אַן איבערגעטריבענע גאווה, עגאָיזם און א פאַרפירערישע פאַלשע איבערצייגונג אין זיין כלומרשט גרויסער באַדייטונג. דאָס ברענגט די פאַרניכטונג, דאָס ברענגט נישט קיין אחדות נאָר אַן אָפּזונ־דערונג צווישן די מענטשן. זאָ איז נישט פאַראַן קיין עלעמענט פון ליבע און גוטס.

— איך בין מיט דיר נישט מסכים! — האָט טאַמאַרע גע־זאָגט, האַסטיק א קוק טוענדיק אויף קיסליאַקאָוון — מ'דאַרף צו־ערשט אָנפילן די אייגענע פערזאָן מיט אינהאַלט, דאַן וועט דער אחדות שוין זיין א באַדייטנדיקער. אָן דעם איז אַלץ זעראָ און זעראָ און ביים פאַרייניקן וועט אין רעזולטאַט אויספאַלן בלויז זעראָס. וואָס אַן אמת, — גוטע זעראָס — האָט זי צוגעגעבן, אַ שמייכל טוענדיק און נאָכאַמאָל שנעל אַ קוק טוענדיק אויף קיס־ליאַקאָוון, ווי כדי זוכנדיק ביי אים אַ באַשטעטיקונג פאַר אירע ווערטער.

זי האָט, נאָך אַ לאַנגן שווייגן אין דער פּראָווינץ אפּנים איבערגעלעבט אַ שטאַרקע אינטעלעקטועלע אויפרעגונג, אירע אויגן האָבן געפינקעלט מיט אַ שטאַרקן בליאַסק, די באַקן האָבן זיך שטאַרק פאַררייטלט.

קיסליאַקאָוו האָט געפילט, אַז זיינע ווערטער רופן ביי איר

אַרויס אַן אינטערעס און דעריבער האָט ער גערעדט מיט אַזאַ ברען און פֿול מיט לעבן, ווי נישט צו גערעדנקען שוין אַליין די צייט, ווען ער זאָל האָבן אַזוי גערעדט. הגם ער האָט גערעדט וועגן דעם, מיט וועלכן ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו לעבן, נאָר דאָס האָט נישט אָפּגעשוואַכט זיין ברען און היץ, ווייל אָט דעם ברען האָבן אַרויסגערופן נישט די געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, נאָר די לעבהאַפטע אויפמערקזאַמקייט פֿון דער פֿרוי וואָס האָט אויף אים געקוקט.

פּלוצלינג האָט אַרקאַדי זיך אויפגעהויבן פֿון זיין אָרט, געמאַכט אַ געהיימניספֿולן זשעסט און צוגעגאַנגען צום קרעדענץ.

— מ׳דאַרף מאַכן אַ פּוסהלע צוליב אונדזער באַגעגעניש, — האָט ער געזאָגט, אַרויסנעמענדיק פֿון דאָרט אַ פֿלאַש משקה, וועלכע ער האָט דאָרט געהאַט באַהאַלטן — דאָס איז קאָניאַק.

— וואָס פֿאַר אַ חכם דו ביסט, מאַנדעלע מיינס — האָט טאַמאַרע געזאָגט, — כ׳האָב נישט געוווּסט אַז דו ווייסט זיך אַנשטויסן.

זאָגנדיק דאָס, איז טאַמאַרע אויפגעשטאַנען און אַרומגענומען אַרקאַדין פֿאַרן האַלדז. דערנאָך, אָפּגייענדיק פֿון אים, האָט זי אַ קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון.

קיסליאַקאָוו האָט לויט איר דאָזיקן בליק דערפֿילט, אַז ער איז שוין אַנערקענט געוואָרן פֿאַר אַן אייגענעם מענטשן, און זי זשעניִרט זיך נישט אין זיין קעגנוואַרט צו זיין צערטלעך צום מאַן.

— טייערער מיינער, לאָמיר צוריקן דעם טיש צו דער אָטאָמאַנע, אַזוי וועט זיין באַקוועמער.

— אויסגעצייכנט.

די מאַנספּערשוינען האָבן זיך גענומען פֿאַרן טיש צוזאַמען מיטן סאַמאָוואַר און געשיר און אים איבערגערוקט צו דער אָטאָמאַנע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. און דאָס לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען איבערן טיש, האָבן זיי צוגעצויגן מיט אַ שטריקל, צובינדיק עס צו אַ צוועקל אויף דער וואַנט, אַזוי, אַז די לאָמפּ זאָל הענגען איבערן טיש.

טאַמאַרע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע.

אַרקאַדי האָט געוואָלט אָוועקזעצן געבן איר זיין פּריינט, נאָר זי האָט צו אַרקאַדין געזאָגט:

— איך וויל, אַז דו זאָסט זיך מיט מיר זעצן.

— אָט האָסטו דיר! — זי איז ביי מיר אַ ווילדע און האָט שטענדיק מורא פאַר אַ נייעם מענטשן, ביזוואַנען זי געוויינט זיך נישט צו צו אים.

מ'האָט זיך גענומען אויפצופּראָפן דעם קאָניאַק, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז נישטאָ קיין שטאָפּער. אַרקאַדי האָט זיך אומגעקוקט אין שטוב, זוכנדיק עפּעס, וואָס זאָל קאָנען דינען פאַר אַ שטאָפּער. קיסליאַקאָוו האָט זיך דערמאָנט אין זיין קינזשאַל און אים דערלאַנגט אַרקאַדין.

אַרקאַדיס בליק, ווי דורך עפּעס דערשטוינט, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן קינזשאַל און איז בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָבן אין איין שטים אַ געשריי געטון קיסליאַקאָוו און טאַמאַרע.

— אַזוי, גאָרנישט... אַ צוגוס פונם בלוט אין קאָפּ, — האָט אַרקאַדי זיי באַרויקט און אָנגעהויבן מיטן עק פון קינזשאַל אַרויסצוציען דעם קאָרק.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן? דו פילסט זיך נישט גוט? — האָט טאַמאַרע געפרעגט.

— ניין, איצט איז שוין אַלץ אַריבער, ס'איז מיר שוין בעסער, — האָט אַרקאַדי געזאָגט. באַמיענדיק זיך אַ שמייכל צו טון.

מ'האָט אָנגעגאָסן די קעלישיקלעך און געטרונקען לחיים. מ'האָט דעם קאָניאַק פאַרטרונקען מיט טיי.

— דו ווייסט נישט וואָס דער מענטש איז פאַר מיר? — האָט אַרקאַדי געזאָגט — מיר האָבן דאָ אין דיין אָפּוועזנהייט גערעדט צווישן זיך, אַז דאָס סאַמע זעלטנסטע איז איצט, ביי אונדז די ירידה פון העכערע קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן מענטשן, — אַ גוטער פריינט ד. ה. אַ מענטש, וועלכער וועט דיך נישט פאַראַטן ביי קיין שום לעבנס-פאַרהעלטנישן. דער איציקער דור פאַרשטייט גאָרנישט אָט דאָס וואָרט און זיין באַדיי-

טונג, פונקט ווי מור פאַרשטייען אים נישט, דעם היינטיקן דור

טאַמאַרע האָט אויסגעטרונקן דריי קעלישקלעך קאָניאַק און אירע באַקן האָבן זיך פאַנאַנדערגעברענט און אירע אויגן האָבן נאָך שאַרפער זיך צעפונקלט.

זי איז געזעסן האַרט נעבן אַרקאַדין אויף דער אָטאָמאַנע און זיך צוגעטוליעט מיט איר הייסער באַק צום אַרבל פון זיין בלוזע און אַרום דער פלייצע. זי איז געווען זייער צערטלעך מיט צאַרקאַדין, האָט אויף אים געקוקט פון אונטן אַרויף, ווייל איר קאָפ איז געווען נידעריקער פון זיין קאָפ און ווען ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירע האָר פון שטרויענע קאָליר, האָט זי שטיפעריש זיך געריבן מיט דער הייסער באַק אָן זיין האַנט. גלייכצייטיק האָבן אירע אויגן אומשולדיק־אויפמערקזאַם געקוקט אויף קיסליאַקאָוון.

— און איך? האָט זי געפרעגט.

— וואָס דו?

— און איך, — וואָס פאַר אַ ראָל וועל איך שפּילן אין אייער פריינטשאַפט?

— דו וועסט זיין זיין שוועסטער.

— ווי ווייל דאָס איז! — האָט קיסליאַקאָוו אויסגעשריגן, קוקנדיק מיט אויגן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו בליאַסקן, אויף אויף אַרקאַדין און טאַמאַרן — דו ווייסט איך האָב מיר דאָס אַליין נעמלעך אַזוי פאָרגעשטעלט און אַזוי געטראַכט, ווען איך בין אַהער געגאַנגען צו אייך דאָס ערשטע מאָל.

— נו, איז פון איצט אָן זאָלט איר זיך דוצן, זיין אויף דו, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

— צו גיך, איך קאָן עס נישט,—האָט טאַמאַרע זיך אָפגערופן, אַ קוק טוענדיק מיט אַ שמייכל אויף קיסליאַקאָוון.

— ניין, איר זאָלט באַלד אָנהייבן צו זיין אויף דו,—האָט אַרקאַדי געזאָגט און איר אָנגעגאָסן אַ קיעלישקל קאָניאַק,— אַלזאָ, זאָג: דו, איפּאָליט.

— נו, איך קאָן נישט. כ׳וועל אַליין זאָגן, אָבער שפּעטער אַביסל.

נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו קיסליאַקאָוון מיט אַ קעלישקל אין האַנט און צו אים געזאָגט, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין:

— איך טרינק לחיים פאַר דער פריינטשאַפט מיט דיר.

אַרקאַדי האָט אַ קליאַטש געטון מיט די דלאָניעס און זיי ביידע אַ כאַפּ געטון פאַר די פּלייצעס, כּדי זיי צו צווינגען זיי זאָלן זיך ביידע צוקושן. נאָר טאַמאַרע איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט.

נאָכדעם זענען זיי זאַלבעדריט געזעסן אויף דער אָטאָמאַנע און געמיטלעך גערעדט צווישן זיך. טאַמאַרע האָט אַרויסגע־לייגט די עלנבויגנס אויפן טיש, אָנגעלענט דעם קאָפּ און גע־קוקט דאָ אויפן מאַן און דאָ אויף זייער פריינט.

קיינמאָל האָט נאָך קיסליאַקאָוו נישט געפילט אַזאַ אָנגענע־מענעם צושטאַנד, ווי איצט.

אים איז פּלוצלינג אַזוי גוט געוואָרן פון געדאַנק, אַז אין זייערע באַציִונגען גייט אַלץ איצט איבערן אַלטן פלוסבעט, וואָס פּאַסט פאַר אַן ערלעכן אָרענטלעכן מענטשן.

און ער האָט גוט געדענקט, אַז אינם ערשטן מאָמענט האָט ער יעדעס מאָל געוואָרט אויף איר בליק און נישט אַראָפּ־גענומען פון איר די אויגן די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט אויף אים געקוקט. דערנאָך, ווען זי איז דורכגעקראָכן אויף דער אָטאָ־מאַנע צווישן אים און דעם טיש, האָט ער אַוועקגענומען פון וועג זיינע פיס, נאָר ער האָט עס געטון אַזוי, אַז זי האָט דאָך אָנגערירט זיינע קני מיט אירע קני.

איצט איז ער ריין, לגבי זיין נייען פריינט אפילו אין די מחשבות. זיי קאָנען זיך דרייסט און פשוט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין, ווייל דאָס וועט זיין נאָר ברידערישע בליקן.

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט אַן אויסערגעוויינטלעך, גיכער אַ פּאַטערלעכע, ווי אַ ברודערישע צערטלעכקייט צו דערדאָזי־קער יונגער פרוי־מיידל און אַ פרייד פון דעם, וואָס ער קאָן איר זאָגן „דו", ווי זיין קליין שוועסטערל.

טאַמאַרע איז נאָך עפּעס אַריינגעגאַנגען אין קיך אַריין.

אויסוואַרטנדיק ביז זי איז פאַרשווונדן געוואָרן פון יענער זייט טיר האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אַרקאַדין

— כ'בין דיר אַזוי דאַנקבאַר! כ'האָב שוין לאַנג נישט גע-פילט דאָס, וואָס איך פיל אַצינד.

— באהאלט דאָס... — האָט אַרקאַדי געזאָגט, דערלאַנגענ-דיק אים דעם קינזשאַל, מיט וועלכן ער האָט געעפנט די פלאַש און גאָרנישט געענטפערט אויף זיין פריינטס ווערטער.

יענער האָט אויף אים פאַרחידושט אַ קוק געטון.

— וואָס איז דען ?... זאָג וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן?

— איך פאַרשטיי אליין גאָרנישט — האָט אַרקאַדי גע-זאָגט — מיר האָט זיך היינט ביינאַכט געחלומט אַ שרעקלעכן חלום: איך קער זיך אום שפּעט אינדערנאַכט פון ערגעץ-ווו אהער. די טיר איז געעפנט, אויפן טיש שטייט פיינלעך-איינזאַם אַ ברענענדיק ליכט. די פענצטער טונקלען זיך אומגעהייער שרעק-לעך, ווי עס קאָן נאָר פאָרקומען אין חלום. איך פיל פּלוצלינג, ניין, נישט איך פיל... נאָר כ'ווייס — האָט אַרקאַדי געזאָגט, בּרייט און מיט שרעק עפענענדיק די אויגן — אַז מיר דערוואַרט עפּעס אין דעמדאָזיקן צימער – ער האָט אָנגעוויזן אויפן שלאָפ-צימער — פּלוצלינג זע איך... — האָט ער פּליסטערנדיק גע-זאָגט...

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט, ווי איבער זיין גוף איז אַרי-בער אַ שוידער פונם וואַרטן, וואָס אַרקאַדי וועט ווייטער דער-ציילן.

— פּלוצלינג דערזע איך אַ גאַנצער שפּור פון טראָפּן בלוט פון טיש ביז דער שוועל פונם שלאָפצימער. כ'טו זיך אַ וואָרף אהין, עפן אויף די טיר... פון יענער זייט טיר זע איך אַ שוואַרצן פאָרהאַנג, דער וועג פון בלוט-טראָפּנס גייט אהין. מיך כאַפּט אַרום אַ שוידער... איך נעם פאַנאַנדער דעם פאָרהאַנג און דאָרט... דאָרט איז גאָרנישט פאַראַן, אַ פּוסטקייט!... אָבער אַזאַ שרעקלעכע פּוסטקייט, וואָס קאָן נאָר זיין אין חלום. און דידאָזיקע פינצטערע פענצטער און דאָס ליכט, וואָס האַלט שוין

ביים אויסגיין אין צווייטן צימער... — האָט אַרקאַדי געזעדט מיט אַן אויסדרוק פון שרעק אין די אויגן – כ׳טו אַ כאַפּ דאָס דאָזיקע ליכט, באַקוק אַלע ווינקעלעך, רוק אָפּ יענעם גרויסן פּאָטעל פון ביסנהאָלץ און אונטערן פּאָטעל זע איך... אָט דעם קינזשאַל דיינעם... — האָט ער שטיל געזעדט, בעת קיסליאַקאָוו האָט דערפילט, אַז ער אליין איז אויך בלאָס געוואָרן פון אַזאַ אומגעריכטן סוף פון אַרקאַדיס דערציילונג.

— נאָר, ס׳קאָן זיין, אַז דיר האָט זיך בכלל געחלומט אַ קאַווקאַזער קינזשאַל? זיי זענען איינער ענלעך צום אַנדערן.

— ניין! אין דעם האַנדלט זיך עס טאַקע, וואָס כ׳האָב געזען אָט דעם סאַמען קינזשאַל און נישט קיין אַנדערן — האָט אַרקאַדי מיט אַ שרעק אין די אויגן געזאָגט – דערזעלבער מאָנאָגראַם, דיזעלבע צעבראָכענע אָרנאַמענטן...

אַרקאַדי האָט מיט אַזאַ אַבערגלויבישן שרעק אָנגעוויזן אויף די אָרנאַמענטן – פּונקטאַנען נעמט זיך אַזאַ צוזאַמענטרעף, בעת איך זע אים היינט דאָס ערשטע מאָל?... כ׳האָב אים דאָך ביי דיר נאָך נישט געזען.

קיסליאַקאָוו האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען און פון אויפ־רעגונג האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאַנען, צי אַרקאַדי האָט יעם קינזשאַל געזען אָדער נישט געזען פריער.

אין צימער איז אַריינגעקומען טאַמאַרע.

ביידע זענען פאַרשוויגן געוואָרן אויפן האַלבן וואָרט.

— וואָס האָט איר עפּעס אַזעלכע מאָדנע פּנימער? — האָט זי איבערגעפרעגט, שטאַרק פאַרחידושט.

— וואָס איז דען? גאָרנישט — האָט אַרקאַדי געשטאַמלט און ווען זי איז אַריין אין שלאָפצימער, האָט ער אינדערשטיל אַ זאָג געטון קיסליאַקאָוון:

— דערצייל איר נישט, זי איז, ווי יעדע פרוי, אַן אַבער־גלויבישע און דאָס וועט איר קאָסטן געזונט.

XX

איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט זיך צוריקגעקערט אַ היים פון אַרקאַדין, באַגייסטערט און דורכגעדרונגען מיט אַ נישט אומגעריכט געפיל און האָט פלוצלינג מיט צופרידנקייט באַמערקט, אַז אין קאָרידאָר איז אומגעוויינטלעך ריין. און צומאָרגנס האָט ער זיך דערוווסט, אַז היינט איז זיין ריי צו דיזשורירן.

ער האָט געהאַט אַ אינסטינקטיוון עקל צו יעדן מין געזעלשאַפטלעכקייט, צו די פאַרזאַמלונגען פון די לאָקאַטאָרן, צו וואַלן, שטיכוואַלן, ווי צו אַ דערנידערונג פון דער פערזאָן. און ווען ס'איז אויסגעקומען צו גיין זיך באַמיען, מ'זאָל האַלטן אין אָרדנונג זיין צימער, אָדער זיך אַריינלאָזן אין דערקלערונגען מיטן הויז־פאַרוואַלטער, פלעגט ער זיך פילן ממש קראַנק. און דורכלאָזנדיק דעריבער אַלע פאַרזאַמלונגען און אַלע באַשלוסן, וואָס זענען אויף דיזאָזיקע פאַרזאַמלונגען אָנגענומען געוואָרן, פלעגט ער זיך וועגן זיי דערוויסן פון דער צווייטער האַנט, פון די, וואָס האָבן זיך אויף די פאַרזאַמלונגען באַטייליקט.

אַזוי איז פאָרגעקומען אויך אַצינד, אָנשטאָט צו אַרבעטן אינדערפרי איבער זיין פראָיעקט, איז אים אויסגעקומען צו רוימען אין קיך, אין באָד־צימער און אין קאָרידאָר.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע וועלן אַרויסגיין פון זייערע צימערן, כדי אַ קוק צו טון, ווי ער, אַ פערזאָן און אַ אינדיווידואַליטעט, וואָס איז צו קיינעם נישט ענלעך, וועט אַרבעטן מיטן בעזעם און וואַשו דעב קלאָזעט צוזאַמען מיט דער מיעשטשאַנקע.

ער האט גענומען דעם בעזעם און אָנגעהויבן צוצוקערן דעם קאָרידאָר. אויף זיין פּנים איז געווען א פאַראַכטנדיקער שמייכל און זיינע באַוועגונגען זענען געווען נאַכלעסיק — און זענען געווען אויסגערעכנט אויפן פאַל, ווען עמיצער וואָלט איצט אַרויסגעגאַנגען פון צימער און געטראָפן אים, דעם אינטעליגענט מיט העכערער בילדונג, ביי אזא עובדה.

נאָר קעגן זיינע דערוואַרטונגען, זענען די לאַקאַטאָרן נישט אַרויסגעלאָפן פון זייערע צימערן אויף דעמדאָזיקן „בייזן וואונדער" און דעם שלאָסערס ווייב, דורכגייענדיק אין דער קיך אַריין און זעענדיק ווי ער קוועטשט אויס די שמאטע האָט צו אים געזאָגט:

— איר וואָלט זיך פאַרהאָנגען מיט עפּעס, אז נישט וועט איר קאַליע מאכן די גוטע הויזן. וואַרטן זיי, איך האָב א זאַק, טוט אים אָן אָנשטאָט א פאַרטוך און בינדט אים איבער מיט א רימען.

זי האָט עס געזאָגט אַזוי פּשוט, ערנסט, אָן א שום חוזק, אז אים האָט זיך אויסגעוויזן נישט באַקוועם זיך אָפּצוזאָגן פון איר עצה. ווי אויס דאַנקבאַרקייט פאַר אזא באַציונג צו אים.

זי האָט געבראַכט דעם זאַק און האָט אפילו אליין אים איינגעאָרדנט אויף קיסליאַקאָוון, אריינשטעקנדיק די עקן פון זאַק אונטער קיסליאַקאָווס רימען פון די הויזן און קיסליאַקאָוו, פאַנאַנדערשפּרייטנדיק די אויפגעהויבענע הענט, האָט זיך נאָר אַרומגעדרייט שטייענדיק אינמיטן דער קיך, פּונקט ווי ער וואָלט צוגעמאָסטן א נייעם אַנצוג ביי א גרויסאַרטיקן שניידער.

— און די שמאַטעס זאָלט איר אָט אַזוי אויסקוועטשן — האָט דעם שלאָסערס ווייב אים געוויזן ווי דאָס צו טון, בעת ער האט געקנייטשט אין דער האַנט די שמאַטע איבערן זליוו.

זי האָט גענומען ביי אים פון דער האַנט די שמאטע, האָט אַריינגעצויגן דאָס קלייד צווישן די קני, כדי עס זאָל זיך נישט באַשפּריצן, און צונויפדרייענדיק די שמאטע אין א מין שרויף זי אויסגעקוועטשט.

קיסליאַקאָוו האט איר גערירט געדאַנקט.

כל-זמן ער האָט געקערט דעם קאָרידאָר און אָפּגעווישט

דעם שטויב מיט א נאַסלעכער שמאַטע אין קיך, האָט מען נאָך געקאָנט שמייכלען מיט א פּאַראַכטנדיקן שמייכל פון א פּריץ, וואָס איז נישט געוויינט צו אַזאַ שוואַרצער אַרבעט. נאָר ווען ס'איז שוין אויסגעקומען זיך צו נעמען פאַר דער אַרבעט אין באָד-צימער, האָט ער שוין אויפגעהערט צו שמייכלען. פאַרמאַכנדיק זיך דאָרט, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף די איינגעבויגענע פּיס און אָנגעהויבן אַרבעטן. ער האָט אָבער פאַרגעסן צו פאַריגלען דעם קלאָזעט.

די שיינע דאַמע, וועלכע פלעגט אינדערפרי גיין אָנגעטאָן מיט א לילאָווען לאַנגן קאַשנע, איז אינדערגיך ווי באַהאַלטנדיק זיך פון זייטיקע מענטשן, דורכגעלאָפן דעם קאָרידאָר. האָט האַסטיק א שטויס געטאָן די טיר און מיט איר א זעץ געטאָן קיסליאַקאָוון אין רוקן בעת ער איז אַזוי געזעסן ביי דער אַרבעט אויף די איינגעבויגענע פּיס. די דאַמע האָט דערשראָקן א געשריי געטאָן און ביי איר איז פון דער נאָז אַראָפּגעפאַלן די פּענסנע אין איימער אַריין... ער איז שטאַרק רויט געוואָרן ביזן האַלדז פון פאַרלעגנהייט.

— אַנטלויפן, אַנטלויפן פון דאַנען! — האָט צו זיך אַליין קיסליאַקאָוו געזאָגט. ער — א פּערזענלעכקייט, א נישט איבערגעווינטלעכע אינדיווידואַליטעט — איז געצוווּנגען צו רייניקן צוזאַמען מיט עפּעס א מיעסטשאַנקע — און ווו רייניקן?

— ניין, כ'פאַרשטיי אַלץ, נאָר ווען מיין ווירדע... — האָט ער היציק און אויפגעבראַכט געזאָגט אינדערהייך און פלוצלינג, דערמאָנענדיק זיך אָן עפּעס, איז ער שטיל געבליבן, ווייל עמיץ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און וווּנדערנדיק זיך אַפּנים, וואָס ער האָט געגעבן אַזאַ פּאַטעטישן אויסגעשריי, האָט יענער אָנגעהויבן צו קלאַפּן און אים גענומען פרעגן, וואָס עס איז געשען אַזוינס.

קיסליאַקאָוו איז שטיל געבליבן, ווי ער איז געווען, זיצנדיק אויף די אונטערגעבויגענע פּיס — און זיך נישט גערירט פון אָרט כדי מ'זאָל נישט וויסן, אַז ער געפינט זיך דאָ. און טאַקע באמת, שיין וואָלט געווען דאָס בילד, וואָס יענער וואָלט

דערזען: עס זיצט א אינטעליגענטער מענטש אויף די איינגעבויגענע פיס אין באָד-צימער און מיט א שמאַטע אין דער האַנט, און א זאַק אָנשטאָט א פארטוך און בייזערט זיך אויף עמיצן אינדערהייך.

געענדיקט דאָס אויפרוימען, האָט ער פאָרזיכטיק אַרויסגעקוקט פון באָד-צימער און דערזענדיק אז דער קאָרידאָר איז פוסט, האָט ער א שליידער געטון דעם איימער אין קיך און איז אַריין צו זיך אין צימער.

די פראָפעסאָרשע, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויפן וועג צו זיין צימער, אין א אַלט מאָדישער פריזור און פענסנע, האָט אויף אים א וואָרף געטון א פאַרחידושטן בליק און כמעט דערשראָקן אַ פרעג געטון:

— וואָס איז מיט אייך?...

קיסליאַקאָוו האָט א טראַכט געטון, אז ער האָט זיך מן-הסתם אזוי געענדערט אין פנים פון דער דערנידעריקנדיקער ארבעט און האָט געענטפערט.

— ווען אייער ווירדע...

און פלוצלינג, דערזעענדיק זיך אַרומגעגאַרטלט מיט א זאַק, וועלכן ער האָט פארגעסן אָראָפּצונעמען פאר זיך, איז ער שטיל געבליבן און זיך אַריינגעכאַפּט צו זיך אין צימער.

XXI

אריבערטרעטנדיק די שוועל, האָט ער דערפילט, אז ער איז אויף עפּעס אַרויפגעטרעטן. ער האָט א קוק געטון אונטער די פיס און דערזען א בריוו, וואָס איז געלעגן אונטער דער טיר.

אין יענע דירות פלעגט מען זיך נוהג זיין די פּאָטשט, וועלכע מען פלעגט באַקומען — סיי בריוו און סיי צייטונגען — אַריינצורוקן אונטער די שפּאַרינעס פון די טיר. דאָס פלעגט מען טון נאָר פאר די לאָקאַטאָרן, וואָס זענען נישט געווען אינ־דערהיים, מעגלעך אז מ׳האט אים געזוכט בשעת ער איז געזעסן אין באָד־צימער און דאָרט אויפגערוימט, כּדי אים איבערצו־געבן דעם בריוו, ווייל מ׳האָט געזען די טיר פון זיין צימער איז נישט פאַרשלאָסן — א סימן אז ער איז נאָך נישט אוועקגעגאַנ־גען אין שטאָט אריין.

דער בריוו איז ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, געווען פון זיין ווייב. זי האָט געשריבן, אז אין זיין אָפּוועזנהייט האָט זי, ווי נאָך קיינמאָל נישט דערפילט איר ליבע צום מאַן און ווי שווער איר איז אָן אים, ווי ער פעלט איר.

קיסליאַקאָוו האָט, ווי ער איז שוין געווען געוויינט דערצו־איבערגעהיפּערט דידאַזיקע שורות, זוכנדיק עפּעס אַ אָנגענעם, אָדער, ריכטיקער א נישט אנגענעם נייעס, א בקשה עפּעס צו קויפן אָדער א באַשטעלונג.

ווייטער האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געשריבן וועגן דער

אומגליקלעכער זוויעניגאָראָדסקע, האָט זיך געטיילט מיט אירע געדאַנקען וועגן דער ווילדער אויסגעלאַסנקייט פון די מאַנספּער־שווינען און זייער גרויסע מאָראַלישע ידידה. אגב האָט זי גע־בעטן זיך דערקונדיקן, צי האָט שוין זוויעניגאָראָדזקע אפשר אָנגעהויבן אויסצופּאַרקויפן אירע זאַכן, ווייל שוין זייט עטלעכע טעג ווי זי, יעלענע וויקטאָראָוונע, איז — זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס — אומרויק וואָס אָנבאַלאַנגט דעם. זי ווייסט גאַנץ גוט אז איר פּאָרגעפיל נאַרט זי קיינמאָל נישט אָפּ און האָט דעריבער מורא, אַז דאָ זאָל עפּעס נישט געשען קיין שלעכטס מיט די זאַכן וואָס זי האָט איבערגעלאָזט ביי דער זוויעניגאָראָדסקע.

דידאָזיקע שורות האָט אויך קיסליאַקאָוו איבערגעהיפּערט און בלויז א טראַכט געטון: „א פרוי וואָס האָט געענדיקט די פּרויען־קורסן, וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט פילאָזאָפיע און נאַ־טור־וויסנשאַפט, רעדט וועגן פאָרגעפילן, ווייל...

לסוף האָט זי געשריבן נאָכאַמאָל וועגן איר געפיל, אז זי בענקט נאָך אים. בפרט נאָך, דאָס שטעטל ווו זי געפינט זיך, איז א שרעקלעך מיאוס שטעטל, אומעטום „עמך", המון, לידער אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט. פון א „האַרמאָשקע", פאַר איר וואָלט געווען נוצלעכער צו פאַרברענגען אין געסינטוק מיט איר קראַנקע לעבער, איידער אַרויסצוּוואַרפן דאָ געלט אויפן ווינט. דאָ קומט איר אויס אפילו צו שלאָפן ביי פאַרמאַכטע פענסטער, אָן לופט.

— ווילט איר אפשר קיין אויסלאַנד... — האָט נישט איינ־האַלטנדיק זיך, קיסליאַקאָוו צו זיך אַליין בייז און גיפטיק געזאָגט און זיך אפילו דערשראָקן, וואָס פון זיין מויל האָט זיך אַרויס־געריסן אַזאַ קליינבירגערלעכער אויסגעשריי.

נאָר די לעצטע פראַזע אין זיין פרויס בריוו האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט צעקנייטשט דעם בריוו אין זיין גאַפּל און אים א שליידער געטון אין ווינקל.

דידאָזיקע פראַזע האָט אין זיך אַנטהאַלטן א וואָרעניש נישט אויסצוגעבן קיין איבריק געלט. ווען נישט — איז דאָרט שוואַרץ אויף ווייס געשטאַנען — „וועסטו אויסגעבן א העלפט געלט, אליין נישט ווויסנדיק אויף וואָס".

זייער שיין, זייער פיין פון איר זייט! — האָט ער זיך נישט געקאָנט בארויקן — זי זיצט זיך דאָרט אין אַ אידיליִשער רויקייט, אָטעמט מיט אַ פרישער לופט (און פאר איר איז עס נאָך אַלץ ווייניק לופט) און ער רוימט דאָרט דעם קאָרידאָר מיטן באָד-צימער. און זי האָט נאָך די חוצפה אים פאַרצולייגן ער זאָל זיין עקאָנאָמיש ביים אויסגעבן געלט, עפּעס אומגליקלעכע הונדערט רובל, וועלכע זי האָט אים איבערגעלאָזט אויף אַ גאַנצן חודש! און דערצו נאָך אירע שטענדיקע דערמאָנונגען און קאָפּולער אָנצוהערענישן וועגן זיין פלומרשטער צעשטרייטקייט, צוליב וואָס ער אַליין ווייסט נישט, אויף וואָס ער גיט אויס דאָס געלט.

דאָס געלט איז ברוך-השם דאָ אויף וואָס אויסצוגעבן, אָן צעשטרייטקייט, — האָט קיסליאַקאָוו זיך געטראַכט, אויפגערעגט אַרומשפּרייזנדיק איבערן צימער פון איין עק ביזן אַנדערן.

ווירקלעך, ער האט אַ טראכט געטון וועגן דעם, אַז ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט איינלאַדן אַרקאַדין מיט טאַמאַרן אין אַן רעסטאָראַן און זיי מכבד זיין מיט אַן אָוונטברויט און מיט אַ פלאַש שאמפּאַניער, ווייל ער געדענקט טאַמאַרעס אויסגעשריי אַז דער פעטער מישוק האָט זי געבראַכט צופירן מ ע ש ה-ג ב י ר אין אַ טאַקסע. פון דעם איז געדרונגען, אַז איר וואָלט געווען אָנגענעם צו פאַרברענגען אין אַ גוטן רעסטאָראַן און אויסטרינקען אַ גלאָז גוטן ווייַן.

און וואָס פאר אַ רעכט האָט זיין ווייב אָפּצונעמען ביי אים אַ דין-וחשבון אין יעדער קאָפּיקע? נישט זי פאַרדינט דאָך דאָס געלט, נאָר ער? מיט וואָס איז זי פאר אים אינטערעסאַנט אַלס פרוי? מיט גאָרנישט! טאָ פאַרוואָס איז ער מחויב זיך אָפּצוזאָגן אינעם פאַרגעניגן צוליב אַ פרוי, וועלכע ער דאַרף צו גאָרנישט האָבן און צו וועלכער ער איז מער ווי גלייכגילטיק? נאָר וואָס העלפט דאָס רעדן? ענטפערן מוז מען איר דאָך אויף איר בריוו סיי-ווי. קודם-כל, כדי איר צו באַרויקן מכוח אירע פאַרגעפילן וועגן דער פרוי זוויעגינצאָדסקע, ווען נישט קאָן זי נאָך — א קשיא אויף איר — באַלד מאָרגן קומען צופליען צוריק.

ער האָט זיך אַ ברוגזער און אָנגעבלאָזענער אַנידערגעזעצט צום טיש. אויפן טיש האָבן זיך אינדערצייט פון זיין ווייבס אָפּוועזנהייט צונויפגעזאַמלט אַלע זאַכן, וואָס זענען נייטיק אין דער ווירטשאַפט: אַ ניעט דערטרונקן גלאָז טיי מיט אַ לעפעלע, וואָס האָט פון גלאָז געטאָרטשעט און מיט נאַסע געלע מונדשטוקן פון אויסגערייכערטע פּאַפּיראָסן אויף דער פּאָדסטאַווקע, אַ קליידער-באַרשט, אַ ביינקע מיט טישלער-קליי, אַ זאַלצמעסטל, אין וועלכן ס'איז פון צעשטרייטקייט געווען אַריינגעשטאָכן אַ מונדשטוק פון אַן אויסגעריבערטן פּאַפּיראָס און גאַנצע שטויסן אויסגעלייענטע צייטונגען.

דאָס גאַנצע צימער איז געווען ענלעך צו אַ נומער אין אַ האָטעל, וואָס איז נאָר-וואָס באַפרייט געוואָרן פונם פריערדיקן גאַסט און וווהין ס'האָט זיך שוין אַריינגעקליבן אַ נייער גאַסט, כּדי זיך ווי עס איז זיך צו באַזאָרגן מיט אַ נאַכטלעגער.

טעאָרעטיש איז איפּאַליט קיסליאַקאָוו געווען אַ מענטש מיט אַ פיינעם דערצויגענעם גוסט און אין אַ פרעמדער וווינונג פלעגט ער באַלד באַמערקן אַ טאָפּעט פון נישט קיין איידעלן געשמאַק, אַ צעראַטע אַנשטאַט אַ טישטוך אויפן מיטאָג-טיש א. א. וו. אָבער פּראַקטיש, ד. ה. ווען ער פלעגט בלייבן אַליין אָן זיין ווייב, פלעגט ער ממש אומקומען פון דעם קאָפּ-דרייענדיקן תּהו-ובֿהו פון די פאַרשידענע זאַכן, מונדשטוקן, פאַנטאָפל, הויזן — דאָס איז געווען די הויפּט רעה און די צווייטראַנגיקע רעה פאַר אים איז געווען דער שמוץ. דאָס ציכל אויפן קישן איז געווען — קלאָר ווי דער טאָג — נישט קיין פרישס און שוין אַ פאַרשמוצטעס, נאָר ווען ער האָט זיך געקליבן איבערצוציען אַ פריש ציכל און ס'איז אויסגעקומען זיך צו גריבלען אין די קאָמאָדעס און שופלאָדן, האָט אים פלוצלינג אָנגעהויבן זיך אויסצוווייזן, אַז די ציך איז נאָך גאָר פריש און ריין און נאָר ווען ס'פלעגט אַריינקומען אַ זייטיקער מענטש, פלעגט ער אינדערגיך פאַרדעקן די ציך מיט עפּעס, כּדי יענער זאָל נישט זען, ווי שמוציק זי איז.

ער איז לאַנג געזעסן ביים טיש. פאַר אים איז געלעגן אַ בייגעלע פּאָסט-פּאַפּיר און אַ פּאָסט-קאַרטל. אויפן בייגעלע פּאַפּיר וואָלט דאָך אויסגעקומען צו שרייבן זייער לאַנג, מ'קאָן אָפּזיצן

א גאַנצע שעה און נישט אויסטראַכטן, מיט וואָס אָנצופילן דאָס גאַנצע בייגעלע. שרייבן ווידער, אויף דעם פּאָסט-קאַרטל נאָך איר צאַרטן בריוו, וואָלט געווען א באַליידיקונג פאר זיין ווייב. זי קאָן זיך נאָך באַליידיקן פאר זיין קאַלטקייט און דאָס וואָלט גע- ווען ערגער פון אַלץ — זי וואָלט אים חושד געווען, אז ער איז צו איר געוואָרן קעלטער און ממילא שוין גלייכגילטיק... דער- דאָזיקער חשד וואָלט געבראַכט מיט זיך פּחד און פּחד — איר באַלדיק צוריקקומען אַהיים. ס'האָט זיך באַקומען א פאַרפּישופּטער קרייז: אים איז אויסגעקומען צו שרייבן א פרוי, וועלכע ער „דאַרף אויף כּפּרות", א זייער צאַרטן בריוו, כּדי נאָר פּטור צו ווערן פון איר אנוועזנהייט אויף וואָס לענגער.

דאַן האָט ער באַשלאָסן צו נעמען דאָס בייגעלע פּאַפּיר, נאָר צו שרייבן שיטער אַ ליניע איבער א ליניע — אַזוי אז עס זאָל זיין ווייניקער אַרבעט און אין פלוג זאָל אויסווייזן, אז ס'איז אָנגעשריבן גאָר א סך. און אזוי טאַקע האָט ער געטון.

דערביי האָט ער זיך נאָכאַמאָל איבערצייגט, אז ער איז געצווונגען צו פירן אַ פאַלש לעבן נישט נאָר אין פאָליטישן זין נאָר אויך אינם היגזיכט פון זיינע באַציונגען צו זיין ווייב. ס'איז אים אויסגעקומען נישט נאָר צו האַלטן פאַרבאָרגן דאָס, וואָס ס'איז פאַראַן אין זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען, נאָר אויסטראַכטן נאָך, ביי א שטאַרקער גייסטיקער אָנשטרענגונג, דאס, וואס ס'איז באמת נישטאָ.

ער האָט געשריבן, אז איר בריוו האט אים פאַרשאַפט א סך פרייד, ווייל ער איז שוין געווען אומרויק, וואס ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געהאַט פון איר קיין בריוו. דערנאָך האט ער באַמערקט, אז צו זיין אַליין איז אים שרעקלעך נודנע און אומע- טיק און ווען נישט זיין הייסער ווונטש, זי זאָל זיך פאַרבעסערן אינם געזונט און צו געבן איר די מעגלעכקייט איינצואָטעמען מיט פרישער לופט, וואָלט ער אַליין נאָך איר געקומען, כּדי זי אַוועקצופירן צוריק אַהיים. ער האָט איר אויך געשריבן, אז איינ- מאָל איז ער געווען מיט א וויזיט ביי אַרקאַדין, נאָר אַרקאַדי איז איינגאַנצן „איינגעשלונגען" דורך דער ליבע צו זיין פרוי, אז

ביי אים איז ממש לאַנגווייליק צו פאַרברענגען. די אָרעמע זוויעניגאָראָדזקע גייט אַרום ווי א שאָטן, א בלאַסע מיט א טויטן בליק, וואָס דערקענט קיינעם נישט. זיי משפטן זיך ביידע, וועגן די זאַכן וועלכע זי האט איבערגעלאָזט ביי די זוויעניגאָראָדסקען וועט ער זיך באמיען באַלד צו דערוויסן. דערנאָך האָט ער ווי־ דער דערמאָנט וועגן זיין ליבע. נאָכדעם איז ער לאַנג געזעסן, האַלטנדיק די פעדער איבערן בויגן פאַפיר און קוקדיק אין פענצ־ טער מיט א בליק, וואָס איז געבליבן שטיין, מיט וועלכן עס קוקן אין א הייסן זומער־טאָג די שילער, וואָס ברעכן זיך דעם קאָפּ איבער א שווערער אויפגאַבע פון אַריטמעטיק.

אין יענע צייטן, ווען אין אים איז נאָך געווען לעבעדיק דער חשק פון לעבן, ד. ה. זיין ארבעט, איז זיין ווייב געווען די ערשטע פארטרויונגס־פערזאָן פון זיין אינערלעך לעבן פון אַלע זיינע גליקלעכע טרעפעניש און פון זיין זיך רוקן פאָרויס אויף זיין שאַפונגס־וועג.

ווען אים פלעגט איינפאַלן עפעס א גליקלעכער געדאַנק, פלעגט ער נישט קאָנען זיך דערוואַרטן אויפן צוריקקומען פון זיין פרוי, כדי מיט איר זיך טיילן מיט אָט דעם געדאַנק, פרעגן איר מיינונג און פילן א טאָפּלטע מונטערקייט, ווען זי איז מיט זיין געדאַנק געווען איינשטימיק.

זי איז ווי אריינגעגאַנגען אין זיין אינערלעכער לאַבאָראַ־ טאָריע, און פון דער זייט פלעגט זי בעסער פון אים באַמערקן א נישט ריכטיקן גאנג, וואס ער פלעגט אַמאָל מאַכן. זי האָט ספּעציעל צוליב דעם געשטודירט די העכערע מאַטעמאַטיק און פלעגם אָפט פארענדיקן די אויסרעכענונגען, וואס ער פלעגט מאַכן ווען ער פלעגט ווערן מיד פון לאַנגע אָנשטרענגונגען און ווארפן די ארבעט, נישט פאַרענדיקנדיק זי. זי פלעגט אויך לויט זיינע אָנווייזונגען, מאַכן די צייכענונגען, וועלכע ער האָט קיינעם נישט געוואָלט איבערגעבן צו מאַכן.

זי פלעגט אים ארומרינגלען מיט אזא אויפמערקזאַמקייט און זאָרגזאַמקייט, אז ער אַליין האָט נישט געהאַט פון וואָס צו זאָרגן און זיין אומרויק. ווען ער פלעגט אַרבעטן, פלעגט זי אין דריטן

צימער נאָך (זיי האבן געהאט אַ גרויסע וואוינונג) גיין אויף די שפּיץ פינגער, כדי אים חלילה נישט צו שטערן אין דער אַרבעט. און זי האָט זיך געהאַלטן פאר אומגעהייער גליקלעך, וואָס זי קאָן לעבן מיט א מענטשן, וועלכער ברענגט אריין אין לעבן די הויכע ווערטן.

און זייט דעם, ווי ער האט פארלאָזן די אמתע זאַך, צו וועלכער ער האָט געהאט דעם עכטן באַרוף און איר פארביטן מיט אַן אזוי גערופענעם ערזאַץ און אָנגעהויבן פּשוט צו פאַר־דינען אויף ברויט, האט זיך אין זיינע באַציונגען צו דער פרוי עפּעס, נישט באַמערקלעך און נישט אויפצוכאַפּן מיטן אויג געענדערט.

זי האט אַויפגעהערט צו זיין אזוי „אויפגעשפּיציקט" און פאָרזיכטיק בניגע אים, ווי פריער. זי האָט שוין אָנגעהויבן אַריינ־צוגיין אין צימער יעדעס מאָל מיט א פולן טריט, פונקט ווי זי וואָלט געוווסט, אז ער איז שוין איצט פארנומען, ווי פריער מיט זיין ענין — הייסט עס אַז מ׳קאָן קלאַפּן, גיין און טון וואָס מען וויל.

ער האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ טיפע אינערלעכע טראַ־געדיע, און יעדער אַזאַ אַרויסטרעט פון זיין פרוי האָט אים אַן איבעריק מאָל דערמאָנט וועגן דעם, אַז ער לעבט איצט נישט מיט קיין אמתן, עכטן, נאָר מיט אַ פאַלשן לעבן, אַז ער האָט זיך באַגראָבן, ווייל ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן די תקופה, וואָס דער גייסט אירער איז אים ווילד פרעמד.

זי פלעגש אָפט זאָגן נאַכלעסיק און צעררייצט:

— גיי אַראָפּ אין געוועלבל איינקויפן, טוסט דאך סיי ווי גאָרנישט.

דאָסדאָזיקע „טוסט דאָך סיי ווי גאָרנישט" איז פאַר אים געווען עפּעס אַ מין טעראָר. אויב ער פלעגט ליגן אויף דער אָטאמאַנע און פאַרנעמען די טריט פון זיין פרוי איבערן קאָרי־דאָר, פלעגט ער באַלד אויפשפּרונגען און זיך זעצן צום שרייב־טיש, זי זאָל נישט טראַכטן וועגן אים: „ער ליגט און טוט גאָרנישט".

און אים פלעגט הנאה טון, ווען ער פלעגט קראַנק ווערן און האָבן ה״ק; דעמאָלט פלעגט ער אפילו מגזם זיין זיין קרענק כדי כאטש מיטן רעכט פון אַ קראַנקן צו האָבן די מעגלעכקייט צו ליגן וויפיל עס ווילט זיך.

יעלענע וויקטאָראָוונע, ווי פילנדיק, אַז ער אַליין אנער־קענט די אומגעזעצלעכקייט פון זיין עקזיסטענץ, איז שטאָפלווייז געוואָרן אַ צערייצטע באַלעבאָסטע אנשטאָט די פריערדיקע זאָרג־זאַמע פרוי, וואָס האָט שיער נישט פאַרמאטערט איר מאַן. זי איז געוואָרן אַ באַלעבאָסטע, ביי וועלכער ס׳איז אינם לעבן אירן נישט פאַראַן קיין שום ליכטיקס און העכערס ווי נור די קליינ־בירגערלעכע אַרבעט אין קיך און דאָס גיין אין מארק איינקויפן פראָוויזיס.

אין איר זענען עפעס מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע העכערע פעיקייטן, די הויכע אינטעלעקטועלע שטימונג איז אויס־געוועקסלט געוואָרן אויף אַ שטרענגע און פונקטועלע פירונג פון זייער ביודזשעט.

זי איז, אַ פנים, נישט ווילנדיק געווען דורכגעדרונגען מיט פאַראַכטונג צום מאַן, אין וועלכן זי האָט נאָך נישט לאַנג פאַר דעם אַזוי געגלייבט און פון וועלכן זי האָט אַזוי שטארק גע־האַלטן. זי האָט זיך אפילו נישט זשעני׳רט אַרויסצושרייבן צו זיך די מומע און איינפירן היינט.

אָבער לפנים, „פאַר לייט״, האָט זי שטענדיק ליב געהאַט צו זיין מיט אים אין געזעלשאַפט, ווי ווילנדיק דערמיט באַ־ווייזן, אַז זי איז גוט איינגעאָרדנט, אַז זי האָט אַ מאַן, וועל־כער האַלט זי אויס, און אַז זיי לעבן צווישן זיך גוט.

דאָס איז שוין געווען דער קווינטעסענץ פון איר קליי־בירגערלעכקייט. באַזונדערס, ווען קיסליאַקאָוו פלעגט אויסקומען, כדי נישט צו מאכן קיין סקאַנדאַל צו גיין זונטאָג שפּאַצירן מיט זיין ווייב און אָפּשטעלנדיק זיך, לאַנג צו שמועסן מיט זייגע באַקאַנטע.

און זייט זיין ענין, זיין אידייע איז אָפּגעשטאָרבן, זייט ער איז געוואָרן אַ געוויינטלעכער באַאַמטער אָן שום אידעאַל און

העכערע פּאָדערונגען צום לעבן, האט ער דערפילט, אַז ס׳האָבן זיך איבערגעריסן אַלע פעדעם, וואָס האבן אים פאַרייניקט מיט דער פרוי. טראַכטנדיק אָפט אין פארצווייפלונג וועגן דעם, אַז זיין פערזאָן איז פאַרן לעבן שוין אינגאַנצן פאַרפאַלן און ס׳איז אים זיך אומגעגלעך צוצופאַסן דערצו, איז קיסליאַקאָוון פלוצלינג געקומען צו אַן אומגעריכטן אויספיר פאַר זיך:

ווי באלד אַלץ איז פאַר אים פארפאַלן און להבא שטייט אים פאַר נאר אַ קלאָגלעך קליינבירגערלעך לעבן, אָן אַ אידייע און אָן שום רחמנות, איז איצט אלץ איינס! איצט האָט ער רעכט אויף אַלץ!

און דאָ איז אויפגעשטאַנען ווי אַ שטערונג, ווי אַ שטאַרקע מניעה — יעלענע וויקטאָראוונע. ווען ער האָט וועגן איר געטראכט, זענען אים איצט געקומען נאָר געדאנקען וועגן דעם אַז פאר דעם געלט, וואָס ער גיט אויס פאַר איר, וואלט ער געקאָנט האָבן אַ סך אינטערעסאַנטע באַגעגענישן מיט יונגע און שיינע פרויען — דאָרט, לפחות, איז כאָטש פאראן פאַרגעניגן און דאָ?

צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען דער געדאַנק וועגן דעם, אַז זי האָט פאר אים נישט קיין שום דרך־ארץ און ליבט אים נישט און ס׳ווייזט אויס, אַז זי קוקט אויף אים נאָר ווי אויף אַ קעגנשטאַנד פון באקומען געלט. זיינע אויגן האָבן שוין אָנגעהויבן פון צייט צו צייט אויף איר צו קוקן און צו זען, ווי ווייט דידאָזיקע השערה זיינע איז ריכטיק. און, ווען זי פלעגט ווערן „גוט און ווויל" האָט ער, ענטפערנדיק אויף אירע קושן, געטראַכט וועגן דעם, אַז זי וויל מן־הסתם עפעס קויפן און דעריבער איז זי אַזוי ליבלעך, ווויל און גוט.

אַמאָל האָט ער דערזען איר אָפּשפּאָרונגס־ביכל, אויף וועלכן זי פלעגט אוועקלייגן געלט אין באַנק, באַלד האָט אין אים נישט ווילנדיק אַ בליץ געטון אַן עקלהאַפטער געדאַנק: פאַרוואָס לייגט זי אריין דאָס געלט אין באַנק נישט אויף זיין נאָמען? פאַרוואָס קריכט נישט אַרויס פון קאָמאָדע דער גאָלדענער זייגער, וועלכן זי האָט אים אמאָל געשאָנקען?

און באלד האָט ער מיט אַ גרויל געטראַכט וועגן דעם, צו וואס — אַ קלאָג צו זיינע יאָרן — ער איז דערגאַנגען! וואָס פאַרע געדאַנקען עס קומען אים, אַ אינטעליגענטן מענטשן אין קאָפּ אריין, וועגן זיין חברטע אין לעבן. אָדער, ס׳קאָן זיין, אז ער איז שוין לאַנג נישט קיין אינטעליגענט, נאָר אַ דורכשניטלעכער קליינבירגער, אַ מיעסטשאַנין פון אַ גאַנץ יאָר? און ס׳קאָן זיין, אז זיין אינערלעכער ווערט, פאַרלירנדיק יעדע פאַרבינדונג מיט דערווירקלעכקייט, האָט שוין באמת אויפגעהערט צו עקזיסטירן. וואָס־זשע, ווי באַלד אַזוי, שטעלט ער איצט מיט זיך פאָר? וואָס איז ער אייגנטלעך אַזוינס? איז ער אפשר אינם קאָסמאָס־בילד אַ טראַגישער העלד, וועלכן ס׳האָט מנצח געווען עפּעס אַ קראַפט? אָדער ער שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס אַן אַנדערן גאָר?

נאָר וועגן דעם איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן. ער האָט איצט שוין געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי ער זאָל, נישט עובר זייענדיק אויף דער ערלעכקייט פון זיין געדאַנק, אָפּנאַרן אַנדערע און ניצול ווערן אויף וואָס פאַרן נישט איז אופן. און ווייטער זאָל שוין די געשיכטע אים צו געבן אַ העלדישן קראַנץ פון אַ מערטירער, אָדער עפּעס אַן אַנדער באַלוינונג, אַ מער פּשוטערן.

ענדלעך האָט ער זיך דערמאָנט אָנם בריוו, האָט אים פאַרחתמעט און זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ ביים טיש.

איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב צו זיין אַרבעט אין מוזיי — האָט ער ארויסגערוקט די האַנט אין לופטשיק, כדי צו וויסן, צי ס׳איז קאַלט אָדער וואַרעם. אויב קאַלט, קאָן מען אָנטון דעם דראַפּעגעם פּאַלטאָ, אַ גאַנץ אָנשטענדיקן נאָך, און אויב וואַרעם, ווען אים אויסקומען זיך אָנצוטון דעם זומער־פּאַלטאָ מיט דער מאוסער לאַטע אויפן רוקן...

אין דרויסן איז געווען גענוג וואַרעם.

קיסליאַקאָוו האָט גענומען דעם קאַפּעליוש, און פאַרטראַכטנדיק זיך אַביסל, האָט ער אַריבערגעוואָרפן איבער דער האַנט דעם פּאַלטאָ, באַשליסנדיק, אַז בעסער זאָל אים אַביסל שוידערן

פון קעלט, נאָר גיין איז גאָס זאָל ער מיט אַ אַנשטענדיק אויסזען.

עפנענדיק די טיר אין קאָרידאָר איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון אַ סצענע, וועלכע אים האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער אַנטקעגנדיקער זייט פון קאָרידאָר, פונקט אַקעגן זיין טיר. ער האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען די באַדייטונג פונם פאַרב, אין וועלכע ער איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַריינגעפאַלן מיטן פוס.

הגם קיסליאַקאָוו האָט געענדיקט אַ הויכשול און איז דורכגעגאַנגען נאַטורוויסנשאַפט, האָט ער דאָך געהאַט עטלעכע סמנים, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט דער וויסנשאַפט, נאָר זענען קאָנטראָלירט געוואָרן דורך צענדליקער פאַקטן.

נאָמענטלעך: ער איז שוין געווייגט דערצו, אַז אויב ס'טרעפט זיך עפּעס אַ מיאוסע זאַך, וועט שוין אומבאַדינגט נאָך איר געשען נאָך אַ מיאוסע זאַך, און ס'קאָן זיין, אַז אויך אַ דריטע און אפשר נאָך אַ פירטע. נאָר אליין וועט זי יעדנ-פאַלס נישט קומען.

די ערשטע מיאוסע זאַך, די ערשטע צרה איז שוין געשען! דאָס איז דאָס אומגעריכטע דעזשורירן זיינס אין הויז און דאָס אַרומקריכן אין באָד-צימער מיטן זאַק אָנשטאָט אַ פּאַרטוך. די אַנדערע צרה איז — דעם ווייבס פּרווו און די דריטע — אויף דער וואַנט אַקעגן זיך האָט ער דערזען אַ בויגן פּאַפּיר באַמאָלט מיט פאַרב מיט אַ קינסטלעריש „ב״לד" ענלעך צו די, וואָס מען מאַכט אויפן שער-בלאַט פון אונדזערע הומאָריסטישע זשורנאַלן. לויט דער אַלגעמיינער סיטואַציע, האָט ער זיך אָנגע-שטויסן, אַז דאָס בילד האָט אַ דירעקטן שייכות צו אים. ס'איז געווען אויסגעמאָלט אַ צימער, אַ טיש, אויף וועלכן ס'איז גע-ווען אויסגעשטעלט אַ מאַסע פלעשער ווין, אַזוי פיל, ווי עס קומט פאָר בעת אַן אָרגיע, און צווישן מענטשן, וועלכע האָבן אַביסל ד ערמאָנט די געסט, איז געזעסן ער, קיסליאַקאָוו (אויף דעם האָט אונטן אָנגעוויזן אַ אונטערשריפט) מיט אַ פלאַש, איבערגעקערט מיטן העלדזל אין זיין מויל. אונטן אַ נייַ בילד:

צר איז שוין אין קאָרידאָר, מיט צעשויבערטע האָר (קיסליאַקאָוו
האָט באַלד באַמערקט פאַר זיך די נישטענלעכקייט, ווייל די האָר
זענען געווען א סך קורצערע), אויך מיט א פלאַש אין דער האַנט.
און אין דער וואַנט האָט מען געזען א פיגור פון א פרוי.

קיסליאַקאָוו האָט נישט באַוויזן א קלער צו טון וועגן
דעם, ווי זיין האַנט האָט אַראָפּגעריסן דאָס בילד פון דער
וואַנט און עס צעטרעטן מיט די פיס.

XXII

א בלינדער אפילו וואָלט געטראָפן, אז דאָס האָבן אָפּגעפון די קינדער.

דאָס איז געווען א מין קללה. אינגאנצן איז אין דער דירה געווען ניין קינדער נפשות. אכט האָבן געהאט די ארבעטער און איינס די מיעסטשאנקע—א רויטער מיט זומערשפּרינקלעך און לאנגע אויערן.

זומער איז געווען נאָך נישקשה, ווייל פון אינדערפרי אָן ביז שפּעט אין אָוונט פלעגן זיי אוועקגיין אין הויף, זיי האָבן זיך דאָרט ארומגעיאָגט מיט די הינט, זיך געגריבלט אין זאמד און איינגעאָרדנט פארשידענע שפּילערייען, מיט וועלכע זיי פלעגן ממש פארטייבן די אויערן. דער הויף, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט הייזער, מיט פענצטער רייען אָן א צאָל האָט פאנאנדערגעטראָגן אָט די אלע געשרייען, דאָס געקוויטשעריי איבער אלע פענצטער, אזוי, אז זיי איז אויסגעקומען צו האלטן פארמאכט. זיך אקעגנשטעלן דידאָזיקע לויפנדיקע, שרייענדיקע און קוויטשענדיקע קונדסים איז געווען ממש אוממעגלעך. נאָר זעלטן פלעגט זיך עמעץ ארויסרוקן פון פופטן שטאָק און א געשריי טוענדיק „די העלדזער זאָלן אייך געשוואָלן ווערן, ממזרים״, פלעגט ער זיך ווידער באהאלטן, פארמאכנדיק, אין כעס דאָס פענצטער.

ווינטער, און בעת א רעגן וועטער, איז געווען נאָך ערגער דידאָזיקע אלע נפשות זענען געזעסן אינדערהיים, זיך

אַרומגעפּלאָנטערט אין קיך און אומעטום געשטופּט זייערע נעזער, פון זיי איז נישט געווען קיין שום רעטונג. וואָס איינער זאָל נישט אָנהייבן עפּעס טון, זענען זיי שוין באַלד נעבן יענעם און אַרומריגלענדיק אים אין אַ קרייז, פלעגן זיי שווייגנדיק זיך צוקוקן צו יענעמס אַרבעט. בכלל האָבן אַלע לאָקאַטאָרן געהאַט זייער פיל אויסצושטיין פון דעם קליינוואַרג...

סוף זומער האָט זיך אין איינעם פון די שטיבלעך באַזעצט אויף צוויי וואָכן עפּעס אַ פּיאָנער, מיט מיליטערישע תנועות, אַ יונג פון אַ יאָר צוועלף. ער איז שטענדיק געגאַנגען אין אַ בלאָער רובאַשקע מיט אַ רויטן קראַוואַט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון דעם אַראָפּגעלייגטן קראַגן.

ער האָט געהאַט בולטע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן און, דערנענטערנדיק זיך מיט די לאָקאַטאָרן פון דער וווינונג נומער 6, האָט ער מיטאַמאָל צונויפגעשמאָלצן אין איין גאַנצעס די אָפּגעזונדערטע יחידים.

אַלע ניין פאַרשוין האָבן באַקומען אַ נאָמען „די אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון בודיענין". דעם רעיון פון אַזא נאָמען איז איינגעפאַלן איבדערצייט, ווען די „אָפּטיילונג" האָט, רייטנדיק אויף שטעקנס, איינגענומען אַ גענוג שטאַרק באַפעסטיקטע ווייסגוואַרדייאישע פּאָזיציע אין הויף ביים שמיעטניק. און אָט פון יענעם מאָמענט אָן האָבן די לאָקאַטאָרן פון דער דירה נומער 6 דערפילט, וואָס אַן אָרגאַניזאַציע הייסט.

דער ערשטער האָט עס אויף זיך דערפילט איפּאָליט קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט אַפילו גאָרנישט געוווּסט וועגן אַנטשטיין פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער קראַפט, — די אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון בודיעני און אַ פּשיטה שוין זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, וואָס עס קאָן ווייטער זיין.

XXIII

דער פּראָיעקט צו רעאָרגאַניזירן דעם מוזיי האָט זיך שנעל באַוועגט פאָרויס. קיסליאַקאָוו פלעגט קומען צו דער אַרבעט ווען אים האָט זיך געוואָלט און האָט כמעט נישט געאַרבעט אין זיין אָפּטיילונג, נאָר בעגאַנגען איבער די זאַלן און שטודירט, וואָס אין מוזיי געפינט זיך, כּדי אַלץ צו קלאַסיפיצירן לויט זיין אייגענעם פּלאַן.

אַמאָל איז ער, דורכגייענדיק איבער די זאַלן און צוזאַמענשטעלנדיק אַ ליסטע פון די עקספּאָנאַטן, וואָס ער האָט געדאַרפט, אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט צו פּאָלוכינען.

ער האָט גאָרנישט באַדאַרפט אין פּאָלוכינס קאַבינעט און פּאָלוכינען גופא אויך נישט. נאָר ער פלעגט איצט אָפט צו אים אַריינגיין אין קאַבינעט, כּדי פּאָלוכין זאָל אים אָפט זען און אָן אים נישט פאַרגעסן (פאַר דעם האָט ער שטאַרק מורא געהאַט). ער האָט אויך מורא געהאַט, אַז פּאָלוכין זאָל, פאַרגעסנדיק אָן אים, נישט איבערגעבן זייער פּראָיעקט עמיצן אַנדערש; חוץ דעם האָט יעדער אַריינגאַנג אין קאַבינעט צו פּאָלוכינען אָן אַ שום עסק, נאָר סתּם אַזוי, אַלץ מער און מער פעסטער געמאַכט זייערע באַציונגען און אַרויסגערופן אָן אַנגענעם געפיל אינם באַוווּסטזיין, אַז ער געפינט זיך אין אַ געוויסער פּריווילעגירטער לאַגע. „ער גייט אַריין אָן אַ מעלדונג אין קאַבינעט, ווען ער וויל". דאָס קאָן נישט יעדערער.

קיסליאַקאָוו האָט האַלב אויפגעעפנט די טיר אין קאַבינ-

נעט; דאָרט איז געווען שטאַרק אָנגערייכערט און ס׳זענען געזעסן אַ סך מענטשן. פּאָלוכין האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן קאַבינעט מיט גרויסע טריט, צעשויבערט די האָר און טיילמאָל ביים עק־צימער געמאַכט אַ לענגערן טריט, כּדי אַוועקצושטעלן דעם פוס פּונקט אויפן עק פון פּאַרקעטן־קאַנט. צייטנווייז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן עפּעס דערווייזן און אויפקלערן.

— הער־זשע, וואָס מען זאָגט דיר, פאַרמאַך ס׳פּיסק, — האָט ער צו עמיצן געשריגן, וועלכער האָט גערעדט זיינס און נישט געוואָלט הערן, וואָס מען רעדט צו אים.

ביי קיסליאַקאָווס אַריינקומען האָט פּאָלוכין צעשטרייט און אפילו מיט פּאַרדרוס פון אַ באַשעפּטיקטן מענטש, זיך אומגעקוקט אויף דעם קלאַפּ אין טיר און נישט ענטפערנדיק אויף דער באַגריסונג, ווייטער אַרומגעשפּרייזט און עפּעס דערוויזן, זשעסטיקולירנדיק, לויט זיין געוויינונג מיט דעם גלייך אויסגעצוויגנעם ווייז־פינגער.

— איר זענט פאַרנומען?... אפשר אַריינגיין שפּעטער? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט, דערפילנדיק פּלוצלינג אַ פּחדנות, ווען אויף אים האָבן זיך אומגעקוקט עלטערע מענטשן. ער האָט עס געזאָגט אין דער האָפענונג, אַז פּאָלוכין וועט אים זאָגן: „זעץ זיך, דו ביסט דאָך אַ היימישער!"

נאָר פּאָלוכין האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט אים אפילו נישט אָפּגעענטפערט און אָפּקערנדיק זיך, האָט ער אָנגעהויבן עפּעס צו דערווייזן מיט אַ נייעם ברען.

קיסליאַקאָוו האָט פאַרמאַכט די טיר און אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן איבערן קאָרידאָר.

ס׳איז געווען אַ חרפּה, וואָס אים איז אויסגעקומען זיך אַרויסצוטראָגן פון קאַבינעט, ווי אַ פרעמדער, וואָס מ׳האָט זיך פאַר אים אפילו נישט פאַרנייגט, נישט געענטפערט אויף זיין פראַגע אינגאַנצן מעשה־כאַם. און ער, אַ אינטעליגענטער מענטש, האָט געמוזט, ווי עפּעס אַ ביוראָליסט פון אַמאָליקע צייטן, זיך אַרויסרוקן פון צימער. ער האָט אפילו נישט די

מעגלעלקייט צו זאָגן אָט די מענטשן. צו פאַר אים איז אַ באַ־ליידיקונג זיך צו פארנייגן פאַר רוקנס און נישט באַקומען קיין ענטפער אויף זיין פראגע.

און אָט, אַ דאַנק דעם, זענען זיינע באַציִונגען צו פאָלו־כינען צייטנווייז געווען — ממש נישט אויסצוהאַלטן. און דער עיקר — אין זיי איז געוואָרן עפּעס אַ שפּאַלט. פאָלוכין האָט עס נישט געפילט, דערפאַר אָבער, קיסליאַקאָוו האָט עס שוין צו שטאַרק געפילט. דער שפּאַלט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס פאָלוכין איז ווי נישט ווי, פאָרט געווען זיין נאַטשאַלניק און קיסליאַקאָוו — נאָר אַ באַאַמטער.

און יעדער נאַטשאַלניק און פאַרנומענער מענטש האָט אַ טבע קודם־כּל צו זיין נישט שטאַנדהאַפטיק אין זיינע שטימונ־גען און זיי ענדערן זיך ביי אים אָפט. דאָ באַגעגנט ער דיך בסבר פּנים־יפות, גאָר פריינטלעך, פרעגט דיך אויס, פאַרוואָס מ׳זעט דיך נישט ביי אים, פאַרוואָס דו קומסט צו אים נישט מיט קיין וויזיט, ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז אים איז איינגעפאַלן אַ גלענצנדיקער געדאַנק און אים ווילט זיך דאָס אַרויסזאָגן פאַר דעם, וועמען ער איז געוויינט אַזעלכעס אַרויסצוזאָגן; דערפאַר האָט אים אַזוי הנאה געטון, ווען ער האָט באַגעגנט קיסליאַ־קאָוון, האָבנדיק בדעה אים צו דערציילן, וואָס פאַר אַ געדאַנק אים איז איינגעפאַלן. אָבער ער האָט געוואָלט דעמאָלט אים דערציילן וועגן זיין נצחון, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער זיינע שונאים, וואָס האָבן אים געוואָלט אונטערשטעלן אַ פיסל.

וואָס דען קאָן עס זיין?... ער האָט קוים געענטפערט אויף קיסליאַקאָווס באַגריסונג, געכמורעט דעם שטערן, אויף אים איז געווען אַ שטעמפּל פון צאָרן, מידקייט און פון עפּעס אַ מין באַציִונג צו די אַלע, וואָס רינגלען אים ארום, אַז פון זיינעט־וועגן מעג זיי טרעפן אויך אַ בראָך. אַבי אים נאָר זאָל מען לאָזן צורו, ער זאָל קאָנען בלייבן איינער אַליין, מיט זיינע געדאַנקען.

אַ באַאַמטער, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ שטי־מונג פון זיין נאַטשעלניק, פילט זיך אַזוי, ווי ער וואָלט געכאַפּט

אַ נורקע אין קאַלט וואַסער און הייבט אָן בּרעכן דעם קאָפּ איבּער דעם, — וואָס דאָס קאָן בּאַדייטן. דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז קיסליאַקאָוון געקומען אין קאָפּ אַריין, איז געווען — אַז עמיץ האָט געוויס אויף אים אָנגערעדט, געטריבּן איבּער אים רכילות אָדער אפשר אַליין ס'פּריִערדיקע מאָל אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַן איבּעריק וואָרט; אַז מיט אַ פּאַרטיי-מענטש דאַרף מען זיין פאָרזיכטיקער, ווייל אין עטלעכע פראַגן שטייט בּיי אים פּריינטשאַפט אויפן צווייטן פּלאַן און ער געדענקט יעדנפאַלס אַלץ און לאָזט קיין זאַך נישט דורך.

נאָר אויבּ אַנדערע האָבּן איבּער אים געטריבּן רכילות, טאָ וואָס האָבּן זיי אייגנטלעך געקאָנט אויף אים זאָגן און אָנ-רעדן פאַר פאָלוכינען: צי איז ער אפשר אַמאָל נישט געווען צו אָפנהערציק און צי האָט ער דעמאָלט נישט אייסגעפּלוידערט אַזעלכעס, וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן „פון יענער זייט ציין" נישט אַרויסצוכאַפּן זיך דערמיט אפילו פאַר אומפּאַרטייאישע בּאַקאַנטע? וויפיל מאָל האָט ער זיך שוין אַליין געזאָגט, אַז אויבּ ער איז שוין בּאַענט מיט די אומפּאַרטייאישע, דאַרף מען בּאַזונדערס שטרענג זיך האַלטן מיט זיי. אוי, גאָטעניו... ס'האָט געפעלט צרות — האָסטו דיר...

כּדי צו געווינען די לייטזעליקייט פונם נאַטשעלניק פּרווט דער בּאַאַמטער טון אַזוי, אַז דער נאַטשעלניק זאָל זיך צוריק-קערן צו זיין גוטער שטימונג. ער הייבּט אָן מיט אים צו רעדן וועגן זאַכן פון וועלכע יענער קאָן בּאַגייסטערט ווערן. נאָר וואָס טוט מען ווען דאָס רירט אים אויך נישט...

פונקט ווי אַ קינד, וואָס לאַנגווייליקט זיך, לייגט מען אים פאָר שפּילעכלעך, נאָר ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם, אַרויסרופנ-דיק דערמיט אַ אומרויקייט בּיי די עלטערן. —

די זעלבּע אומרויקייט האָט דער נאַטשעלניק אַרויסגערופן בּיי זיין פּראָטעזשירער.

און אַזאַ פּחד האָט בּיי קיסליאַקאָוון אַרויסגערופן פּאָלוכין, ווען ער פלעגט ווערן צעשטרייט און איז נישט געווען גוט אויפגעלייגט.

נאָר אין דעם פאַל האָט קיסליאַקאָוו זיך געזאָרגט און איז געווען אומרויק נישט וועגן פּאָלוכינען, נאָר וועגן זיך גופא.

ווען ער האָט גערעדט מיט פּאָלוכינען, האָט ער געקוקט אויף זיך פון דער זייט און האָט די גאַנצע צייט געזען עפּעס אומנאַטירלעכס אין זיינע אייגענע אינטאָנאַציעס, באַוועגונגען: ער האָט זיך געאיילט, גערעדט מיט היץ און ברען; נישט אַזוי ווי ער האָט געפילט און ווי דאָס טעמע פון געשפּרעך האָט געפאָדערט, און האָט אַליין אָנערקענט זיין אומנאַטירלעכקייט און געטראַכט, אַז פּאָלוכין באַמערקט זי אויך מן הסתם, — נישט אומזיסט איז ער געוואָרן אַזוי נישט אויפמערקזאַם און כמעט באַליידיקנדיק צעשטרייט. צוליב-דעם האָט ער נאָך מער געפילט זיין אָנגעשטרענגטקייט און אומנאַטירלעכקייט. און פון דער אַנדערער זייט — אַ באַליידיקונג דערפון, וואָס זיי ביידע, ער און פּאָלוכין, זענען נישט גלייך,-אַ זאַך וועגן וועלכער מ'טאָר אפילו נישט רעדן. און בכלל איז שוין באַליידיקנדיק דאָס, וואָס ס'זענען פאַראַן אַ סך זאַכן, פון וועלכע ער טאָר נישט רעדן מיטן פריינט זיינעם, ווייל ער איז אַ קאָמוניסט און מ'דאַרף מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מען איז אַלץ וועגן זיי ביי דער זעלבער מיינונג.

מער פון אַלץ האָט קיסליאַקאָוון שטאַרק פאַרדראָסן און געקרענקט איין שטריך, מיט וועלכן ער האָט זיך אויסגעצייכנט; די פעיקייט זיך צו פאַרטראַכטן אינמיטן סאַמען לעבהאַפטן גע-שפּרעך. ווען קיסליאַקאָוו פלעגט פון זיך אַליין אָנקווען דער-פאַר. וואָס ער רעדט אַזוי פריי און נאַטירלעך, פלעגט פּאָלוכין פלוצלינג מאַכן אַ טוּף פון געשפּרעך און אָנהייבן זיך אומקוקן אין די זייטן, מיט אַן אויסזען, ווי ער וואָלט דאָ גאָרנישט גע-ווען, אַזוי, אַז קיסליאַקאָוו פלעגט ווי בלייבן הענגען אינדערלופטן אַליין מיט זיין באַגייסטערונג, היץ און ברען און מיטן עטוואָס העכערן טאָן. און ער האָט נישט געוווסט, צו מען הערט אים אָדער נישט. ווייטער רעדן איז געווען נישט באַקוועם און אומ-געלומפּערט — פונקט דאָס זעלבע, ווי אַן אַקטיאָר זאָל מיט

אַטאָס שפּילן פּאַר פּוסטע שטולן פון פּאַרטער אין טעאַטער; אויפהערן רעדן — קאָן יענער זיך נאָך באַליידיקן.

און חוצדעם, האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ פּחד; ס'קאָן זיין אַז ער האָט שאָקירט פּאָלוכינען מיט עפּעס אַן אינטעליגענטישע פראַזע, מעגלעך, אַז פּאָלוכין האָט אפילו חרטה, וואָס ער האָט אים אַזוי מקרב געווען.

אין אַזאַ שווערן צושטאַנד און אין אַזאַ נישט פריילעכע שטימונג איז קיסליאַקאָוו געווען אויך איצט, ווען ער איז ארויסגעגאַנגען פון קאַבינעט און האָט אָנגעהויבן ארומצוגיין אין קאָרידאָר.

און ענדלעך נישט געפינענדיק גאָרנישט און דערפילנדיק אַז אַזאַ לאַגע איז אַ באַליידיקנדיקע פאַר אים, האָט ער באַשלאָסן, מער נישט אַריינצוגיין צו פּאָלוכינען און אומצוקערן זיך אַ היים.

ער האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט איבער די שטיגן, ווי אים האָט אָנגעיאָגט פּאָלוכין. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ פּאַלטאָ, וואָס לאָזט נישט דורך קיין נעץ, וואָס האָט געשמעקט מיט גומי, מיט אַ טעקע און הויכע שטיוול.

— חבר קיסליאַקאָוו, איר גייט אַ היים?

ער האָט עס געזאָגט מיט אַ פריילעכן טאָן און איז, ווי ס'האָט אויסגעזען, געווען גוט אויפגעלייגט.

קיסליאַקאָוו האָט קודם־כל דערפילט מיט פרייד, אַז אַלץ הייסט עס, איז כשורה, אַז זיין מורא און ספקות זענען געווען בחינם, און ער האָט רויק געענטפערט:

— יאָ, מ'דאַרף גיין אַ היים.

און אַליין האָט ער מיט צופרידנקייט באַמערקט די רויִקע זיכערקייט פון זיין ענטפער. ער האָט געקאָנט נישט נאָר נישט מורא האָבן פאַרן דירעקטאָר, נאָר זיין און זיך באַגיין מיט אים ווי מיט אַ גלייכן, ווי מיט אַ מענטשן, וואָס שטייט נישט העכער פון אים, צוליב דעם, וואָס ער איז איצט פאַרנומען מיט אַ וויכטיקן ענין פאַר דער אינסטיטוציע — וואָס ער אַרבעט

אויס דעם פראָיעקט פון רעאָרגאַניזירן דעם מוזיי און איז כמעט דער נאָענסטער און איינציקער ראַטגעבער פאַלוכינס.

קיסליאַקאָוו איז אפילו אויסגעקומען צו מאַכן אַ געוויסע אָנשטרענגונג איבער זיך, כדי אָפּצוהיטן דעמדאָזיקן רויק-חברשן טאָן, ווייל פון יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, האָט ער געפּילט אַ שפּרינגענדיקע פרייד: ער האָט ביי זיך געפונען אַ געמיינזאַמען טאָן און שפראַך מיט אַ מענטשן, פאַר וועלכן ער ער האָט נאָך מיט אַ וואָך צוריק מורא געהאַט און וועלכן ער האָט פיינט געהאַט, אַלס אַ געוועזער וואָס האָט אים אַרויסגע־שטויסן פון לעבן. און נאָר וואָס ביז געטראַכט נאָך צי ס'איז עפּעס נישט געשען. הייסט עס, אַז כ'איז גאָרנישט געשען.

און אַט גייט איצט דער „שונא" צוזאַמען מיט אים און ער, קיסליאַקאָוו, רעדט מיט אים אַזוי פּראָסט, אָן אַ שאָטן פון וואָסער נישט איז אַמטלעכער אונטערגעוואָרפנקייט, אפילו מיט אַ שאַטירונג פון אַ געוויסן איינפלוס אויף פאַלוכינען וועלכער אָנער־קענט קיסליאַקאָווס פאָרצוג פון אַ געבילדעטן מענטשן און קע־נער. און דער עיקר — ער אָנערקענט אים אַלס אַ מענטש, וואָס גייט מיט אים אין פוס-טריט, ד. ה. שטייט נישט אָפּ פון אים אין הינזיכט פון די פאָדערונגען, וואָס די צייט האָט אַרויסגערוקט, און וואָס שטויסט זיך אָן פונם ווונק יעדן גע־דאַנק זיינעם.

— נו, וואָס הערט זיך מיטן פּראָיעקט — רוקט ער זיך פאָרווערטס? — האָט פאַלוכין געפרעגט, אַ קער טוענדיק זיך צו קיסליאַקאָוון מיט זיין לעבעדיקן אויג.

— אָהאָ — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט — כ'האָב אַליין נישט דערוואַרט, ער זאָל מיך אַזוי אָנצינדן.

— מאָלאָדיעץ! ס'טוט מיר הנאה. גאַנץ גוט! מיר וועלן ברודערקע, פאַרשפרייטן... אַט, טו נאָר אַ קוק! — האָט פאַ־לוכין אויסגעשריגן און איז שטיין געבליבן.

זיי זענען פאַרביי־געגאַנגען פאַרביי אַ ניי זייער גרויס הויז וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען, ווו מ'האָט אויף אַ בלאָק („לעביאַקקא") אַרויפגעצויגן אינדערהייך סטאָפּעס ציגל.

— פילסטו, ווי אלץ בויט זיך ביי אונדז? איך בין זו־מער־צייט געווען אין דרום, וואָס דאָרט טוט זיך! אין קאָפּ הייבט אַזש אָן צו שווינדלען פונם קאָכעניש און דער זידיקער אַרבעט און מיר פאַרנעמען זיך גאָר מיטן אָפּהיטן די סאַקראָפּאַזשן און פּילעווען די בעטן פון די קסרים! איצט פאַרשטייסטו מיך?

— כ׳האָב פונם ערשטן וואָרט פאַרשטאַנען — האָט קיס־ליאַקאָוו געזאָגט, פילנדיק נאָך מער די אָנגענעמע באַרויקונג פון דעם, וואָס פּאַלוכין איז איבערגעגאַנגען אויף דו מיט אים.

— וואָס פאַרשטעלט איר דעם וועג, לאָזט! — האָט אויף זיי אַ געשריי געטון דער פורמאַן, וועלכער האָט אין דער שפּיץ פון אַ גאַנצער קייט וואָגנס, צוגעפירט אייזענע בעלקעס צו דער געביידע.

— פאָר, ברודערקע — ריק זיך — האָט פּאַלוכין לוסטיק און האָפעריק געזאָגט צום פורמאַן, אָפּטרעטנדיק אָן אַ זייט פון וועג און נישט באַליידיקנדיק זיך גאָר אויף זיין שרייען.

און האָט צוגעגעבן:

— אַ כּוח!... מ׳דאַרף נאָר זען זיך אַרויסבאַקומען פונם פויערס מאַכט, אים דורכלאָזן דורך אַ באַראַבאַן, און צערייבן אין אַ שטויסל, כּדי פון אים אַרויסצושלאָגן די אייגנטום־אינסטינקטן דעם עקספּלואַטאַרישן זויער־טייג

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק אויף דער געביידע און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אפנים — אויף זיינע געדאַנקען. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— מיר דאַרפן נאָר זיך דורכהאַלטן נאָך אַ יאָר דאַן וועלן מיר שוין איינפירן אונדזערע הויפּט־פאַבריקן, מיר וועלן אין זיי אַריינלאָזן די יוגנט. דאַן וועלן מיר אַ רעד טון מיט אַן אַנדער לשון. אוי, ווילט זיך מיר אָפּווישן אָט די אומרויקייט. כ׳וואָלט פון זיי געמאַכט אַש און בלאָטע — האָט ער צוגעגעבן, צו־נויפּבײַלנדיק די פויסטן — מיר וועלן זיי אַלע אַריינקוועטשן אין אַזאַ קלעם, אַז ס׳וועט פון זיי נישט בלייבן קיין שריד ופליט אין דאָרף וואַקסט אונטער אַ נייער דור. ס׳וועט שוין זיין, ווער עס זאָל בויען. נו, קום.

ווען זיי זענען ווייטער אַוועק, האָט פּאָלוכין פאַרגעזעצט:

— כ'האָב סתם אַזוי, איבערגעקוקט די מאַפּע פון דער פּיאַטילעטקע *) אָט, ברודערקע!... כ'האָב ממש אָנגעהויבן קוועלן פון נחת, ווען אויף איר האָבן זיך אָנגעצונדן די עלעקטרישע לעמפּלעך. דאָרט, וווּ איצט איז אַ געמויזעכץ, אַ בלאָטע, וועלן אין דריי־פינף יאָר ארום פינקלען עלעקטרישע שטערן, אָט אַזעלכע מאַשינען וועלן דאָרט אַרבעטן — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער מאַשין, וועלכע האָט אויסגעוואַלגערט אויף דער גאַס דעם גאָר וואָס אָנגעגאָסענעם אַספאַלט.

— און מיר דאַרפן גיין אין קאָנטאַקט מיט דער גאַנצער אויפבוי אַרבעט און ווי אויף דער מאַפּע, אָנמערקן אַלץ, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן. די פאַרגאַנגנהייט ברויכן מיר נאָר צוליב דעם, כדי צו ווייזן, פון וואַנען מיר גייען, וואָס פאַר אַ וועג מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַר אונדזער געשיכטע. ריכטיק אָדער נישט? — האָט ער געזאָגט, זיך אַ קער טוענדיק אינמיטן גיין צו קיסליאַקאָוון.

— געוויס. גאַנץ ריכטיק.

— אָך, די מאַמע דיינע... — האָט פּאָלוכין געזאָגט אויפגערעגט, צונויפבייגנדיק אַ פויסט און מער גאָרנישט צוגעגעבן.

וואָס לעבעדיקער פּאָלוכין איז געוואָרן, וואָס מער ער האָט גערעגט, אַלץ רויקער איז געווען קיסליאַקאָווס טאָן. פּאָלוכין האָט אין אַזעלכע פאַלן זיך געווענדט צו אים אויף דו, ווי צו זיינעם אַ גלייכבאַרעכטיקטן חבר און קיסליאַקאָוו האָט נישט ווילנדיק זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן די רויקייט און זיך נישט צו איילן, וואָס וואָלטן באַוויזן, אַז ער איז אַן אייגענער מענטש און אַז באַציִונג צו אים מצד פּאָלוכינען איז גאַנץ נאַטירלעך, אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו איילן און יעדע מינוט זיך אַרויס-

*) די פינף יאָר, וואָס די סאָוויעטן־רעגירונג האָט באַשטימט אויף די אויפבויאונגס אַרבעט.

אָגן, אז ער סימפּאַטיזירט מיט זיינע פּראָיעקטן, ווייל דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך.

פּאָלוכין האָט דערזען אויפן עק גאַס א מענטשן, וואָס האָט פארקויפט ביוסטלעך פון לעניגען און קאַרל מאַרקס.

— לאָמיר קויפן, — האט ער געזאָגט.

— יאָ, אמת, מ׳דאַרף קויפן, כ׳האָב זיי דאָך נישט — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

און זיי האָבן געקויפט יעדער א סטאַטועטקע פון קאַרל מאַרקסן.

— וועסט בעסער אַרבעטן, ווען ער וועט שטיין פאַר דיר אויפן טיש — האָט פּאָלוכין געזאָגט.

— איך אַרבעט איצט אָן דעם אויך גאַנץ גוט — האָט קיסליאַקאָוו זיך אָפּגערופן.

זיי זענען אַרויס אויפן ברעג טייך. פּאָלוכין האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט.

— אָט איז נאָך א שטיקל אַרבעט — און ער האָט אָנגעוויזן אויף א גיגאַנטישע געביידע פון סאָוונאַקאָם, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען. איינגעצאַנצן אַרומגערינגלט מיט רושטאָוואַניעס, האָט דער ריזיקער בנין זיך אויפגעהויבן הויך איבערן פלאַטשיקן נידעריקן אָרט פון רעכטן ברעג פונם טייך מאָסקווע, אקעגן אַלטן קרעמל, ווי דראָענדיק אים — וואס וואָלסטו זאָגן צום אָרט וואס זיי האָבן אויסגעקליבן, די הינטישע זין! איך האָב לכתחילה א קוק געטון אויף אָט דעם אָרט און פאַר מיר געמאַכט א „מי שברך" אויפן אַדרעס פון זייער מוטער. און איצט זע איך — אַז ס׳איז גוט און פיין און אַז זיי האָבן גאַנץ גוט געטון, וואס זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר דער געביידע אָט דאס אָרט. זי שלעפּט נאָך זיך די גאַנצע זאַריעטשע. פריער זענען דאָ געשטאַנען קלייַנע שטיבלעך, אַרום און אַרום איז געווען פּוסט און איצט קוועלט אָן דאס האַרץ דאָך פון נחת א קוק צו טון וואס פאַר א בילד! יישט אַזוי?

ער האָט זיך ווידער א קער געטון צו קיסליאַקאָוון.

יענער האָט, פאַרזשמורענדיק דאָס אויג, א קוק געטון, ווי

ווילנדיק קאָנטראָלירן זיין איינדרוק, דערנאָך האט ער זיך אָפּ-גערופן:

— יאָ, טאַקע אמת. כ'האב פון דעם פריער גארנישט גע-טראַכט. מיר איז דאָס גאָרנישט איינגעפאַלן.

אים איז אפילו געווען אנגענעם מיט עפּעס צו דערווייזן, אז ער, א מענטש מיט געשמאַק און מיט בילדונג, האט נישט באמערקט דאס, וואס פּאָלוכין האָט עס באַמערקט.

— איך ברודערקע, זע שוין גוט, וואס צו וואָס עס פּאַסט— האט פּאָלוכין געזאָגט.

זיי זענען אַוועק ווייטער. פּאָלוכין האָט א געוויסע צייט געשוויגן.

— לאָמיר אַריינגיין אין ביר-האַלע, — האט ער געזאָגט, אַרומקוקנדיק זיך פון אַלע זייטן.

זיי זענען אריין אין א ביר-האַלע. דאָרט איז געווען כמעט פּוסט, נאָר צוויי מענטשן לויטן אויסזען ענלעך צו טראַנספּאָרט-אַרבעטער, זענען געזעסן אין ווינקל אונטער א קינסטלעכער פּאַלמע פאַר אָנגעגאָסענע גלעזער ביר און א סך פאַרביסן מיט געווייקטע אַרבעס.

פּאָלוכין האָט זיך אומגעקוקט און זיך געזעצט אין ווינקל פון אַקעגנאיבער, א וואָרף טוענדיק דאָס היטל אויפן טיש און אָנווייזנדיק קיסליאַקאָוון אויפן שטול, ער זאָל זיך זעצן.

— אָט די זאַך וואָלט געווען א יושר אוועקצוּוואַרפן און פון דעם זיך אָפּצוגעוויינען — האָט ער געזאָגט, אַריינגיסנדיק אין זיך מיטאַמאָל א האַלב גלאָז ביר און א דריי טוענדיק מיטן קאָפּ.

— וואָס, דו האָסט ליב צו מאַכן א כוסה? — האָט קיס-ליאַקאָוו געפרעגט, איבערגייענדיק, אַליין נישט וויסנדיק, פאַרוואָס אויף דו. ער האָט אפילו געפילט ווי דאָס הארץ האָט דערביי ביי אים עפּעס אָנגענעם און מאָדנע א קלעם געטון.

— אַזוי, אַביסל, — האָט פּאָלוכין געענטפערט, אָפּרייבנדיק דאָס מויל און א שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלנבויגן אויפן טישל

און אנטוויקלענדיק, ווי ס'האָט אויסגעזען, דעם פריערדיקן פאָדעם פון געדאַנק, האָט ער געזאָגט:

— איך גלייב דיר, כ'האָב צו דיר צוטרוי און ווייס, אז דו ביסט אַ אונדזעריקער און יענע זענען — גאַרנישטן און טויגעניכצן.

קיסליאַקאָוו האָט ביי די לעצטע ווערטער פּאַלוכינס דערפילט דאָס, וואָס די סאָלדאַטן דערפילן געוויס, באַקומענדיק אַן אָפיצירישע אויסצייכענונג און באַלוינונג.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קיסליאַקאָוו איז נאָך אַלץ געזעסן אין דערזעלבער רויקער פּאָזע, האָט אין אים אַ וואָקל געטון אַ נייע כוואַליע פון הייסע צוגעבונדנקייט און ליבע צו פּאָלוכינען, זיינע פיס האָבן, דאַכט זיך אַריבערגעשפּאַנט אויפן אַנדערן ברעג, וואָס איז געלעגן אַנטקייגנאיבער דעם, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געפונען זיינע חברים, ווי אַנדריי איגנאַטעוויטש און מאַריע פּאַוולאָוונע און אַלע יענע, וועלכע זענען אצינד אומגעקומען, נישט געפינענדיק קיין מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין נייעם לעבנס-סדר. ער האָט אפילו נישט קלאָר דערפילט, אז יעלענע וויקטאָראָוונע — זאָל עס נישט געזאָגט ווערן איר צו קיין גנאי — איז אויך געבליבן אויף יענעם ברעג.

כדי נישט צו שווייגן און איינהאַלטנדיק גלייכצייטיק דאָס געפיל פון פרייד און דאַנקבאַרקייט פאַר פּאָלוכינס באַציונגען צו אים, האָט קיסליאַקאָוו באַמערקט:

— פונדעסטוועגן איז דאָ נייטיק אַ גרויסע אינערלעכע איבערבוי-אַרבעט.

— ווער זאָגט דען אז נישט קיין גרויסע!

— איך מוז דיר זאָגן, אז איידער איך האָב זיך באַגעגנט מיט דיר האָב איך זיך געפילט אַלס אַ ווייכגופיקער **איינטעליגענט** — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, אונטערשטרייכנדיק דאָס וואָרט מיט פאַראַכטונג, — וואָס האט מורא געהאַט פאַר אַרבעט פאַר פיזישע אומבאַקוועמלעכקייטן און ווען איר, באָלשעוויקעס, האָט אונדז גענומען אין אומזאַך, האָב איך אויפגעהערט צו זיין אַ ווייכגופיקער, פוילער און אצינד קאָן איך אַליין אַלץ טון. איך

וואָס אליין די פּאָדלאָגע, רייניק דאָס וואַנע־צימער. איך האָב איצט פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא.

— דאָס דאַרף מען דאָך פאַרשטיין! דו פּאַרשטייסט עס, און אַנדערע נישט. און זיי גייען נאָר אַרום אָנגעבלאָזן און ברוגז! — האָט פּאָלוכין אויסגעשריגן פּונקט ווי קיסליאַקאָוו האָט זיך אונטערגעשעצט און נאָך נישט אויסגערעכנט אַלע זיינע מעלות און זעם גרויסן ווערט פון זיי.

— אין אָנהייב איז דאָס זעלבע מיט מיר אויך געווען — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך אַליין נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן און מודה זיין, אַז ער האָט געוויסע פאַרדינסטן אין דער הינזיכט.

— אַהאָ — האָט פּאָלוכין זיך אָפּגערופן א קוק טוענדיק קייף זיין האַנט מיטן זייגערל — א גאַנצע שעה האָב איך אַרומ־שפּאַצירט און גאָרנישט געטון. קום צו מיר, וועלן מיר עפּעס עסן אין מויל אַריין. — איך דאַרף גיין אין אוניווערזיטעט.

XXIV

פּאָלוכין האָט פאַרנומען אַ נידעריק נאָר אַ גאַנץ גריימיק צימער, איבערגעציימט מיט ווענטלעך, וואָס דערגרייכן ביזן סופיט און באַקלעפּט מיט פּאַפּירענע טאַפּעטן אין בלימלעך.

אין איין העלפט צימער איז געשטאַנען זיין אַרבעטס-טיש מיט שטויסן ביכער פון ביידע זייטן, אויף וועלכן ס'זענען געווען אָנגעוואָרפן בויגנס צייטונגען, אַ שמאָל אייזן-בעט מיט אַ קישן און אַ רויט קומזטש-ציכל און צוויי פּאָטעלן, אויסגעריבענע אין די עקן פון די זיץ-ערטער באַשלאָגן מיט אַן אַלט דורכגעפּלאָסענעם שטאָף פון באָרדאָ קאָליר.

אין דער אַנדערער העלפט צווישן איין פענצטער און אַנדערן, איז געשטאַנען דער שטאָק-טיש, אויף די פענצטער זענען געשטאַנען בלומען-טעפּ מיט בלומען, אין ווינקל — אַ הילצערן, נישט געפאַרבט געפּעס-שענקל און אין צווייטן ווינקל, פון יענער זייט ווענטל דאָס בעטל פון זיין מוטער און אַ קאָמאָדע.

פּאָלוכינס מוטער האָט זיי ביידע באַגעגנט אויף דער שוועל, ווייל זי האָט זיך געקליבן ערגעץ וווהין אַרויסצוגיין.

— מוטער, מ'דאַרף עפּעס צובייסן. אָט האָב איך געבראַכט אַ גאַסט.

— אָ-אָ, פּאָטערל... באַלד, באַלד. כ'האָב שוין געמיינט, אַז דו וועסט ביזן אָוונט נישט קומען.

זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצודרייען אַהין און אַהער

האָט אַרויסגענומען פון קאָמאָדע אַ ריין טישטוך און געדעקט דעם טיש.

דאָס איז געווען אַ קליינע רירעווודיקע זקנה מיט אַ פרייַנטלעך פּנים; זי האָט, ווייזט אויס געהאַט שוואַכע אויגן און ווען אין צימער פלעגט אַריינקומען אַ נייער מענטש, פלעגט זי לאַנג זיך אין אים איינקוקן, באַמיענדיק זיך נישט צו פאַרשטעלן מיט זיך דעם שיין.

— דאָס איז אונדזער קלויסטער — האָט פּאָלוכין געזאָגט און אַ דריי טוענדיק מיטן קאָפּ, צוגעגעבן:

— דער רוח זאָל אים נעמען. ער ווייסט גאָרנישט פון קיין מאָס: ער האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש, איצט ווילט זיך אים נאָך אײנע. ביין, ברודערקע, גענוג. אַ סוף!

די ליניע פון געשפּרעך, וואָס פּאָלוכין און קיסליאַקאָוו האָבן געפירט אין ביר־האַלע, האָט זיך איבערגעריסן און קיסליאַקאָוו האָט נישט געוווּסט פון וואָס צו רעדן ווייטער.

— נו, זעצט זיך, פאָטערל, און לאָזט זיך נישט בעטן. עסט, — האָט די אַלטעטשקע געזאָגט, — לאַנג, לאַנג בין איך הייַנט געשטאַנען אין דער ריי נאָך פלייש... וויפיל וועט אַזעלכעס נאָך אָנהאַלטן?

— צו וואָס. ביסטו געשטאַנען? ווער׳ט דיך געבעטן. מ׳האָט דאָך געקאָנט עסן אין גאָרקיך. וואָלסטו פאַרשפּאָרט צו שטיין אין דער ריי.

— צוואָס איך בין געשטאַנען... אָט ביסטו געקומען אַהיים און באַלד געבעטן מ׳זאָל דיר געבן עסן?

— כ׳האָב געבעטן עסן, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז דו האָסט צוגעגרייט, און ווען כ׳וואָלט געוווּסט, אַז דו האָסט נישט צוגעגרייט, וואָלטן מיר אוועק אין גאָרקיך — און גענוג.

— און וואָס וואָלט איך דעמאָלט געטון?

— וואָס וואָרטשעסטו דאָרט?

— עס וועט נאָך אויף ווינטער אויספעלן ברויט אויך, וועסט שוין זען.

— װעלן מיר זיך באַנוגענען אָן ברויט, אָן ברויט װעט לייכטער זײַן.

— ע, קײן נוטער מענטש זאָל אײַך נישט קענען... — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט, אומקוקנדיק זיך אויפֿן שענקל, װײַל בעת־מעשה האָט דאָס געשיר אין שענקל — די טעלער און גלעזער — אָנגעהויבן טאַנצן פֿון אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, װאָס איז דורכגעפֿאָרן פֿאַרבײַ דעם הויז.

— נעם, נעם פֿלײש, — האָט פֿאָלוכין געזאָגט און האָט אַלײן כּמעט מיטגעװאַלט אַרײַנגעלײגט קיסליאַקאָװן אין טיפֿן טעלער אַ גרויס שטיק געקאָכט פֿלײש.

— װאָס איז מיט דיר, װאָס לײגסטו מיר אַרײַן גאַנצע בערג פֿלײש! — האָט קיסליאַקאָװ אויסגעשריגן — װי אַזױ װעל איך עס קאָנען בײַקומען?

זײַן אויסגעשרײ איז געװען מיט אַ נואַנס פֿון אומצופֿרידנקײט, אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער זיך געזען פֿון דער זײַט, װי ער שמועסט רויִק, מיט פֿאָלוכינען, װי מיט אַן אַלטן גוטן פֿרײַנט, אָנשטאָט אים דערשראָקן צו דאַנקען און זיך אָפּצוזאָגן פֿונעם פֿלײש, װי דאָס איז זיך נוהג צו טון יעדער גאַסט אין אַזאַ פֿאַל. װאָס איז נישט געבונדן מיטן באַלעבאָס מיט פֿעדעם פֿון פֿרײַנט־שאַפֿט און װאָס שעמט זיך אַביסל.

נאָך מיטאָק האָט פֿאָלוכין װידער אַ קוק געטון אויפֿן זײגער און גענומען פֿון טיש אַ צעפּאַלן העפֿט מיט װינקלען, װאָס האָבן זיך אָנגעהויבן װיקלען אין אַ טראָמבקעלע.

— נו, איצט װעלן מיר גײן.

קיסליאַקאָװ האָט באַדאַנקט די אַלטע, זיך מיט איר געזעגנט און זײ זענען אַרויסגעגאַנגען.

— איך דאַרף אַהער, — האָט פֿאָלוכין געזאָגט, װען זײ זענען דערגאַנגען ביז אַ װינקל, פֿון צװײ גאַסן אויף אַן אָרט, װוּ מ'האָט געבראָכן אַן אַלט געבויט הויז, אַ לאַנגס, ענגלעך צו אַ קאַזאַרמע. שטוב און קאַלעך האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אין אַ דינעם װײַסן שיכט, אַזש ביזן טראָטואַר פֿון אַקעגנאיבער.

פֿאָלוכין און קיסליאַקאָװ האָבן זיך געזעגנט. קיסליאַקאָװ

איז אַוועק צו זיך, כּדי אינאָווענט צוצוגיין צו אַרקאַדין. ער האָט זיך געפונען אין יענער געהויבענער שטימונג, בעת וועלכן די פיס גייען ווי פון זיך אַליין, נישט פילנדיק די ערד אונטער זיך. און אַלץ אַרום זעט אויס אַזוי שיין און גוט.

פון דערדאָזיקער צייט אָן האָט קיסליאַקאָוו אָנגעהויבן אָפּט אַריינצוקומען צו פּאָלוכינען און אַלץ מער זיך באַקענט מיט די קאָמוניסטן, וואָס פלעגן זיין ביי אים. ער איז אַריין אין זייער קרייז, ווי אַן אייגענער מענטש.

די פאָרטזעצונג פון ראָמאַן „ח ב ר ק י ס ל י אַ ק אָ ו״ —
„דריי פּאָר זיידענע זאָקן״

יידיש: ש. זאַקס